1 ה-

ה י כ א - -----> היכי.

ה י כ י |הייכע| - נאר אין די פראזעס:

/7 <u>היכי דמי</u> |הייכע דעמיי|.

1. אין גמרא - א ווענדונג מיט שטיינונג צו אן אמורא, ווען ער פארגלייכט צוויי זאכן, וואס אונטערשיידן זיך (<u>שבת, ד</u>).

2. (<u>לל</u>) ווי קען עס (געמאלט) זיין? ווי איז דאס מיגלעך? ווי פאסט עס איינס צום אנדערן?

1890 " איך בין דאך <u>אין</u> מיר. ווען איך, למשל, קריך ארויף אויפן ארון=קודש, בין איך אין גאנצן אויבן,|...|. לאמיך לויפן אין קעלער אריין, וועל א ך זיין אין גאנצן אונטן... נו, ווי אזוי קאן קיך קוקן אויף מיר?! <u>היכי דמי</u>?!".

<u>פרץ, 17, 46 - 47.</u>

ה–

## היכי תמצא |הייכע טימאצע/טימצע| – (לל).

1. ווי אזוי האסטו דאס אויסגעפונען? פון וואנען נעמסטו דאס?
ווי אזוי קאן עס זיין? וויגעשיקט זיך עס?

1865 " |...| דאס איז א היכא תמצא, ווי אזוי קען גימאלט
727 זיין, אז א מענטש זאל נאך דארפן צו זיין קו צוצאלן
עטלעכע קי |...|".
אנ, שבילי המלמדים, דף כז/ד.

... "ס'איז דען א היכי תמצא |...| אז די גאנצע וועלט
זאל ארייך | איך גימנאזיע|".
שלום=עליכם, דערצ' גימענאזיע".

1965 " ווי קומט עפעס וואווצי חזיר צו האבן אן ארעמען אורח
730 |...|, היכא תמצא?".
פ. רודאי, פער 69, V/2.

2. (אויך סובסטאנטיווירט) שארפזיניק צונויפגעשטעלטע גמרא=רעטענישן, וואס לומדים פלעגן פרעגן און פארענטפערן, אויך שפאסיקע, געווען פאפולער צווישן ישיבה=בחורים, וואס האבן געשארפט דעם מוח ביים פילפול.

% ער האט צונויפגעשטעלט א ספר מיט שארפע היכי=תמצאס.

|איינער א ספר אזא איז "עולת יצחק", פראג שס"ו |1606||

ה י כ ל |הייכל| - דער, =ים/=ות | הייכאלים/הייכאלעס|.

1. (פּאעטיש) א פּאלאץ, א פּראכט=בנין.

1938 " טראג איך דיך ליבסטע אין היכל אריין,// דארט

ווועל איך דיך אנטשפּויזן |...|". 744

סאצקעווער, 3, 203.

1941 " שאקאלן וועלן וואיען אין זייערע פּאלאצן און מדבר=הינט

אין די היכלים פון תענוג".

תרגום יהואש, ישעיה, י"ג - 22.

2. טעמפּל, ארט פון גאטסדינסט, ס'רוב וועגן בית=המקדש,

אדער וועגן הייליקסטן ארט אין בית=המקדש, דער קדשי=קדשים.

1832 " איך זאל גדיינקין אלי יאר מלכיות זכרונות ושופרות,

דאש מיר זאלין זיין גדאכט אין גאטש היכל". 756

איבז אנ, מחזור 2, דף נא.

1864 " |...| איך האט טרונוספוס |=טורניס רופוס| הרשע
דעם טאג |ט' באב| אויפגעאקערט דאס <u>היכל</u> און |ס'|איז 747
מקוים געווארן דער פסוק (ציון שדה תחרש)".
<u>ברודא, 1, דף פ"ג.</u>

1941 " לאמיר זיך צונויפקומען אין הויז פון גאט, אינעווייניק
אין <u>היכל</u>, און לאמיר פארשליסן די טירן פון <u>היכל</u>".
<u>תרגום יהואש, נחמיה, ו' - 10.</u>

3. דער ארון=קודש, דאס ארט אין א בית=הכנסת ווו מע שטעלט
אריין די ספר=תורה.

1957 " בלויז די ספרי=תורה אין <u>היכל</u> זענען געבליבן און
אלמערס מיט א סך ספרים, וואס קיינער האט ניט געבלעטערט". 768
<u>ח. גראדע, פער 155, !!!ע/13.</u>

4. לויט דער קבלה - פארשיידענע הייליקע ספערעס אין הימל,
אין בן=עדן.

1883 " |...| אין פערטן היכל זענען אלע אבלי=ציון וירושלים

און אלע וואס זענען דערשלאגן געווארן דורך די אומות 748

אשור ובבל |...|".

אנ, נופת צופים, 2, 14.

1938 " היכל=אויס, היכל=איין, אין דעם געטלעכן שיין,//

ביז אין היכל משיח אריין". 761

לעסין, 3, 132.

1943 " ווי זשע קען צום היכל אנשלאגן א מענטש?".

באריישא, 3, 59. 761/1

1964 " און ביז די היכלות הויכע פאלג איך נאך מיין בליק |...|".

אליצקי, 2, 110. 770

...=יהל

0 היכל=... – הויפטטייל פון א צאל צונויפהעפטן (וואס ביידע טיילן זענען העברעיזמען), באטייט: דער היכל פון |...|, דער הויפט שייכדיק צום באטייט 4.

% היכל=אהבה, היכל=הטומאה, היכל=המשיח, היכל=נוגה, היכל=הקודש א"א.

1850 " |...| האב איך אנגעהויבן צו שרייען |דער בע"ש צו זיין רבין אויבן עולם=האמת |: וואס ווארפסטו מיך אוועק אין אזוי אן עת=צרה? זאגט ער צו מיר: ווייסטו וואס לאמיר גיין צום הייכל=המשיח".

ס' שבחי בעש"ט, ז' 13.

1883 " עס איז פאראן אויבן |...| היכל=אהבה, וואס אין דעם זענען פארבארגן אלע אוצרות של מעלה, דארטן גייען 777 ארייך די נשמות וואס זיינען די ליבהאבער פון דעם |...| מלך=עליון |...|".

אנ, נופת צופים, 2, דף קי"ז.

1940 " |...| איז ער נפטר געווארן בדעה צלולה, זאגנדיק
אז נאך פלגות=לוליא וועט ער זיין אין היכל=קודש 799
אין גן=עדן".
דוב=בער |...|, 1, 16.

1960 " |...| יעדן שבת קומעט ער |משיח| אריין אין היכל=נוגה
זיך צו דערוויסן די סודות=התורה |...|". 795
טרונק, פער 68, [V]25.

## היכל. ם

1. ←----

1711 " |...| און דרייא מויארן ווערין איין פאלין
אונ' איין גרוש היכל והמושל פון דער שטאט ווערט שטארבין". 740
נחלת צבי, 1, דף כ"ג.

<----- .2

1661 " אונ׳ דער דינר דיינש היכל דער איז גיוועזן
772/1 בקליידט מיט פירדלייא פארבן, מיט וואורמל זיידן רוט
אונ׳ מיט בלא זיידן אונ׳ מיט ווייש ליינן אונ׳ פורפר זיידן".
יוסיפון, 2, דף רפ"ח.

1764 " אונ׳ מיר הבן קיין דר לובונג דז מיר דערפן אונזר
772 הענד אויש שטרעקן אין דעם (היכל) פון דעז הייליגן גאט".
יוסיפון, 5, דף קי"ד.

<----- .3

1743 " |...| אונ׳ אלי חזנים |...| בענשן דר נאך דיא
772/2 (ראש=ישיבות) אונ׳ מן טוט ווידר דש (ספר תורה אין (היכל)".
שארית ישראל, דף י"ז.

4. ←-----

1626 " אונ׳ צו מיינם גוט שרייא איך ער הירט פון זיינום

771 היכל מיין קול |...|".

ס׳ המגיד, 1, תהילים, י"ח - ז.

1743 " זולכי תפלות וואז בכוונה זייך גוויזן אן גמישט פון

766 מחשבה זרה |...| פר טרייבט זיא דר מלאך סהדיאל פון

די טיר פון היכל".

קב הישר, 2, דף י׳.

ה י כ ל ש |הייכלש| - אדי. (שנש) (ווי) פון (א) פאלאץ.

... " צו היכלשער טיף וועט מיך פירן דייך פרוזדור".

ה. לייוויק.

........................................................

רעד: איך קארטל איז נאר אנגעגעבן: הל, אן ווערק, זייט

........................................................

(?נ?) ה י כ ל ע |הייכעלע| - דאס, =ך. פּקפּ פון היכל|הוירוב.|.

רעד: צו וואס?! וועלן מיר אויך געבן"חדרל, ספרל,
תורהלע" ווי באזונדערע פאזיציעס?

....................................................................

רעד: אין קארטל איז דא א ביישפיל:"געהיכצט פון פארגעניגן",

און א צושריפט "בערג" זאל עס זיין א ציטאטע פון בערגלסאנס

א ווערק? פון וואנעט?

....................................................................

ה י כ צ ן I - אוטוו. שטיל לאכן, כיכיקען |סטוטש 511|.

1947 " מיט א מאל גיט זי א היכץ ער שלאפט ניט.

ער קוקט אויף איר". 806/1

דאבין, 1, 221.

רעד:כ׳בין זיך מודה: קיין מאל ניט געהערט דאס ווארט.
פון ציטאטע=קאנטעקסט איז דער אויבן געגעבענער
טייטש ניט זיכער. לויט אן אנדער קארטל ( פון אן
אינפארמאנט איז היכץ = קרעכץ - וואס לייגט זיך
מער אויפן שכל.

ה י כ צ ן II - אוטוו. קרעכצן, זיפצן.

1971 " דאס לעבן זיינס, האט ער שטיל געהיכצט, האט

פארלוירן דעם געשמאק". 805

א. העפטערמאן, פער 155, VI/25.

........................................................

רעד: זען באמערקונג צי היכצן I

........................................................

(?נ?) ה י כ ר |העקער| - דער, =ים. |העקיירים| (לל) דערקען=סימן, אונטערשייד=סימן.

1875 " אין עטלעכע טאג ארום האט זיך דער חתן איבערגעקלערט:
733 ווי אזוי קאן דאס זיין, אז זיי |דעם חברס כלה און זיין
כלה| זאלן ביידע אלצאיינע צורות האבן, נאר אן איין
היכר".
אנ, קהל חסידים, דף ס"ט.

1905 " דער טעם וואס אין הושענא=רבא פלעכט מען אויף די
735 פלעכטלעך פון לולב, כדי מען זאל ווייזן, אז היינט איז
די מיצווה נאר מדרבנן, וועט זיין א היכר".
אנ, ס' מטעמים, דף 31.

ה י ל - דער, [illegible] פּפֿ היליע,

1. (עלט) מין איבער=בגד, פּעלערינע.

1851 " און איין הול פֿון א קעניגרייך וועסטו זיין אין

גאטס הענט". 810

תי: א הויב.

... " דער סחר האט ארויסגעפירט אויפֿן מארק א שאך נקבות

אין לייטע הילן, אין גן=עדן=קליידער ...". 1020

פּרץ, 6, 466.

2. (פֿיג) איינדעק, איבערדעק.

1947 " איידער עס פּלאצן די לעצטע הילן,// די בערג

צעפּאלן, די טאלן בילן // און ברויט פֿון אונטער גאנג 811

מאלן מילן".

ציטלין, 5, 193.

(?נ?) ם ה י ל !! - די? =ן. בנב.

1722 " (רבי בנאה) דער האט אב גצייכנט דיא הילן פון דיא

רבנים אום צו ווישן וויא וויט דיא קברים גין דש קיין 903

[illegible], כהן זאל אהין קומן".

מנורת המאור, 1, דף רי"ב.

ה י ל ד  א י נ נ ו |האיעלעד איינענא| - פֿר. טייטש:דאס יינגל איז ניטא; באטייט (פיג): ניטא, פארשווונדן, ניט געבליבן.

% מע רופט איס, מע זוכט אים און הילד איננו, ערגעץ פארפאלן געווארן.

ה י ל ד ז - -----← הילז.

(?ב?) ם ה י ל ו ר ע - די, =ן. שפריי. מה"ד:

... " וחשש - אוינ' שטופלך. י"א (1) אוגנו שפרונ"ורא

819 י"א (2) הילוין".

רייכלין 8, ישעיה, ה- כ"ד.

............................................................

רעד: דער טייטש איז פון קארטל.תי: "וחשש - שפריי".

............................................................

ה י ל ו ך |הילעך| - דער, בא.

1. שטייגער פון גיין, גאנג, באוועגונגען.

% א געלאסענער הילוך. א גיכער, געשמײדיקער הילוך.

1873 " וועדליק זיי זאגן, פירט זי |די קליאטשע| זיך אויף
834 עפעס זייער ווילד, איר גאנצער הילוך איז נישט ווי עס
באדארף צו זיין. וויל מען זי איינשפאנען, |...| שפרינגט
זי ארויס פון די האלאבליעס, שטעלט זי זיך אויף דיבאם|...|".
מענדעלע, 1, 67.

1961 " ניין ניין, קוקט זיך צו צו אים, ווי חותפהדיק
825 ס'איז זיין פנים און זיין גאנצער הילוך.
א. שטיינמאן, פער 44, נ' אפריל=מאי, ז' 12.

2. (ס'רוב איר/ביטול) קליידונג, אנטועכץ.

% ארעמער הילוך. אלטמאדישער הילוך. זעט נאר זיין הילוך - אפגעריסן אפגעשליסן!.

|1878| " דער ארענדאַר האט אנגעקוקט סענדערלען – און האט פון

824 גאנצן הילוך ארויסגעזען, אז דאס איז עפעס ניט גלאט

אזא פארשוין ווי אנדערע".

מענדעלע, 16א, 46.

1928 " זע איך וואס פאר א הילוך דו גייסט, וואס ווערט

835 פון דיר דער סוף זיין?".

אש, 9א, 12.

1943 " |...| לצים האבן גענומען חוזק מאכן פון זיין הילוך".

831 זינגער, 8, 498.

ה י ל ו ל א |הילולע| - די, =ס.

1. פריילעכע פארוויילונג, גרויסע שימחה, הוליאנקע.

... " האט ער אוועקגענומען די האנט פון הארצן און געמאכט א הילולא".

פרץ, "מסירת נפש".

1968 " צו גיין צום טויט מיט א יום=טובדיקייט,ווי צו א הילולא - א טאנץ?". 850

ב. האגער, פער 38, נ׳ 64, ז׳ 171.

2. א פריילעכע חסידישע מסיבה, ס׳רוב לכבוד א יארצייט נאך א רבין, א צדיק.

1957 " י"ט כסלו איז |...| ביי די חב"דער חסידים א דרייענדיקער יום=טוב: דעם מגידס ׳הילולא׳ דעם רבינס גאולה און א שטיקל שימחת=תורה". 845

ה. צייטלין, 1, 124 - 125.

1963 " |...| אלץ שטורמישער ווערט די חב"דער הילולא |...|".

847 ח. גראדע, פער 38, נ׳ 46, ז׳ 115.

3. (ספעציעל) טראדיציאנעלע פייערונג אין ל"ג בעומר, צום יארצייט פון רבי שמעון בר יוחאי, (ווענען מע האלט פאר דעם מחבר פון "זוהר"), באזונדערש אויף א גרויסן פארנעם פראוועט מען די הילולא אין ארץ=ישראל. ביים קבר פון ר׳ שמעון, לעבן צפת; קורץ: הילולא דרשב"י.

1841 " דיא קליינע קינדער וואש מען דארף זיי אפ שערן דאש

851 ערשטע מאהל, שערט מען ניט אין דער היים, נאר מעןווארט אויף דער הילולא פון ר׳שב"י, קומען די ווייבער מיט דיזע קליינע קינדער |קיין מירון| און יעדע אשה ברענגט איין גרוס לעכט, ווי דאש קינד איז גרוס, אונ׳ דער חכם הייבט אן צו שערן און די מוטער שערט די רעשט און לאזט אים פאות".

אנ. קורות העתים.

1898 " |...| למשל, די ל"ג=בעומערדיקע הילולא דר שמעון בן
854 יוחאי מיט אירע שניצערייען און לימענאציעס |=אילומינאציעס|"
לינעצקי, 10, 23.

1968 " זומער האט ער געפירט טליתים קיין טבריה און קיין
840 מירון, ווּ ייִדן פון אלע עקן וועלט זענען עולה=רגל געווען
אפצוריכטן די הילולא ביים קבר פון ר' שמעון בר יוחאי".
ש. איזבאן, פער 38, נ' 62 - 63, ז' 196.

0 הילולא=וחנגא |~ וועכינגע| - גרויסע שימחה מיט טענץ.
1912 " די טאנצערייען, די הילולא=וחינגא אינעם גלחס הויז,
דאס שפילן און טרומייטערן האבן נישט געלאזט שלאפן".
י. קאטיק.

1869 " |...| און די הילולות=וחינגות - די שכינה וועט
848 טאנצן מיט די אבות, מיט די נביאים |...| און מיט אלע
צדיקים".
צ. האגער, פער 38, נ' 66, ז' 143.

1769 ם " |...| די זעלביגי צייט ווערט גיהיישן הילולו דרשב"י."

857 ס' ידי משה, דף ל"ז.

ה י ל ז ( ע ) - די, =ן.

1. (באַט) די שאָל(עכץ), איינהיל אין וועלכע ס׳וואַקסן אַרויס די קערנער פֿון געוויסע געוויקסן, אַ שטייגער באָב, אַרבעס א"אַ; שויטן, סטרוטשקעס.

% אויסשיילן די אַרבעסלעך פֿון די הילזן.

1891 " אַ פּעטער באָדן איז גוט פֿאַר געוויקסן, וואָס וואַקסן אין הילזן (שויטן), |...|." 868

וועבער, 1, 15.

1916 "אַרבעס, באָב און לינדזן וואַקסן אין אַ הילזע אָדער סטרוטשע |...|." 816

מעריסאַן, 1.

2. דער צילינדרישער איינהיל פֿון קאַרטאָן און דין פּאַפּיר פֿון אַ פּאַפּיראָס.

% אנשטאפן די <u>הילזן</u> מיט טאבאק. די <u>הילזן</u> האבן א פילטער
ניט דורכצולאזן דעם ניקאטין.

1951 " איך זייער א גרויסער צאל זיינען געגאנגען די
שטעכערס, וואס אויף זיי טוט מען אן די <u>הילז</u> פון דעם 1815
פאפיראס".

<u>י. מארק, פער 106, 1463</u>.

3. מעטאלענער צילינדער אנגעפילט מיט פולווער איך וועלכן
ס'געפינט זיך די קויל (פון א ביקס, הארמאט).

% אויף דער ערד וואלגערן זיך די <u>הילזן</u> פון ארויסגעשאסענע קהילן.

1934 " סאראקין האט שוין געזופט קאלט וואסער פון דער
מעשענער קווארט, וואס איז געווען געמאכט פון א הילזע". 867

<u>ברעגמאן, 2, 14</u>.

4. (טעכט) מעטאלענער צילינדער, וואס דינט ארייַנצושטעקן
עפּעס; שפּונט, העלדזל.
|פּינקעל, 1, 12|.

**הילזן.** ם

1. ←-----

1723 " עז איז אסור ערביסן איין צו ווייכן אין וואשר דש
865 דיא שיליכט די הילזן זאלן הראב גין".
לב טוב, 2, זייט פער 92, נ' 3.

5. ←-----

הייטל פון ווייַנטרויבן.

1610 " אל טאג זיינר אב שיידונג פון אלם דש עש ווערט
863 גימאכט פון וויין שטוק דיז. ווייסן פון קערנן ביז הילזן
ניט זול עשן".
טייטש=חומש, במדבר, ו' - ד.

1760 " מחרצנים ועד זג הילזיך".

מלים לאלוה, דף 20. 873

6. שאלעכץ פון קערנער.

1626 " ווען דוא זעלשט שטוסן אייך נרך |=נאר| איך מערשר

|...| צווישן דען הרטן ווייץ דז מן שטוסט די הילזן 873

אים ווייץ |...| קאנשטו ניט אבטון פון אים זיין נרהייט".

ס'המגיד, ו, משלי, כ"ז - כ"ב.

ה י ל ז ן = ג ע ו ו י ק ס - געוויקס וואס זיינע קערנער וואקסן אין הילזן.

1891 "הילזן=געוויקסן רופן זיך אן אלע מינים ארבעס".

877 וועבער, 1, 78.

ה י ל ז ( ן ) = פ ר ו כ ט - די, =ן. פרוכט, וואס זיינע קערנער וואקסן אין הילזן.

1916 " באב און לינדזן געהערן צו א באזונדער גרופע (זיי הייסן הילזן=פרוכטן, ווייל זיי וואקסן אין א הילזע אדער סטרוטשקע)". 816

מעריסאן, 1.

ה י ל ז ( ב ) = ק ע ר ן - דער, =ער. קערן (זאמען) וואס וואקסט אין א הילז.

1960 " פארקויפער פון קטניות (ארבעס און אנדערע הילזן=קערנער און אויל) |...|".

883

איבז פעטרושקא, 1, דמאי, 2, 3.

ה י ל ז נ ש פ י י ז - די, בא. שפייז וואס באשטייט פון

הילזן=געוויקסן, ווי ארבעס, פאסאליעס א"א.

1864 " אלע מיני (קטניות) הילזנשפייז, וועלכע אפילו מותר

זיין אין הויז צו האלטן פסח, אסור צו עסן פסח, ווי 885

ארבעסן, באנען |...|".

ברודא, ו, דף, ע"ו.

ה י ל ז ע = פּ אַ פּ י ר – <u>דאס, בא.</u> זייער דין פּאפּיר אין

װעלכן ס'געפינט זיך דער טאַבאַק פֿון אַ פּאַפּיראָס.

ה י ל י א ק ע - די, =ס.

1. א (גרויסע) צווייג.

% מע האט געהייצט מיט טרוקענע הילּיאַקעס.

2. א שטעקן געמאכט פון א צווייג.

% ער טראגט א הילאקע אפצוטרייבן די הינט.

ה י ל י ם – אדוו, פא הילעם |ליפשיץ 1|. הורטאס,
אנגרא |סטוטש 32|.

..........................................................

רעד: כ'מיין, אז אויב שוין פארייִדישן און דיאלעקטיזירן
דאס פוילישע ווארט "          "איז ליפשיצעס אויסלייג
בעסער.

..........................................................

ה י ל י ע - די, =ס. דזוו היל/הילע (ב' 3).

ה י ל י ע - דּי, =ס. דזוו היל, ב' 1 |סטוטש 522|.

ה י ל י ע ן - <u>טרור.</u> הילן, איינהילן, איינדיעקן.

ה י ל ך - דער, =ן. 1. הויכער, שטארקער און ס׳רוב צעצויגענער קלאנג, רויש.

% דער הילך פון א דונער. מע הערט כסדר די הילכן פון הארמאטן.

1875 " |...| זיך אפגערופן האט דער הילך// דונערנדיק אין
906 הויז פון עק ביז עק".

מענדעלע, 10, ציט יובל=אויסג 1911,ז׳ 63.

1922 " |...| ער הערט זיך איין צו יעדן הילך".
911 י.י. זינגער, 1, 12.

1940 " די הילכן, די פייפן, די קוימענס מיט רויכן//
910 ארויס זיך פארמעסטן אין כוחות".

קושניראוו, 5, 107.

2. ווידער=קול, עכא |ליפשיץ|.

ה י ל כ ו נ ג  -  די, =ען. אקט פון הילכן; דאס הילכן.

ה י ל כ ו ת = ... ----> הלכה.

ה י ל כ י ק - אדי/אדוו.

1. קלינגענדיק שטארק, הויך.

% הילכיק געלעכטער. הילכיקע טריט. הילכיקע אפלאדיסמענטן.

ער האט אים געגעבן א הילכיקן פאטש.

1910 " די גלאק האט א קלונג געטאן הילכיק און רייך".

932 פרוג, 2, 82.

1929 " |...| די שטילע געדריקטקייט פון נויט און צרות

932/1 ליידן |...| מאכט הילכיקער און גרילצנדיקער דעם גריל

אונטערן אויוון".

בעל=מחשבות, 4, 48.

1974 " די שטילקייט אויף דער קריגשיף האט נאר געמאכט

914 הילכיקער דעם טומל אויף דער פליטים=שיף".

עלבערג, 2, 379.

2. (פיג) שטארק, בולט, אנזעוודיק. % הילכיקע פרייד.
דאס נייע בוך האט געהאט א הילכיקן אפקלאנג אין דער קריטעק.

1935 " דער ווייסער בריוו, די אותיות צווארפן,// האט
929 געשריען, ווי א הילכיקער אפיש |...|".
מאלאדאווסקי, 6, ליד " די הארטע נאענטע ווער".

1946 " די הילכיקע,אפט שרייענדיקע סאטירע פון דער השכלה=
941 ליטעראטור איז פארביטן געווארן מיט דער קוים אנגעוווּנקענער
איראניע פון א נאמבערג און א בעל=מחשבות".
ניגער, 5, 531.

1968 " די מאכט אין אטוואצק איז נישט געווען פארינטערעסירט
919 אין קיין הילכיקע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען -
אטוואצק איז געווען א באוווּסט קורארט |...|".
ז. לעבנבוים, יזב 2, 560.

7) הילכיקע קאנסאנאנטן - (גראמ) קאנסאנאנטן וואס ווערן
ארויסגערעדט מיט דער באטייליקונג פון די שטימבענדער; שטימיקע.

הילכיקייט – די, בא.

1. שטארקייט, אינטענסיווקייט, הויכקייט אין קלאנג.

% די הילכיקייט פון געלעכטער האט שאקירט.

2. (גראמ) שטימיקייט אין רעזולטאט פון אנטייל פון די שטימבענדער ביים ארויסברענגען געוויסע קאנסאנאנטן.

% די הילכיקייט פון א קאנסאנאנט פארשווינדט ווען נאך אים קומט א דומפיקער (אומשטימיקער) קאנסאנאנט.

הילכן - אוטוו, פפ (דיאל) הילעכן. ארויסברענגען קלאנגען/
רוישן הויך, שטארק, אינטענסיוו.

% די טריט הילכן אין דער שטילקייט. דאס געזאנג פון
כאר האט געהילכט. ס׳האט א הילך געטאן א דונער.

1873 " די לעצטע ווערטער |...| האב איך ארויסגעלאזט אויף
אויף א קול, אזוי הויך, אזוי שטארק, אז עס האט אזש 978/1
געהילכט אין גאנצן וואלד".
מענדעלע, 1, 65.

1916 " ס׳איז אים אויסגעקומען צו שטיין הינטער די גרויסע
באסן טראמבאנען און ער איז שיער ניט פארטויבט געווארן 948
פון זייערע ברייטע און הילכנדיקע נאטן, וואס זיי האבן
אים אריינגעבלאזן אין די אויערן".
רייזען, 10 120.

1929 " זיצן זיך קינדער אויף גראָז און מע רעדט,//

961 לויפן און הילכן ביז אוונג, ביז שפעט |...|".

האלקין, 1א, 19.

1969 " פון וואס איז אזוי גרויס איר שימחה? מחמת וואס

971 כאכאטשעט זי און הילכט אזוי ?".

ח. גראדע, פער 69, 12/IX.

▱ פּפּ הילכן: ווי א פּאס, ווי איך א קלויסטער, ווי א דונער,

ווי דער שופר של משיח – הילכן שטארק.

שוו: א פּוסטע פּאס הילכט העכער | נוער: שטארקער |.

ם

הילכן.

1716 " דא האב איך דאך געווישט דז דוא ווערשט דיך איבר

973 נעמן דא העט איך גאט די ניט זאלן בשאפן דיין לעבר דז

דאז קול הרויז גיט אונ' הילכט גלייך אז די פויק".

ס' המגיד, 3, יחזקאל, כ"ח – י"ג.

ה י ל כ ע ד י ק – אדי/אדוו. (פטמ) דזוו הילכיק.

1902 " |...| ער האט מיר |...| אויפגעוואָרפן צוויי

946 הילכעדיקע פלאַמפּייערדיקע פעטש |...|".

שלום=עליכם, 19, 59.

1930 " |...| צום סוף זיך הילכעדיק צעלאַכט".

947 רויזענבלאַט, 3, 50.

1956 " די גאַרנס הילכעדיק איך גאַרנס זיך צעדרויבן,

950 און אויף א וואַנט זיך שליידערט הילכעדיק א וואַנט".

מאַרקיש, 11, 434.

|| הילכעדיקייט – אדי/אדוו. (פטמ) דזוו הילכיק

[illegible] 277.

ה-

ה י ל כ ע ו ד י ק - אדי/אדוו. (פטמ) דזוו הילכיק

|סטוטש 277.|

|| הילכעוודיקייט - (פטמ) דזוו הילכיקייט.

ה י ל כ ע ר - דער, =ס. ראדיא=רעפראדוקטאר, מכשיר וואס
פארשטארקט דאס קול.

% רעדן דורך א הילכער.

1938 " ער האט געהערט זיין שטים, וואס ראדיאס און
985 הילכערס האבן צעטראגן איבער דעם גרויסן רויטן פלאץ".
זינגער, 7, 260.

1974 " בשעת דעם שיסן |די יידן| האט מען פון די אויפגעשטעלטע
989 הילכערס כסדר געהערט שפילן פארשיידענע מעלאדיעס |...|".
ר. אויערבאך, 2, 307.

ה י ל כ ת א |הילכעסע| - (אראמ) דזוו הלכה.

(?ב?) ה י ל ל ד י ק |הילעלדיק| - אדי/אדוו. (שנש) אזוי ווי

תנא הלל אין נוסח פון הללן.

1958 " |...| בנוגע זיך גופא מעג מען זיין אזא מחמיר ווי

997 מע וויל, אבער געדולדיק, הללדיק און מילד בנוגע א צווייטן".

י. מארק, פער 90, נ' !!!V - 2.

ה י ל ן I – טרור. (איינ) וויקלען, ארומנעמען, באדעקן, איינהילן.

1934 " א גרויסער ווינט מיט א שטויב |...| האט פון סטעפס הימל און ערד זיך געטראגן, און דער שטויב האט אלץ געהילט, פארפאראשעט דעם האריזאנט, די לופט |...|". 998/1
נסתר, 2, 244.

(?נ?) ם ה י ל ן II - טרוו. בנבב.

1676 " גגלויזרטי טופפ זול מן אויך טובל זיין, אונ׳

998/2 מן איז זיא איצונד ניט טובל אבר עש ווער בעשר מן הילט

די ריד פון חכמים".

ברנט שפיגל, פרק מ"א.

רעד: אפשר מיינט ער "האלטן" די רייד?

ה י ל ן ז י ך - __אוטוו.__ (איינטוויקלען זיך, איינדעקן זיך, ארומנעמען זיך, באדעקן זיך (מיט עפעס).

|1934| " איך א ווייסן פלאם די בערג __זיך הילן__ |...|".

__סוצקעווער, 3, 23.__

1966 " |...| די וועלט טוט איך אוונט זיך הילן,// דער פלאמיקער זונראד אהינטער די וועלדער פארזונקען". 1003

__האלקין, 4, 161.__

__הילן זיך אין טרויער__ - טרויערן. 7

(?נ?) ה י ל נ י ק I - דער, מצ הילניקעס. " מין פלעצל פון

1007 - 1008 ריטשענע מעל (אויך מיט קארטאפל), געבאקן אויף אייל"|קטור|.

רעד: די "ה" איז דא איבעריק: ס׳איז דאס אייגענע
וואס "אולניק" (זען גווב I, ז׳ 508).און דאס איז,
מסתמא, די הרטיקע פארמע, ווארעם ס׳שטאמט פון
אוקראיניש ׳ = אייל(אגב, ס׳איז דארט
ניט ריכטיק די עטימאלאגיע פון ווייסרוסיש זאגט
מען

ה י ל נ י ק II - דער, בא. (לאקל, מאסט, לעמבערגער געגנט).

אַ יינגלשע שפּיל, וואָס איז ענלעך צו בייזבאָל".

1009 |קטוו, פער 90, נ' V 6 - 4, ז' 157|.

ה י ל נ י ק !!! - דער, =עס. "דער שטעקן מיט װעלכן
מ'האט געשפּילט אין דער דערמאָנטער שפּיל װייזט אויס

1009 א נאָענטער קרוב צו "הילקע" קטור, דצוור.

ה י ל ע - די, =ס.

1. עפעס אין וואס מע הילט איין (מע וויקלט איין, מע פאקט איין).

% די מתנה איז איינגעוויקלט אין א שיינער הילע.

2. דאס שער=בלאט פון א בוך, זשורנאל.

% די הילע פון בוך איז געצייכנט פון א בארימטן מאלער.

1938 " |...| ברענגט עטלעכע ביכער מיט הילעס פון אלערליי
1011 קאלירן".

זינגער, 7, 312.

1968 "די קינדער זענען אליין געווען די רעדאקטארן און
1024 קארעספאנדענטן, האבן מיט גרויס ליבשאפט זיך אפגעגעבן
דער קינסטלערישער הילע פון יעדן נומער".

י. זלאטקאווסקי, יזב 2, 289.

3. פּפ הילע/היל מין פעלערינע.

|1931 - 1926| " א קארדינאל אין א פורפורנע <u>הילע</u> מיט
א גאלדענעם צלם איז אריינגעקומען |...|". 1022
<u>אפאטאשו, 14, 151</u>.

1948 " |...| פארקליידט אין קינסטלערישע אנצוגן, מיט
פלאטערדיקע האלדזטיכער און <u>הילעס</u> |...|". 1023
<u>י.י. שווארץ, 3, 114</u>.

4. (<u>עלט</u>) פרויענשאל, שלייער |<u>י. אפאטאשו, מלמדישע טייטש</u>,
<u>פער 90, ב׳ ד - 1</u>|.

5. (<u>אנאט</u>) באשטאנדטייל פון דער הויט, הייטל
|<u>סטוטש 240</u>| <u>גענויער בנב</u>.

ה י ל ע כ ן - ------> הילכן.

(?נ?) ה י ל ע נ יי ע ן - אוטוו. "דאס ארויספאלן פון די פעדערן

ביי עופות אדער די האר פון בהמות אלע יארן" |קטוו|.

........................................................

רעד: אין קארטל איז דא א ראשי=תיבות: "אמד" -

זאל דאס זיין א ציטאטע פון דיקן? דאס ווארט אליין

איז א פארגרייזונג פון

מיטן זעלבן טייטש.

........................................................

ה י ל ע נ י ש – <u>דאס, בא.</u> דאס הילך (זיך) אפט, כסדר.

1927 " רו – ראשט אין שטילעניש, אין װילע **הילעניש** |...|".

1027 <u>לוצקי, 1, 216.</u>

1940 " |...| אין דער שטילקייט און **הילעניש** פון דער נאכט |...|".

1026 <u>פעט, 1.</u>

ה י ל ע ם - ------> הילים.

1032 (?נ?) ה י ל פֿ אַ ק – דער, =עס. "שאַרלאַטאַן" |קטוו|.

ה י ל ף - די, בא.

1. דער אקט פון העלפן, דאס העלפן.

% נייטיקע (גענייטיקע, דרינגענדיקע) הילף. פריינדלעכע

פריינדלעכע (חברישע, גוט=שכנישע) הילף. מאראלישע הילף.

פינאנציעלע הילף. פאראיין פון קעגנזייטיקע הילף.

בעטן הילף. געבן הילף. נעמען צו הילף (עמעצן).

רופן נאך הילף. פארלאזן זיך אויף (עמעצנס) הילף.

אויסשטעלן אויף (עמעצנס) הילף. מ'האט געשאפן הילף

פאר די נויטבאדערפטיקע.

1833 " אויב א מענטש האט שוין פאר בראכט זיין צייט אין

נארישקייט, זאל ער זען זעלבסט בראטין וועט ער זעהן 1087/1

אז קיין שום הילף איז אים ניט ארויס גיקומן פון דער צייט|...|".

איבן ר' משה בר' נתן=נטע |...|, 2, דף ל"ו.

1865 " דער סעקרעטאר לייגט פאר א צעטל, וועלכע מענטשן
1087/2 עס פאדערן הילף הן מיט געלט הן מיט א גוט ווארט און
גלאט אזוי א טובה".
ש. י. אבראמאוויטש |מענדעלע|, פער 177, נ׳ 4, ז׳ 55.

1919 " דארפן מיר איצטער |...| ווען פאר יעדן פון די
1087/3 קעמפנדיקע צדדים איז אזוי וויכטיק די הילף פון איעדן
פאלק, קומען מיט א ממשותדיקן אנבאט |...|".
זשיטלאווסקי, 9, 128.

1932 " מען האט גלייך |...| דערזען די הילף פאר דער
1087/4 געפלאגטער שטאט".
זינגער, 5א, 168.

1948 " מיר ווייסן שוין הילף - איז ארויסנעמען אים
1087/5 |דעם יידישן עמיגראנט| פון דעם גרינעמס בהלה, אין
אפטשוכען אים פון ערשטער שרעק, פון זיין צעטומלעניש אין
אמעריקעס געדרודער".
ריווקין, 1, 57.

2. עפעס וואס העלפט (מכשיר, מאטעריאל, עצה, אידעע אד"גל); מיטל.

% טאן עפעס מיט דער הילף פון |...|. די קלעצער האט מען צעשניטן מיט דער הילף פון אן עלעקטרישער זעג.

א סך קראנקייטן היילט מען שוין אויס מיט דער הילף פון אנטיביאטיקס.

1893 " דורך די |דער| שרעקליכע|ר| קאנקורענץ פון די
1087/6 גאנץ גרויסע גבירים, מיט די |דער| הילף פון זייערע געוואלדיקע מאשינערייען און ערפינדונגען |...| ווערן אלע קליינע געשעפטן=מאכערס רוינירט |...|".

פייגענבוים, 1, 31.

1922 " |...| דעריבער נוצט מען די בוויבריע ניט נאר
1087/7 צום שוואלן נאר צום גארבן אויך. אזא לעדער (געמאכט מיט דער הילף פון ברויט ברייע) רופט מען ביי אונדז 'ברויטרימען'".

וואולאך, 1, 19.

1938 " איך האב בשעתו געפרוווט נעמען זיך מיט דער הילף

פון אנאליז צום רעטעניש פון דער קינדערשער אמנעזיע..." 1087/8

איבז מ. וויינרייך, 2, 171.

3. א מענטש וואס מע נעמט אים (ס'רוב פאר געצאלט) אויסצופירן

א געוויסע ארבעט אדער צו מיטבאטייליקן זיך אין אן ארבעט.

% דארפן א הילף. נעמען א הילף. דעם רעמאנט פון הויז

וועסטו ניט קענען מאכן אליין, דו דארפסט א הילף.

מ'האט געמוזט נעמען א הילף אין שטוב אריין צו וואשן,

ראמען און אכטונג געבן אויף די קליינע קינדער.

4. די מי און/אדער עצה פון א מעדיצין -ארבעטער פאר א קראנקן.

% מעדיצינישע הילף.

1902 "געווײנטלעך דארף מען האבן די הילף פון א דאקטאר,

ער זאל אריינפראווען דעם ביין אויף זיין שטעל". 1087/9

מ. גאטליעב, פער 67, ג' I, ז' 60.

1970 " די ענגשאפט און אנטיסאניטארישע באדינגונגען האבן

1085 באלד ארויסגערופן א גרעסערע נויטווענדיקייט אין

מעדיצינישער הילף".

יזב 15, 767.

5. (געניצט אויסרופיק) רוף מע זאל העלפן, ראטעווען.

% אז דער באנדיט איז אים באפאלן, האט ער געשריגן:

הילף! הילף! ראטעוועט!

1934 " |...| מיד און אויסגעשעפט פון שרייען הילף //

1053 אומזיסטערהייט א גאנצע נאכט,// אזוי איז זי געווען

צעשראקן און פארטראכט |...|".

לאפין, ו, ליד "ווער ביסטו".

ג **גיכע הילף** – אינסטיטוציע וואס איז באשטימט צו געבן וואס גיכער די ערשטע מעדיצינישע הילף אין נויטפאלן, ספעציעל ווען דער קראנקער קאן אליין ניט קומען צום דאקטאר אדער שפיטאל.

% ארויסרופן די **גיכע הילף**. דער אמבולאנס פון דער **גיכער הילף** פארט גיך מיט א פייפעריי.

**סאציאלע הילף** – אונטערשטיצונג געגעבן דורך רעגירונג אדער מוניציפאלע אמטן פאר נויטבאדערפטיקע (ארבעטלאזע, אלטע לייט, יתומים אד"גל).

1970 "די 'שטיצע' איז פאקטיש געווען נישט מער ווי א קליינער חלק פון דעם אפצאל פון איינגווווינער אויף **סאציאלער הילף**, וואס יידן האבן געמוזט סילוקן צוזאמען מיט דער גאנצער באפעלקערונג". 1084

יזב 15, 764.

צו הילף! – רוף, אויסגעשריי צו בעטן הילף אין א נויטפאל.

מיט גאטס הילף (וואר: מיט גאט זיינער הילף, מיטן אייבערשטנס הילף) – באמערקזאץ, געניצט דורך פרומע מענטשן, אויסצודריקן אז יעדער זאך ווערט געטאן מיט דער הילף פון גאט.

% איך וועל אייך, מיט גאטס הילף, מאכן א גוט שטיקל ארבעט.

1863 " ער האט אונדז געגעבן א קלוגן ראט, און מיר זיינען, מיט גאטס הילף נמלט געווארן". 1059/1

דיק, 8, 24.

1888 " אט אזוי האט זיך עס געטאן, ביז מען האט, מיט דעם אייבערשטנס הילף, אקעגן נאכט זיך קוים לעבעדיק פארשלעפט קיין מלופסק". 1050

מענדעלע, 3, 69.

קומען צו הילף – העלפן.

... " איך האב דערזען, אז מע קומט מיר ניט צו הילף,

1076 האב איך זיך אנגעטאן א כוח און האב געפרואווט אליין אויפשטיין".

מענדעלע, 22ב, 85.

1088 (שגל) די הילף אונטער דער פלייצע, דער טויט פאר דער נאז -

געטא=ווערטל אויסצודריקן די שטענדיקע סכנה.

|בלומענטאל, פער 90, נ׳ XXI - 3|.

ס׳איז אויך געווען אן אנדער וואריאנט:

" די הילף אונטער דער פאליציי, דער טויט פאר דער נאז"

(ווארטשפיל: פלייצע - פאליציי).

---

שוו:

א ווייטע הילף איז א נאענטער טויט.

אט דאס אומגליק איז גרויס, איז די הילף נאענט.

אומעטום איז(הילף גוט), נאר ניט ביי דער שיסל.

°הילף/הלפא/ הוילף מה"ד:

.1 <------

1544 " דו האלפשט מיר אין דעם וואלד דא שאול דוך היניין.//

דיין שלוש אונ' דיין ועשט אונ' דיין הוילף". 1097

שמואל=בוך, סטר' 1693.

1679 " גאט איז מיין שטארק אונ' לוב אונ' איז צו מיר

צו איין הילף". 1047

בליץ, שמות, ט"ו - ב.

1764 " |...| אונ' נאך לייד קומט הילף, נאך דען אויף

שטין קומט איין פאלונג". 1096

יוסיפון, 5, דף ע"ה.

.2 <------

(?ב?) 1771 " |...| דאש זינען די גדערים וואש צו קיין <u>הילף</u>

קומט אודר דש עשין וואש מען ברויכט אליין |...|".

<u>בן המלך והנזיר.</u>

<u>קומען צו הילף.</u>

1743 " |...| אבר ווען דר מלך היט צום ערשטן אונ' היישט

1096/2 זיין חייל הינטן נאך <u>צו הילף קומן</u> |...| דא קומט דר

שונא אונ' נעמט אים אין גיפענגניש".

<u>קב הישר, 2, דף ל"ג.</u>

הילפגעשריי - דאס, =ען. דזוו הילפרוף.

|1916 - 1931| " |...| דיינע ווערטער, חבר מיינער, קומען

1157 צו פליען// דורך ווינטער=שטורעם אויף מיין הילפגעשריי |...|."

לייוויק, 6, 366.

1936 " |...| הארך זיך צו צו דעם קול פון מיין הילפגעשריי|...|."

1159 איבז גראס, תהילים, ה - ד.

ה י ל פ ו נ ג - <u>די, בא.</u> <u>(עלט).</u>

1. הילף אין ב׳ 1.

1821 " ווען עניים עסן אויף זיין סעודות מצוה איז דאס
1099/1 איז ממש גלייך וויא א קרבן |...|".

<u>קב הישר, 4, דף כ"ג.</u>

1875 " |...| נו, ווערן מיר אנהייבן צו ריידן פון אהבת=
התורה, דאס איז, ער זאל זיך מכוון זיין אין זיין לערנען
פון גאטס וועגן |...| און ניט פון זיין <u>הילפונג</u> וועגן
|...| מען זאל אים האלטן פאר א תלמיד=חכם".

<u>קב הישר 5, דף צ"ג.</u>

2. הילף אין ב׳ 2.

1848 " |...| דרוניך איז פאר האנדין צו פאר גלייכן
1100 מיט אזוי איינם וואש ער האט שלאפי אוגן, דש הער
האט ניט קיין <u>הולפונג</u> אונ׳ ליכטיקייט פון דער זון |...|".
<u>חובות הלבבות, 3, 265.</u>

ה י ל פ י ק – אדי/אדוו. וואס העלפט, וואס וויל העלפן.

1930 " א העכערן צוועק, מענטשן הילפיק צו זיין |...|".

1102 אש, 11, 318.

1963 " אזוי וועט אויך א מאל מיין זון // אים הילפיק זיין".

1103 מ.מ. שאפיר, 1, 118.

◻ אויסציען/געבן א הילפיקע האנט – זיין גרייט צו העלפן.

ה י ל פ ל אָ ז - אדי/אדוו. (דטשמ) וואס נייטיקט זיך
אין הילף און האט זי ניט, קען זי ניט האבן, שוואך,
אומבאהאלפן.

1884 " גאט איז עפעס איינעמס גאט, ווי איינעמס א וועשטס
1124 |=זאך, חפץ|? צי איז ער אזוי הילפלאז, אז מע דארף
קעמפן פאר אים?".
איבז י. ל|ינעצקי|, 1, 34.

1913 " |...| ווי האבן גייסטער בייזע, גרויזאמע,// געצויגן
1116 און געפליקט מיין לעבן הין און הער,// און גראער טאג
פאר טאג און מיאוסער געמאכט,// ביז אויפגעקנוילט און
קרימענדיק פון עקל זיך// געלעגן הילפלאז איז מַיין גֵייסט".
יהואש, 5, ליד "דאס שענסטע ליד".

1926 " |...| זי האט זיך מיט א מאל דערפילט אזוי שוואך
1118/1 און הילפלאז ווי א קינד".
אפאטאשו, 5, 89.

1945 " געוועק זיינען לעבנס... פארשוווינדן אין קברים - //

1114 און וואס זאלן טאן מיינע הילפלאזע הענט?".

סעגאלאוויטש, 9, 169.

ה י ל פ ל אָ ז י ק - אדי/אדוו. (דטשמ?) דזוו הילפלאז.

1951 " אין די הענט פון א געניטן בעל=פילפול איז דער

1123 תלמודישער טעקסט געוועזן הילפלאזיק".

ל. גינצבורג, פער 106, 533.

ה י ל פ ל אָ ז י ק ײַ ט  -  מצב פון זיין הילפלאז(יק).

1947 "די פאראורטיילטע |אין געטא| שליידערן אוועק פון זיך

די <u>הילפלאזיקייט</u>, פארצווייפלונג... מיידלעך און בחורים, 1127

כמעט קינדער, שאפן אין די פינצטערע קעלערן און לעכער

א פארכישופט וועלטל".

<u>ל. ברענער, יזב 8, 248.</u>

1971 " די זלאטשעווער יידן האבן זיך איינגעוועבט אין א נעץ

פון אילוזיעס און געפאלן אין פאסיווער אנמאכט און 1125

<u>הילפלאזיקייט</u>".

<u>מ. מאיראוויטש, יזב 7, 50.</u>

ה י ל פ ( ס ) = .... - באשטימטייל פון צונויפהעפטן,

באטייט: וואס גיט הילף, וואס העלפט (צו).

% הילפסארבעט, הילף=ארגאניזאציע.

הילפס=אומבאקאנטע - די, מצ דז. (מאט)

1130 |טערמינ׳ מאט׳, ווילנע 1921|.

הילף=אונטערנעמונג - די, =ען. אקציע צו שאפן הילף פאר עמעצן.

1970 " די סאנדזער נעמען אנטייל אין פארשיידענע הילף=

1130/1 אונטערנעמונגען".

יזב 15, 880.

הילפס=אינסטיטוציע - די, =ן. אינסטיטוציע וואס פארנעמט

זיך צו העלפן געוויסע מענטשן (ארעמע, קראנקע אד"גל).

1968 "ביי אונדז האט עקזיסטירט א פרעכטיקע הילפס=אינסטיטוציע

1132 ביקור=חולים, פורים איז געווען דער טאג פון זאמלען געלט|..."

מ. רעכטמאן, יזב 2, 407.

<u>הילפס=אקציע</u> – <u>די, =ס.</u> איינמאליקע טעטיקייט צו שאפן הילף פאר געוויסע מענטשן.

1970 " בכל אופן באווייזט א היסטארישער דאקומענט, אז די יידן אין סאנץ זענען אריינגעצויגן געווארן |...| אין דער ארטיקער <u>הילפס=אקציע</u> לטובת דעם פוילישן אויפשטאנד". 1132/1

<u>יזב 15, 199.</u>

<u>הילפסארבעט</u> – <u>די, בא.</u> שטענדיקע טעטיקייט צו שאפן הילף פאר געוויסע מענטשן.

1970 " גלייכצייטיק מיט זיין אנגעשטרענגטער און פארצווייגטער טעטיקייט אויפן געביט פון <u>הילפסארבעט</u> |....| איז רינגעלבלום 1136 געווען איינער פון די אנפירער פון דער אונטערערדישער באוועגונג אין געטא".

<u>יזב 15, 651.</u>

<u>הילפס=ארגאניזאציע</u> - די, =ס. ארגאניזאציע וואס פארנעמט זיך מיט שאפן הילף פאר געוויסע מענטשן (ארעמע, קראנקע <u>אד"גל</u>).

1971 " עס הערשט ארעמקייט און נויט. מען אלארמירט אין
1140 דער וועלט, און עס רופן זיך אפ פארשיידענע <u>הילפס=ארגאניזאציעס</u>
אין אויסלאנד און אויך גרובים |...|".
<u>א. פיוולאוויטש, יזב 7, 39.</u>

<u>הילפסארגאן</u> - <u>דער, =ען.</u>

1. (<u>אנאט</u>) בנב |<u>סטוטש 240</u>|.

2. אמט, אינסטיטוציע וואס שטיצט אונטער די ארבעט פון א צווייטער, העכער געשטעלטער פאר איר.

1948 " דער סטאטיסטישער אמט איז |...| אין דער ליקווידאציע=
1143 תקיפה |פון געטא| פארוואנדלט געווארן אין א <u>הילפארגאן</u>
פאר דער געשטאפא".
<u>פער 44, נ' 2, ז' 20.</u>

<u>הילפסארמיי</u> - <u>די, =ען.</u> ארמיי (<u>אויך פיג</u>) וואס העלפט
צו א צווייטער ארמיי וואס פירט אן מיט איר.

1973 " |...| שטעלן א ווידערשטאנד די נאציס, ווען זיי זענען
1145 געווען אין היטכפונקט פון זייער מיליטערישער מאכט מיט
א <u>הילפסארמיי</u> פון פוילישע און אוקראינישע אנטיסעמיטן?".
<u>יזב 18, 333.</u>

<u>הילפ(ס)געלט</u> - <u>דאס/די, =ער.</u> פינאנציעלע שטיצע,

געלט וואס איז באשטימט צו העלפן עמעצן.

1884 " |...| דורך זייער מיטווירקונג איז דיזעס |=[illegible]דאס[illegible]|

יאר באשטימט געווארן פאר די שליסלבורגער ארעמע בעלי=מלאכות 1154

<u>הילפסגעלטער</u> פון דעם קאמיטעט |...|".

<u>פער 74, נ׳ 46, ז׳ 721</u>.

1959 " |...| מיר |אמעריקע| גיבן <u>הילפגעלט</u>, און אט דאס

געלט קיקלט זיך דורך די קעשענעס פון די איראנער 1155

אין דער דייטשער קעשענע אריין".

<u>ב.צ. ג|אלדבערג|, פער 69, X!/29</u>.

1965 " |...| עס האבן אויך אויסגעפילט א וויכטיקע

אויפגאבע אין ווירטשאפטלעכן לעבן די יידן די <u>הילפסגעלטער</u>, 1156

וועלכע די עמיגראנטן פלעגן שיקן צו זייערע קרובים

קיין ליטע".

<u>פער 107, 236</u>.

1164 הילפסדרייעק - דער, =ן. בנב. |טערמינ׳ געאמעטריע |...|, ווילנע, 1921|.

1166 הילפסוויגקל - דער, =ען. בנב. |דצוו|.

הילפס=וויסנשאפט - די, =ן. א וויסנשאפט וואס אירע פארשונגען זיינען ניצלעך פאר אנדערע וויסנשאפטן.

% די נומיזמאטיק דינט ווי א הילפס=וויסנשאפט פאר געשיכטע.

הילף=טעארעם - די, =עס. בנב |סטוטש 54|.

הילפס=טעטיקייט - די, =ן. כסדרדיקע ארגאניזירטע ארבעט, באמיונג(ען) צו העלפן געוויסע מענטשן (ארעמע, קראנקע אד"גל).

1947 " עס איז אויסגעקליבן געווארן א קאמיסיע פון פינף

1175 חברים. איר אויפגאבע איז געווען, ערשטנס, הילף=טעטיקייט, מחמת די מערהייט חברים פאבריק=ארבעטער זיינען געבליבן ארבעטסלאז און אן מיטלען צום לעבן".
ל. אריסטא, יזב 8, 230.

1974 " |...| ס'איז אויפגעשטעלט געווארן |אין ווארשעווער געטא|
דאס גרויסע און פארצווייגטע ווערק פון דער יידישער
הילפס=טעטיקייט".
ר. אויערבאך, 2, 309.

הילפסטרופע - |סטוטש 453| ארמיי=איינהייט, וואס פירט
אויס א צווייטראנגיקע באהילפיקע פונציע.

הילף=ליניע - די, =ס. (מאטעמ)בנב |סטוטש 54|.

הילפמוסקל - דער, =ען. בנב |סטוטש 240|.

הילפ(ס)מיטל - דאס, =ען. זאך (מאטעריאל, מכשיר אד"גל)
וואס העלפט דורצופירן א געוויסער ארבעט, צו דערגרייכן
א געוויסן ציל.
% די טעלעוויזיע איז א גוט הילפסמיטל אין דער וואל=פראפאגאנדע.

<u>הילפמיליץ</u> - <u>די, בא.</u>

1. פרייוויליקע בירגער=מיליץ וואס העלפט דער פאליציי צו האלטן ארדענונג.

1182 2. (<u>שגל</u>) " די יידישע פאליציי אין זאבלאטאוו" |ב. בלומענטאל, פער 90, נ׳ XXI - 3, 1961|.

<u>הילף=פאליציי</u> - <u>די, בא.</u> (<u>שגל</u>) אפטיילונג פון פאליציי, וואס איז באשטאנען פון פאליאקן, אוקראאינער, ליטווינער, לעטן, וואס האבן געהאלפן דער דייטשער מאכט אין אומברענגען די יידן בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה.

1947 " |...| זיינען די גאסן אין געטא ארומגערינגלט געווארן

1184 מיט אוקראאינישער און לעטישער <u>הילף=פאליציי</u>. אלע האבן שוין געזען באשיימפערלעך, אז די ׳אקציע׳ הייבט זיך אן".

<u>יזב 8, 92</u>.

הילפספאנד - דער, =ן. א שטענדיקע סומע געלט, באשטימט דורך
א פריוואטער פערזאן אדער אן אינסטיטוציע צו געוויסע
מענטשן אדער אינסטיטוציעס.

1954 " אויפן ארט איז געזאמלט געווארן א גרעסערע סומע
1187 געלט לטובת דעם הילפספאנד פאר דער ארץ=ישראלדיקער
"פועלי=ציון=פארטיי".
ש. שארגעל, יזב 10, 159.

הילפספאראיין - דער, =ען. צדקה=אינסטיטוציע צו העלפן
געוויסע מענטשן (ארעמע, קראנקע אד"גל).

1947 " אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט=מלחמה האט
1189 די ארגאניזירטע הילף פון אמעריקע דורכן הילפספאראיין
|...| דערגרייכט טשענסטאכאוו אויף פארשיידענע וועגן |...|".
א. כראבלאווסקי, יזב 8, 259.

**הילפס=קאמיטעט** – דער, =ן. א קאמיטעט ספעציעל געשאפן
צו זאמלען און געבן הילף געוויסע מענטשן.

1947 " |...| ביים צענטראלראט איז צוליב דעם געשאפן
געווארן |...| א הילף=קאמיטעט, וואס האט געשטיצט די 1193
ארבעטסלאזע און זייערע פאמיליעס".
יזב 8, 56.

1971 " |...| דערצו האט מען נאך געהאט גליק, וואס די
ארטיקע יידישע באפעלקערונג האט געשאפן א הילפס=קאמיטעט 1192
פאר פליטים".
ז. אלטמאן, יזב 7, 311.

**הילפסקאסע** – די, =ס. אינסטיטוציע פון קעגנזייטיקער הילף
ביי געוויסע ארגאניזאציעס, פראפעסיאנעלע פאראיינען אד"גל:
די מיטגלידער טראגן אריין געוויסע באשטייערונגען,
ווערן געגעבן די נויטבאדערפטיקע מיטגלידער א שטיץ אדער הלוואה,

1968 " אין סעזאן, ווען עס איז געווען א סך ארבעט, האט

1195 ער |...| ארגאניזירט א הילפסקאסע,וואס זאל ארויסהעלפן

די ארבעטער אין די ווינטער=חדשים".

נ. געלבארד, יזב 2, 431.

ה י ל פ ס = ב א ד ע ר פ ט י ק - אדי/אדוו.

דער וואס דארף, נייטיקט זיך אין הילף.

1955 " איז עמעצער פון די לאנדסלייט קראנק אדער

1146 גלאט הילפס=באדערפטיק - שטייען אלע, ווי איין מענטש, הילפגרייטע".

פער 44, נ׳ 8, 70.

1974 " צווישן דער גרופע |...| האבן זיך געפונען טייל

1147 חברים, וועלכע האבן |...| געהערט צו די אמיינסטן אומבאהאלפענע און הילפס=באדערפטיקע מיטגלידער פון דעם ליטעראטן- פאראיין".

ר. אויערבאך, 2, 162.

ה י ל פ ( ס ) ב ו ך - דאס/דער, = ~ ביכער.

1. בוך וואס דינט ווי מאטעריאל פאר פארשונג.

% דער היסטאריקער האט אויסגעניצט פארשיידענע הילפסביכער צו זיין געשיכטע=ווערק.

2. בוך וואס דינט ווי מאטעריאל אדער געניטונגען צום לערנען א געוויסן לימוד.

1951 " אייניקע פון די דאזיקע חיבורים ווי , למשל, דער

'דרך סלולה', א הילפסביכל צום תנכישן דיקדוק פון 1149

יהודה בן אלעזר הכהן קראָן (1825) האבן געשפילט א

גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון יידישער בילדונג אין ליטע."

י. שאצקי, פער 106, 715.

ה י ל פ ( ס ) ג ר יי ט - <u>אדי/אדוו</u>. גרייט צו געבן הילף, צו העלפן

% דער מענטש איז תמיד <u>הילפגרייט</u>, זאגט קיין מאל ניט אפ א נויטבאדערפטיקן.

|| <u>הילפ(ס)גרייטקייט</u> - <u>די, בא.</u> אייגנשאפט פון/צו זיין הילפגרייט.

1968 " די היימלאזע יידן זענען געווארן גוט אויפגענומען.

1161 די קארטשעווער יידן האבן ארויסגעוויזן א סך <u>הילפסגרייטקייט</u> און גאסטפריינדלעכקייט".

<u>ה. גייער, יזב 2, 733</u>.

1973 " |...| זיי האבן אראפגעברענגט קרובים און פריינד

1162 פון אנדערע שטעטלעך און זיי געהאלפן זיך איינארדענען, געשאפן אן אטמאספער פון <u>הילפסגרייטקייט</u>".

<u>יזב 16, 143</u>.

הילפסווערב - דער, =ן. (גראַם) א ווערב וואס דינט צו שאפן געוויסע פארמעס פון ווערבן, ווי למשל, די פארגאנגענע אדער קומענדיקע צייט אד"גל.

% די פארגאנגענע צייט פון ווערבן ווערן אין יידיש געשאפן מיט דעם הילפסווערב ׳האבן׳ אדער ׳זיין׳.

1929 " |...| די פארמעס |פון געוויסע צונויפגעזעצטע ווערבן| קען מען פארמאל (לויטן הילפסווערב) קלאסיפיצירן אזוי: 1) פארמעס מיט וואלט, ב) פארמעס מיט זאל |...|".

זאריצקי, 1, 122.

1955 " די געוויינטלעכע קומענדיקע צייט איז צונויפגעשטעלט פון דער געהעריקער פערזאן=פארמע פון הילפסווערב "וועל" מיט דעם אינפיניטיוו פון גרונטווערב".

פערדמאן, 2, 65.

1978 " די הילפסווערבן ׳זיין׳ און ׳ווערן׳ שאפן זייער פארגאנגענע צייט מיט ׳זיין׳".

י. מארק, 3, 277.

ה י ל פ צ ײ ט װ אָ ר ט - דאס, ~ װערטער.

דזװ הילפסװערב.

ה י ל פ ר ו ף - דער, =ן. א רוף, א געשריי נאך הילף, מע זאל העלפן, מע זאל ראטעווען.

1949 " אין די פינצטערע נעכט האט מען געהערט עסדרידקע שיסערייען, קולות פון געפייניקטע, הילפרופן און אפהילכן פון מאשינ=געווער". 1202/1

זינגער, 9, 27.

1972 " די אימהדיקע הילפרופן האבן זיך אויסגעמישט געבראזג פון אויסגעהאקטע שויבן". 1202/2

צאנין, 3, 262.

ה י ל פ ר י י ך – אדי/אדוו. דזוו הילפגרייט.

1911 " ...| איך קען ווערן |...| רייכער, מענטשלעכער,

פריינדלעכער, הילפרייכער".

באוושאווער, 3, 212.

ה י ל צ וו א ר ג - דאס, בא.

1. דזוו געהילץ, אלערליי האלץ.

2. דאס געדיכטע, סאלידע געוועב וואס געפינט זיך צווישן דער קארע און הארץ פון א בוים אדער קוסט, אין די שטענגלעך, צווייגן.

1928 " מע האט פונעם פלאקסשטענגל אויסגעטרייסלט דאס גאנצע הילצווארג, וואס איז אין אים געוועץ". 1210

איזרא, 1, 34.

ה י ל צ ע ר ד י ק – אדי. (זן) דזוו הילצערן.

1920 " א הילצערדיקער בושל מיט אן אויסגעלאנגטן פסק //

1212 ביים אוונט=ברונעם שטייט דער שעפנדיקער שטאנג אויף איין

פארדארטער לאנגער פוס |...|".

מארקיש, 1, 177.

... " א, הארק! עס קלאפט דער פיקהאלץ אויס // א הילצערדיקן

1213 הימען".

קולבאק, פער 69, 28/V - 1961.

ה י ל צ ע ר ן - אדי.

1. פון האלץ (געמאכט, געבויט).

% א הילצערן הייזל. א הילצערנע בריק. א הילצערנער באראק. הילצערנע בעטן. די קינדער שפילן זיך מיט הילצערנע שווערדלעך.

1875 " די הילצערנע כלים ווארען |=זענען געווען|

1254 אויסגעשטעלט ביי זיי אין די פאקאיעס |=צימערן|".

דיק, 78, 8.

... " ערשט אין דער הילצערנער שטאט (די איינציקע מויער

1255 איז דעמאלט געווען דאס פריצישע איינקונפטסהויז אין

מיטן מארק - אן איינפארהויז, טראקטיר און קלייטן צו־

צוזאמען) |...|".

פרץ, 15, 34.

1934 "מיט א פראסטן הילצערנעם לעפל האט ער // די ציבעלעס
מיט קאווע געגעסן |...|". 1263
מ.ל. האלפערן, 4, 188.

1948 " |...| און דא אויפן מארקפלאץ די מעקלערס, די קרעמער//
די אלע וואס שעפן פון הילצערנעם עמער |...|". 1264
סעגאלאוויטש, 12, 93.

2. (פיג) הארט, טרוקן (ווי האלץ).

% א הילצערן געלעכטער. הילצערנע פראזן. ער קען דען זינגען -
ער האט דאך א הילצערנע שטימע.

1868 "ווער דולט זיך היינטיקע צייטן דערמיט |מיט גמרא|
דעם קאפ? טאקע נאר קליינע נשמות, די הילצערנע ~~מתנגדים~~ מתנגדי'ק." 1238
פער 177, נ' 11, ז' 85.

1926 " ווי הילצערן עס קומען ביי אים פון מויל ארויס

1238 די פרעמדע ווערטער |...|".

בארייזשא, 2, 26.

ד הילצערנע חתונה - (ביטול) וועגן א שלעכטן פארדינער.

הילצערנע חתונה - דאס פראוועץ א שימחה לכבוד פינף

יאר נאך דער חתונה.

הילצערנער טייטש - (שלש) וועגן יידיש=טייטש, עברי=טייטש.

הילצערנער מענטש - (שלש) וועגן אן אומרירעוודיקן,

אומגעשיקטן מענטשן, א גולם.

הילצערנע עברי|איוורע| - (שלש)וועגן גרייזיק לייענען פון

סידור/מחזור.

הילצערנע עדות|איידעס| - די צוויי שפענדעלעך, וואס פרומע

יידן לייגן צו צו די שטיקלעך אפגעשניטענע נעגל און

דערנאך פארברענען.

1866 " |...| ער האט אפגעשניטן די נעגל דאנערשטיק און

האט די נעגל ניט פארברענט מיט צוויי כשרע <u>הילצערנע עדות</u>

פון דעם טיש וכדומה אַזעלכע מצוות |...|".

<u>פער 177, נ׳ 4, ז׳ 55.</u>

(?נ?) <u>הילצערנע קלאַץ</u> - (<u>שוסטעריי</u>) טייל פון אַ קנאפּל.

<u>הילצערנער שפּייזער</u> - <u>דזוו</u> <u>הילצערנער ברויטגעבער</u>.

<u>שוו:</u>

<u>דאס הילצערנע שווימט פון אויבן</u> .

(?נ?) <u>קללות:</u>

<u>אַ הילצערנע צונג זאָל ער באַקומען!</u> <u>אויף הילצערנע פיס זאָל</u>

<u>ער גיין!</u>

ם

**הילצרן/הילצן.**

.1 <-----

... " המזבח עץ - דער טיש דער הלצין".

1211 רייכלין 8, יחזקאל מ"א - כ"ה.

1661 " |...| איין מאן פון אינן דער גיברייפט איין הילצינן

באלקן |...|".

יוסיפון, 2, דף שנ"ה.

1796 " |...| אלי הילצרני גפעס זויבר אפ רייבן דש ניט

1228 זאל וואש חמץ דראן קלעבן בלייבן".

דרך הישר |...|.

ה י ל ק ע - די, =ס.

1. פפ הילי‌אק(ע). צווייגל.

אוק:

2. קינדערשפיל, וואס באשטייט אין אונטערקלאפן א באלעם מיט א שטעקן (ענלעך צום אמעריקאנישן בייזבאל).

3. דער שטעקן מיט וועלכן מע קלאפט אונטער דעם באלעם.

ה י ל ר אָ ק - דער, ~ רעק. (עלט) דזוו היל (מין פעלערינע).

1943 " מען האט אים דערקענט אין |...| זיין ווארעמען

1273 הילראק, אין וועלכן ער איז געווען איינגעהילט".

אש, 14א, 134.

ס הילראק.

1791 " |...| מוז ער אין אלי קלײדר דיא ער הט קריעה רייסן

ניט מער אין העמד ניט און אין מנטל אבר הילראק ניט".

1274 ספר היים, 3, דף ו"צ.

(?נ?) ה י מ א ט י אָ ן - דער, =ען. דזוו הימאטיע.

ה י מ אַ ט י ע - די, =ס. מאנטל |סטוטש 522|.

(?נ?) ה י מ א ל א י ע ן - די, מצ.די העכסטע בערג אויף דער ערדקויל, געפינען זיך אין אזיע.

(?ב?) ה י מ אַ ל אַ י ש - אַדי.

1. שײַכדיק צו הימאַלאַיען.

% הימאַלאַישע שפּיצן.

2. (פּיג) זייער הויך.

1963 " די באַלערנדיקע לעבנס פֿון מאַנכע גרויסע גייסטער

1277 זענען אַפּט אומצודרינגלעך אין זייער הימאַלאַישער

דערהויבנקייט און שטרענגער ריינקייט".

י. גאָלדקאַרן, פּער 69, V/26|!/26?|.

ה י מ י ט - אדוו. (עלט) דערמיט.

|אנהייב X!X| " איך אונטערגעשריבענער ערקלער הימיט|...|".

1278 ציט פער 94, נ׳ !XXX, ז׳ 147.

ה י מ ל - דער, מצ (זן, פאעטיש) =ען.

1. דער לופטגעשפרייט איבער דער ערד וואס ס׳דאכט זיך אויס אים צו זען אין א קלארן טאג אין דער פארעם פון אן איינגעפוקלטן געוועלב.

% בלאער הימל. לויטערער הימל. פארוואלקנטער הימל. אויסגעשטערנטער הימל. דער הימל איז באלייגט מיט געדיכטע כמארעס.

1815 " הט זוך אויס גצויגין אונ אוז גווארן זייער גרויס ביז און |=אין| הימל |...|". |...| 1312/1

בראסלאווער מעשה מחכם, ז׳ 1"ד.

1873 " דער הימל לויטער, אויסגעשטערנט, און סאמע אויף זיין ברעג איז אזוי ווי פון דער ערד אויפגעגאנגען די לבנה". 1312/2

מענדעלע, 1, 15.

1915 " איבער וועגן לאנג שוין אפגעזומערטע,// אונטער

הימלען גרויע און פארקומערטע, // גייען מענטשן, 1312/4

גייען א ינגעבויגענע,|...|".

<u>לייוויק, 6, 83</u>.

1926 " איבער די פעלדער האט דער <u>הימל</u> זיך געהויבן,געווארן

טיפער, בלויער, געאטעמט מיט פרילינג". 1299

<u>אפאטאשו, 3, 167</u>.

1953 " פון איין עק <u>הימל</u> ביזן אנדערן האט פארבלענדט די

אויגן און א גוואלדיקער דונער האט אנגעפאנגען קראכן". 1312/5

<u>ברוסילאוו, 1, 92</u>.

2. לויט רעליגיעזע גלייבונגען - דאס וווינארט פון גאט,

פון די מלאכים פון דעם בית=דין=של=מעלה אד"גל.

(מע גלייבט אויך אז ס'זענען דא זיבן הימלען אדער

פארשיידענע מדרגות פון הימל).

% די צדיקים שפאצירן אין גן=עדן דארט אין <u>הימל</u>.

די נשמה גייט ארויף אויפן <u>הימל</u>. א מלאך פון <u>הימל</u>.

...182 " ווער איז דען אין <u>הימל</u> גאר אלץ מיט אנאנדער?

1308 ווער איז מטייל מיט השי"ת אליין? ווער האט דיא גרעסטע

דעה בעליונם אז ניט נאר דער בעש"ט אליין?".

<u>מאלאגה, 1, 236</u>.

1894 " דער שופר פון משיחס צייטן האט געקלונגען אין אלע

זיבן <u>הימלען</u>: באנציע שווייג איז ניפתר געווארן".

<u>פרץ, 17, 118</u>.

1908 " |...| דארט איז די שכינה נאר געווען דיין שכנה,//

1312/6 און דער באשעפער, ער האט אויפגעמאכט, // אנטקעגן זיינע

בלאנקע <u>הימלען</u> ריינע,// די טויערן דיינע פול מיט גלאנץ

און פראכט".

<u>מ. ראזענפעלד, 2, 174</u>.

1935 " דער שטן האט דערוועקט א שווערן גיטרוג אין הימל

1312/6 קעגן יענע וואס זענען וואקלדיק אין זייער גלויבן |...|".

באשעוויס, 1, 148.

3. אייפעמ׳ במקום גאט.

% רופן, בעטן צום הימל. ס׳איז באשערט פון הימל.

א ברכה פון הימל. א גזירה! פון הימל.

1900 " פון הימל האט מען אבער, א פנים, געוואלט, ער זאל

קומען צו ר׳ דודלען |...|".

פרץ, 17, 316.

1957 " פון הימל פירט מען דעם מענטשן |אים צו| ברענגען

1282 אויף תשובה=וועגן".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז׳ 194.

1959 " |...| איך הימל איז מען ניט א יסך צו באשטראפן

1282/1 דעם זינדיקן נאר אים מחזיר למוטב זיין, ארויפברענגען

אים אויף א גייעם דרך".

ד. מעקלער, פער 18, 2/x̄.

4. (זן) געוועלבטער סופיט, איבערדעק.

1972 " וואסי, כ'זאל דער מאמען ניט גלייבן?// איך קוק

1282/2 אינס שטערן=געווימל...// גיי ווייס, אז איך אויוון

דער אויבן // איז אויכעט א הימל".

טעלעסין, 1, 187.

א) פפ: בלוי ווי דער הימל, גרויס ווי דער הימל,

הויך ווי דער הימל. ליכטיק ווי דער הימל.

ווי פון הימל אראפ (געפאלן) – פלוצעם, אומגעריכט.

1968 " פאר מאניען איז די פראגע געקומען פלוצעם, ווי
פון הימל אראפ". 1374

ב. דעמבלין, יזב 2, 660.

ווי א דונער פון הימל - דזוו דפוו, ס'רוב ווען א שלעכטער
בשורה, אן אומגליק אד"גל.

הייס, ווי פייער וואלט געפאלן פון הימל - זייער הייס
(ווענן וועטער).

ב) עפּיטעטן א"א:

בלייע(ר)נע הימל(ען) - א) פארוואלקנטע הימל(ען)
ב) (פיג) טרויעריקע צייט.

|...| כאטש הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג,// קומען
וועט נאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה |...|".

ה. גליק, "פארטיזאנען ליד".

<u>אייזערנע הימלען</u> – "אן אויסדרוק פון ווינטש בנוגע א טייערן חפץ, מע זאל אים ניט אנווערן, מיט אן איראנישן ניואנס. אריבערגעטראגן א שפראך בנוגע א ציטעריק קינד".

<u>י. טשערניאק, פער 90, נ' XXVI – 3, ז' 88</u>.

רעד: כ'פארשטיי ניט דעם טייטש...

<u>אונטער אלע הימלען</u> – אין אלע לענדער, אומעטום.

1954 " אט די פלאנץ וועל איך מאכן לעבן בליען און געדייען אויף אלע באדנס. און <u>אונטער אלע הימלען</u>". 1375/1

<u>ציט' ח. גרינבערג, 3, 12</u>.

<u>אונטערן פרייען הימל</u> – אין דרויסן, אויף דער פרישער לופט, ניט אונטער א דאך.

הויך ביזן הימל – זייער הויך.

הימל בלוי – דער קאליר בלוי אזוי ווי פון הימל אין א לויטערן טאג.

1847 " |...| זענען נאך אירע |מרימס| אויגן אַזוי פריש, אזוי קינדעריש ריין, הימל בלוי".

פרץ, 17, 182.

הימל רויט – דער קאליר רויט, אַזוי ווי דער הימל אין מערב. ביי זון=אונטערגאנג.

ג) הימל און ערד.

הימל און ערד און |...| – אלץ, אלץ מיט אנאנדער, אלע.

הימל און ערד און סטרוטשקע באב – (שפאסיק) דזוו דפוו.

(ס'איז)הימל און ערד און שווינדל – אלץ איז אפנארעריי, ניטא קיין אמת אויף דער וועלט.

(ווייס) ווי הימל צו/ערד —א)(ס'איז) זייער ווייס (איך מהלך)

ב) (ס'איז) ניט צו פארגלייכן, אין גאנצן אנדערש, ניט ענלעך, ס'איז א גרויסער אונטערשייד.

1888 " זיי זענען באגאטישע, פארשימלטע פון דער אלטער וועלט, און ער איז איינער פונעם נייעם שניט |...|. דאס קליין |...| באווייזט גענוג, ווי ווייט אזעלכע זענען פון א רפאלן, אזוי ווייט ווי הימל פון ערד". (בוך)

מענדעלע, 3, 189.

ד) נאך ווערבן:

אויספירן (וואר: פועלן דאס טעלערל פון הימל - קריגן, אלץ וואס נאר מע וויל, די שענסטע, טייערסטע זאכן, ווערן געבאלעוועט.

אויפרודערן/אויפרירן הימל און ערד - טאן אלץ, אנווענדן אלע מיטלען, ווענדן זיך צו אלעמען כדי צו דערגרייכן עפעס (ס'רוב וועגן א נויטפאלן)

<u>איינבייגן דעם הימל צו דער ערד</u> - <u>דזוו דפוו</u>, אבער געניצט
ס'רוב באדינגלעך.

1903 " מען מעג אפילו <u>איינבייגן דעם הימל צו דער ערד</u>,
וועט ניט העלפן". 1369
<u>ספעקטאר, 3, 155</u>.

<u>איינריידן אויפן הימל א יאריד</u> - איינרעדן (דערציילן וועגן=
פארלייגן זאכן וואס קאנען ניט זיין. פארפירן, אפנארן.

<u>איינרייסן הימלען</u> - א סך און שטארק בעטן גאט, מתפלל זיין.

1916 " ליב איז מיר די מאמע רחל, וואס וויינט איבער דעם
גורל פון איקע פארווארלאזטע קינדער, און בעט רחמים, 1307
און <u>רייסט איין הימלען</u>".
<u>זילבערבוש, 1, 151</u>.

<u>אראפפאלן פון הימל</u> - א) קומען, באווייזן זיך פלוצעם,אומגעריכט.

1888 " סטייטש, סטייטש! פלוצלינג רומט, <u>ווי פון הימל</u>

(בוך) <u>אראפגעפאלן</u>,עפעס א שמערל |...|".

<u>מענדעלע, 3, 261.</u>

ב) (<u>איר</u>) צו/הוועגן עמעצן וואס ווייסט נישט וועגן וואס

ס׳רידט זיך, אריענטירט זיך ניט אין דער סיטואציע,

איז ניט אינפארמירט וועגן עפעס וואס מע ווייסט שוין.

% וואס פרעגסטו זיך אויף לייבלען, <u>ביסט פון הימל אראפגעפאלן</u>?

ער איז דאך שוין פון לאנג אוועקגעפארן פון דאנען!

<u>אראפפאלן (אראפגיין) פון הימל אויף דער ערד</u> - אויפהערן

צו פאנטאזירן, אויפנעמען די זאכן רעאליסטיש.

1903 " זיי האבן איר די פאנטאזיע איבערגעשלאגן און זי איז

פלוצעם ווי <u>פון הימל אויף דער ערד אראפגעפאלן</u>".

<u>ספעקטאר, 3, 108.</u>

באוועגן הימל און ערד - דזוו איפרודערן |...|.

געבן (וואר: נאכגעבן, דערלאנגען) דאס טעלערל פון הימל - געבן אלץ, וואס יענער וויל נאר, נאכגעבן אלע קאפריזן אין אלץ, באלעווען.

|1898?| " דו ביסט א פארצויגענע בת=יחידה, |...| און אז מע גיט דיר נישט דאס טעלערל פון הימל, ווילסטו אלעמען די אויגן אויסשטעכן |...|". בוך

פרץ, 17, 220.

הייבן ביזן הימל - צוגעבן עמעצן א סך חשיבות, לויבן אים שטארק.

זיין (וואר: פילן זיך) אין זיבעטן הימל - פילן זיך גוט, זיין זייער צופרידן, גליקלעך.

1914 " דער יונגער=מאן, וואס איז שוין בלאוו=הכי געווען אויפן זיבעטן הימל, האט א זאג געטאן |...|". 1296/1

שלום=עליכם, 97,26.

1951 " |...| האב איך זיך דערפילט אויפן זיבעטן הימל".

1286 טשארני, 1, 55.

טרעפן מיט א פינגער אין הימל – זאגן עפעס גיט צו דער זאך, ניט טרעפן, ניט וויסן.

1934 "ער |דער דייטש| טרעפט מיטן פינגער אין הימל, -חכמעט

1296 זיך איינער".

ברעגמאן, 2.

כאפן שטערן אין הימל – (גרוב געניצט נעגאטיוו) אויסצייכענען זיך מיט אויסערגעוויינטלעכע פעיקייטן, טאלאנטן, אויפטאן גרויסע זאכן, האבן א סך איניציאטיוו.

% ער איז ניט קיין שלעכטער אנפירער, אבער קיין שטערן אין הימל כאפט ער ניט.

לויבן אין הימל אריין – שטארק לויבן, געבן גרויסע שבחים, זייער רעקאמאנדירן (עמעצן).

<u>פועלן דאס טעלערל פון הימל</u> - <u>דזוו אויספירן</u> |...|

<u>פליען אין די הימלען</u> - זיך אפגעבן צו פיל מיט פאנטאזיעס, זיין אפגעריסן פון רעאלן לעבן, ניט האבן אין זינען די טאג=טעגלעכע ענינים.

<u>קוקן אין הימל אריין</u> - בטלען, פוילן זיך צו טאן עפעס.

<u>שוועבן אין די הימלען</u> - דזוו פליען |...|.

<u>שפאלטן דעם הימל</u> - שרייען זייער הויך, ליארעמען, גוואלדעווען.

ה)<u>פורל/גלורל:</u>

<u>ס'וועט פון הימל ניט אראפפאלן</u> - קיין זאך מאכט זיך ניט אליין, ניטא קיין ניסים, מע דארף אליין ארבעטן, באמיען זיך.

<u>דער הימל איז שוין ביי דער ערד (וואר: האט זיך אראפגעלאזט/ אראפגעפאלן אויף דער ערד)</u> - ס'איז שוין זייער שלעכט, דאס אומגליק איז זייער גרויס, ס'איז שוין ניטא קיין האפענונג.

דער הימל איז נאך ניט ביי דער ערד - ס'איז נאך ניט אזוי שלעכט, ס'איז נאך ניט אלץ פארלוירן, ס'איז נאך דא א האפענונג.

(ס'איז) הימל עפן זיך! - אויסערגעוויינטלעך! אומגעהערט! עפעס אזוינס - וועגן א גרויסן טומל, גערודער, סקאנדאל).

% טאמער גיט מען אים ניט דאס עסן אזוי גיך - איז הימל עפן זיך!

(ס'איז)אויפן הימל א יאריד - (יאר) ס'איז ניטא/ניט געווען אזוינס, ס'איז ניט אמת, ס'איז אויסגעטראכט.

ווען אויפן הימל וועט זיין א יאריד - (איר) קיין מאל ניט, ס'וועט ניט זיין.

ס'וועט (ניט) ווערן (קיין) א לאך אין הימל - ס'וועט קיין שום ווי־כטיקע זאך ניט געשען, אויב..., ס'איז ניט וויכטיק.

% אז גו וועסט איצט ניט פארן, וועט אויך קיין לאך אין הימל ניט ווערן.

ווען ער וואלט געשטארבן (וואר, וואלג: נעמט איין א מיתה=משונה),

וואלט געווארן א בארג אויף דער ערד, אבער ניט קיין

לאך אין הימל - ד"ה ער מעג שטארבן, ס'וועט ניט זיין

קיין גרויסע אבידה.

גאט אין הימל! פאטער אין הימל! - אויסרופן פון פארוווּנדערונג,

בקשה אין תפילה.

הימל און ערד זאלן זיך צונויפקומען |...| - אפילו ס'זאל

געשען דאס ערגסטע, דאס אוממעגלעכסטע |...|.

% הימל און ערד זאלן זיך צונויפקומען, וועסטו ביי מיר

ניט פועלן די זאך (וועסטו דאס נישט דערגרייכן אד"גל).

גיכער וועט דער הימל צו דער ערד קומען, איידער |...| -

דאס וועט קיין מאל ניט געשען, דאס איז אוממעגלעך.

הימל און ערד האבן געשווירן, אז |...| - דאס מוז זיין,

דאס וועט אומבאדינגט געשען.

די קולות (געשרייען, גוואלד, געוויין) גייען ביזן הימל -

זייער הויך, שטארק, מע הערט עס אומעטום.

שור:

בטחון ציט צום הימל, כבוד ציט צו דער ערד.

פון הימל פאלט גארניש. פון הימל גיט מען אראפ, אבער ניט ארויף.

גאטווארפט ניט אראפ פון הימל.

ווען גאט וואלט אונדז פון הימל געווארפן, וואלטן מיר ארומגעגאנגען

מיט צעלעכערטע שיך.

מודים ביז צו דער ערד און שמד=שטיק ביז צום הימל.

די וואס האבן א שׂר אין הימל, האבן אים אויף דער ערד אויך.

[ם]הימל/הימיל. מה"ד:

.1 <-----

1544 " דוא |גאט| זולשט איך דיינם הימיל איין רעכטר ריכטר
1387 זיין// האב איך הער גיזוגדט זוא אישט דיא זוינט מיין".
שמואל=בוך, סטר׳ 718.

1610 " |...| אונ׳ צו אל טיר דער ערדן אונ׳ צו אל פוגיל
1391/1 דש הימיל |...|".
טייטש=חומש, בראשית, א - ל.

1752 " צוועלף (מזלות) האב איך בישאפן אויף דעם הימל |...|".
1391/2 ס׳עץ חיים, דף ג.

.2 <-----

1544 " אז זיך נון הט גיליגט שמואל דער גיזיל.// דא
1391/3 ריף אים גוט בון הימיל אבר שמואל שמואל".
שמואל=בוך, סטר׳ 58.

1676 " |...| שפרייט רבי חנינא איין מענש שטוסט זיך ניט

1311 אהן זיין קליין ווינגער אונטן דעק מן שראייט עש אויש

פאר אים הימל". ברנט שפיגל, פרק יג.

1721 " |...| ווען איך אנדרש האב גפונדן לייט זעליקייט

1311/1 אין דייני אויגן דו ערשטר גאט באוואונר דיא הימלן".

מחזור, 2, דף רכ"ז.

.3 ←-----

1744 " דער מענש איז גיקריצילט אין גשטאלט פון הימל

1311/2 דאש איז דער צלם הלהים".

בחינת עולם, 1, דף ל"ז.

ה י מ ל = ... - באשטימטייל פון צונויפהעפטן, ס׳רוב באטייט: פון הימל, ווי פון הימל, שייכדיק צו הימל.

% הימל=בלוי, הימל=געוועלב, הימלזאַן, הימלמענטש, הימל=קאליר, הימל=קערפער, הימלראנד א"א.

(זען באזונדערע זוכווערטער).

ה י מ ל = ג א ר ט ן - דער, בא. דער גן=עדן. (?נ?)

1867 " פיר תנאים האבן זיך אריינגעלאזט אין די דאזיקע

1510 לימודים, וואס גרייכן אין הימל=גארטן אריין".

י. לינעצקי, פער 177, נ׳ 24, ז׳ 184.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ה י מ ל = ג ל א ב ו ס – <u>דער, =ן.</u> (<u>אסטר</u>) א גלאבוס,
אויף וועלכן דער שטערן=הימל איז פארגעשטעלט ווי א
קיילעך; שטערן=גלאבוס.

1868 " |...| אוודאי איז א מענאזשעריע און אן אראנזשעריע
מיט א <u>הימל=גלאבוס</u> פיל שענער און כאראקטעריזירט בעסער 1511
די יידישע רעליגיע".
<u>ארז, פער 177, נ׳ 46, ז׳ 337.</u>

<u>רעד:</u> כ׳בין מסופק צי דער הימל=גלאבוס פון דער
ציטאטע האט א שייכות צו דעם אסטראנאמישן
הימל=גלאבוס, בכלל איז די ציטאטע ניט קלאר...

-ה

ה י מ ל = ג ע ו ע ל ב – דער, בא. דזוו הימל.

ה י מ ל = ג ע ש ר יי - דאס, =ען. געשריי, ס'רוב ווען א

גרויסער עוולה, אומגליק, רוף נאך הילף אד"גל.

1865 " עס וואלט געווען א הימל=געשריי, ווען דאס זאל

געשענקט בלייבן |...|". 1515/1

רוף, 1, 42.

1900 " |...| און די געשרייען פליען, יאגן און פלאנטערן זיך:

עס ווערט א הימל=געשריי, א יאמער, ווי ביי א לוויה!".

פרץ, 17, 308.

1971 " ס'איז געווארן א גרויסע בהלה |...| און א געיאמער.

פרויען האבן זיך געריסן ביי די האר, קינדער האבן געוויינט, 1518

ס'איז געווארן א הימל=געשריי!".

א. ראזענטאל, יזב 7, 344.

ה י מ ל = ג ר יי כ ע ר  –  <u>דער, =ס.</u> <u>(שנש)</u> זייער הויכער,

פילשטאקיקער בנין; וואלקן=קראצער.

1956 " די צעצונדענע ריזקנויטן//פון די <u>הימל=גרייכערס</u> |...|".

1517/1 <u>י. גלאטשטיין, 1, 137.</u>

ה י מ ל = י ם |~יאָם| – דער, בא. (פּאעטיש)

דער הימל=געוועלב, דער הימל.

1910 ל „ אן אוונט=שטערן ווינקט צו מיר // פון בלאען הימל=ים",

פּרוג, 1, 110. 1537

ה י מ ל = י א ר מ ( ע ) ל ק ע  -  די, בא.(פאעטיש=יידישלעך)

דער הימל=געוועלב, דער הימל.

1910 "|...| דארט, אויף דער פרייער לופט, אונטער דער הימל=

הימל=יארמעלקע, דארט וווּ עס וואקסט א בוים, וווּ עס 1538

שפראצט א גרעזל |...|".

שלום=עליכם, 26, 22.

ה י מ ל = מ ע ק ל ע ר  -  דער, =ס. מענטש וואס פארנעמט
זיך מיט פארמיטלען צווישן מענטש און גאט - פעיאראטיוו
וועגן רבנים, דיינים און אנדערע כלי=קודש.

1895 " |...| און |איר| מוזט נאך האבן הימל=מעקלערס,
1546 גאטס סטראפטשעס, תורה=זאגער, מלאכים=כאפער און
פמליא=של=מעלה=אדוואקאטן |...|".
לינעצקי, 9, 183.

ה י מ ל = ק אָ ל י ר - דער, בא. דער קאליר העל בלא,

ווי דער קאליר פון הימל אין א לויטערן טאג.

ה י מ ל = ק אָ מ אַ נ ד אָ - די, =ס. (שגל) ספעציעלע
גרופע פון דייטשן עס=עס=לייט אומצוברענגען יידן אין די
געטאס בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה.

1961 " היִמל=קאַמאַנדאַ |...| זייער אויפגאַבע איז געווען
דורכצופירן אויפן אָרט מאַסנמאָרדן". 1558
בלומענטאל, פער 90, נ' XXI - 3.

▱ גיין אין היִמל=קאַמאַנדאַ - גיין אין אויוון אריין.
1961 " דיין אָרט איז אין היִמל=קאַמאַנדאַ, - האָט געזאָגט
אַן עס=עס-מאַן צו שלמה ליפמאַן".
דצוו.

ה י מ ל = ק ע ר פ ע ר  -  דער, =ס/מצ דז. (אסטר)

א שטערן, א פלאנעט, יעדער קערפער פון אוניווערס (חוץ דער ערד).

1865 " |...| אויך די הימל=קערפער, |...| די זון |...|, די לבנה און אלע שטערן זענען אויך קעגנשטאנדן אדער קערפער פון א שטאף וואס דרייט זיך ארום אין |...| גרויסן וועלטרוים". 1562

ארז, פער 177, ג' 3, ז' 42.

1923 " |...| די הימלקערפער קאנען זיך דעריבער באוועגן אין אים |אין וועלטעטער| אומגעשטערט". 1561

גוטנבוים, 1, 16.

149 ה-

ה י מ ל = ק ר א צ ע ר - דער, =ס/מצ דז. זייער הויכער,

פילשטאקיקער בנין; וואלקן=קראצער |סטוטש 113|.

ה י מ ל = ש ט ו י ס ע ר - דער, =ס. (שוסטעריי)

דאס שטיק אייזן מיט דער קאפיטע, וואס מע שטעקט אריין

אין א שטיוול, ווען מען גייט לייגן א זויל צו אן אפצאס.

1941 " ער האט אנגעטאן אויפן הימל=שטויסער א צעפארענעם שטיוול,

אפאטאשו, פער 90, ב' I - 4, ז' 118. 1577

ה י מ ל = ש פ אַ ל ט נ ד י ק - אדי/אדוו.(ווען קולות,געוויין).

אזוי שטארק, הויך, אז זיי דערגרייען אדער דארפן דערגיין

צו גאט.

1972 " |...| א טאנץ פון קרייד ווייסע פנימער, הימל=שפאלטנדיקע

1580 געשרייען, קרעכצן, יאמער, געוואי פון קינדער".

ראזענפארב, 3, 259.

ה י מ ל = ש ר יי ע נ ד י ק – אדי. וואס רופט צום הימל,

צו גאט (נאך הילף, רחמים, באצאלונג).

% א הימל=שרייענדיקע גזירה. א הימל=שרייענדיקע עוולה.

ה י מ ל ב ו י ם - דער, ~ ביימער. בוים (וו"סנ

פון דער משפחה ווערבעס( ); טאפאל(ע).

1920 " צו דעם הושענא=בוים זייגען גאנץ נאענט לויט דעם

1488 בוי פון זייערע בלוימען די פארשיידענע טאפאלן(הימלביימער)".

איבז א. גאלאמב, 1, 57.

ה י מ ל ב ל א / ה י מ ל ב ל ו י - דער, בא.

דער קאליר בלא געגליכן צום קאליר פון הימל אין א
לויטערן טאג.

1910 " |...| עס קוקט א רעגנבויגן// מיט הימלבלוי, מיט
הימלגלאנץ // פון דיינע ליבע אויגן". 1512

פרוג, 2, 80.

... " און אונדזער גלויבן איז ווי הימל איבער הימלבלוי".
בראדערזאן, 8, 119.

1922 " |...| פון ווען מע קען דערקענען צווישן הימלבלוי
און ווייס | מעג מען לייענען קריאת=שמע|".
איבז זאלקינד, 4, א/ב, 32 |?|.

|| הימל=בלאקייט/בלויקייט - דזוו דפוו |סטוטש 302|.

ה י מ ל ב ע ט - דאס. =ן. א בעט איבערגעצויגן מיט א באלדאכן.

1866 " דרינען |אין שלאפצימער| זענען געשטאנען צוויי

הימלבעטן מיט שיינע ווייסע דאמאסקענע פארהאנגען". 1443

ארז, פער 177, נ׳ 4, ז׳ 51.

1893 " דאס שטיבל איז איבערגעפולט |...|: עס שטייט א

הימלבעט, פארהאנגען מיט צעריסענע פארהענגלעך |...|". 1500

פרץ, 17, 82.

1926 " אין דער זייט |אין שטיבל| איז געשטאנען א גרויס

הימלצערן הימלבעט מיט ראז זיידענע פארהאנגען, מיט 1497

דריי טרעפעלעך ארויפצוגייין".

אפאטאשו, 5, 82.

1962 " עטלעכע חסידישע |...| האבן |...| אונטערגעזעגט די

הויכע האלצשטאנגען פון מיין פאטערס הימלבעט". 1495

קאליש, פער 94, נ׳ XLII, ז׳ 236.

ה י מ ל ב ר ו י ט - <u>דאס, בא.</u>

1. דער תנכישן מן |מאן|, וואס גאט האט אראפגעשיקט צו שפייזן די יידן אין מדבר (<u>שמות, ט"ז - ט"ו</u>).

2. פטם נאמען פאר פארשיידענע גראזגעוויקסן, וואס האבן צום עסן טויגלעכע קערנער, פארשפרייט אין פארשיידענע לענדער, באזונדערס אין אמעריקע
(ווסנ: א) ב)

3. זגאל לישאי, גערופן אויך מן=לישאי.

1936 " אינטערעסאנט וועט זיין צו דערמאנען, אז אויך היינט
1506 ווערט דער לישאי (מן=לישאי, וועלכער וואקסט אין מדבר) גערופן <u>הימלברויט</u>.די ארטיקע באפעלקערונג |ווו?| זאמלט און עסט דעם מן".

<u>פער 151, נ' 4.</u>

ם הימלש ברוט. מה"ד:

-----> 1.

... " דער דען יודן גב דש הימלש ברוט// דער מו״ש

1505 אונש העלפן אויש אל אונדר נאט".

מגילה=ליד, שורות 1517 - 1518.

(?נ?) ה י מ ל ג א נ ג - דער, בא. קאטוילישער יום=טוב וואס

מערקט אפ דאס ארויפגיין אויפן הימל פון דער הייליקער מאריע,

1947 " |...| דאס איז געשען ערב דעם הייליקן קריסטלעכן

1508 יום=טוב פון הימלגאנג".

יזב 8, 171.

(?נ?) ה י מ ל ג ל אַ נ ץ - דער, =ן. דער גלאנץ, די שיין פון הימל.

1910 " אך, שמייכל, שמייכל, מיידעלע!// עס קוקט א

1512 רעגנבויגן// מיט הימלבלוי, מיט הימלגלאַנץ // פון דיינע

ליבע אויגן".

פרוג, 2, 80.

(?נ?) ה י מ ל ד א ך - דער, בא. דער געוועלב פון הימל, דער הימל.

1958 " א שמייכל ליכט ביים ברעג פון הימלדאך// האט

1519 אנגעזאגט דעם אההייב פון א לאך".

אלף כץ, 3.

ה י מ ל ד י ק - אדי/אדוו.

1. פון הימל, ווי פון הימל, אין ב׳ 1.

1934 " פרויען מיט אויגן הימלדיקע וועלן באדויערן דעם,

1410 וואס דערציילט,// און וועלן אויסזען דערביי נאך שענער

ווי פריער".

מ.ל. האלפערן, 4, 215.

2. פון הימל, ווי פון הימל, אין ב 2 - 3.

1973 " האזינו השמים - פארנעמט מיך הימלדיק, נישט מענטשלעך,

1412 נישט פשוט |...|".

א. י. העשל, פער 38, נ׳ 78, ז׳ 83.

ה י מ ל ד ע ק – דער, בא. דער געוועלב פון הימל, דער הימל.

|1973| " גאט רעדט. זיין שפּים צעטראגט זיך וו־ייט,//

1520 צעוויגט דעם גאנצן הימלדעק".

לייוויק, 15, 9.

ה י מ ל ה ו י ך – <u>אדוו פר.</u> אויסערגעוויינטלעך הויך.

1936 " |...| זיי זענען ארויף הימל הויך, האבן אראפגענידערט

1522 תהומען טיף".

<u>איבז גראס, תהילים, קז - 26.</u>

1973 " קיינער האט זיך ניט געדונגען |...| זענען די

1521 פרייזן טאקע געשטיגן <u>הימל הויך</u>".

<u>פרייבערג, 1, 64.</u>

ה י מ ל ו ו ע ג - דער, בא. דער וועג וואס די זון

מאכט (כלומרשט) דורך פון מזרח צו מערב.

... " די לויטערע |...| זון האט זיך מכין געווען ארויצושפאציר|

1523 פון איר געצעלט און לאזן זיך לויפן איר גרויסן הימלוועג".

שלום=עליכם, "שיר השירים".

ה י מ ל וו ע ל ב - דער, בא. (שנש) דזוו הימל=געוועלב.

1941 " די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאט און די

1526 ווערק פון זיינע הענט זאגט דער הימלוועלב אן |...|".

תרגום יהואש, תהילים, י"ט - 2.

ה י מ ל = ו ו ע ל ב ו נ ג – די, בא. דזוו הימל=געוועלב.

ה י מ ל ז א ך - די, =ן.

1. אקט, געשעעניש, פארקומעניש, וואס איז באשטימט, באשערט
פון גאט, פון דער השגחה עליונה.

1932 " |...| דערזען אין דעם א צייכן פון אויבן, א הימלזאך,
1529 א השגחה פרטיות".
זינגער, 5א, 167.

1972 " |...| ער האט אבער געפילט, אז ס׳איז א הימלזאך,
1529/1 א געטלעך וווּנדער".
י. דובראווסקי, פער 14, !!!/17.

2. (ס׳רוב אין מצ) ניט=ערדישע, גייסטיקע פראבלעמען, ענינים.
פון גאט תורה, אדער פילאסאפיע, מאראל.
% אפגעבן זיך צו הימלזאכן. זיין ארייגעטאן אין הימלזאכן.

1868 " |...| א צדיק דארף האבן הרחבת=הדעת, ער זאל קענען

1528 משיג זיין הימלזאכן".

פער 177, נ׳ 43, ז׳ 318.

... " |...| און טראכטנדיק |...| פארטיפט מען זיך שוין

1528/1 |...| אין הימלזאכן און מען פאלט אריין אין חקירה".

שלום=עליכם, טוביה, ז׳ 209.

1974 " |...| זיינע אויגן |...| קוקן ערגעץ ווייט – א

1530 פארטיפטער אין הימלזאכן".

ח. גראדע, פער 155, IV/28.

הימלזוים - דער, בא. דער אונטערשטער ראנד, (פאס)

פון הימל=געוועלב, דער האריזאנט.

... " מארגנס, ווען די זון איך מיזרח// רויטלט אן דעם

1531 הימלזוים,// פייגעלעך אן פאלן // צו דער ערד, ווי ניס פוקבויק."

ס. לאפוכאוו=קארמען, פער 143ב, ז' 180.

1921 "עס שווינדן די שאטנס, וויכן די רויכן, // הימלזוים

1533 ווייזט זיך א פלאם נאך א פלאם".

ליעסין, 2, 137.

1927 " ביים ים, ווו איך וווין, ארום מיין הויז, //

1534 שפרייט זיך א גאלדענער מדבר אויס - שפרייט זיך ביז

העט צום הימלזוים".

מ.ל. האלפערן, 1, 158.

ה י מ ל י ש - אדי/אדוו, פפ הימלש.

1. פון הימל, וואס איז אין/אויפן הימל, באלאנגט צום הימל

אין ב׳ 1.

% הימלישע קערפערס.

1939 " |...| קוקן דארט אויף דיר, |...| ווי אויף יענער

שיין,|...| ווי אויף יענעם שטערן דעם הימלישן". 1436/1

פקר 42, 46.

1953 " ווי דער געטורעם פון מעטשעט אין הימלישער

אויסגעשטערנטקייט// האט געלויכטן דיין שלאנקייט 1436/1

אין מאנטל פון נאכט".

י. פרידמאן, 122.

2. פון הימל, ווי אין הימל, ב"ב 2 - 3 (דערהויבן,גייסטיק,

געטלעך, שיין, הערלעך, איבערמענטשלעך, איבערנאטירלעך אד"גל).

הימלישע פראכט. הימלישער פארגעניגן. הימלישע
געזאנגען. הימלישע עניגים.

1897 " הימלישער פאטער! וואס וועט איצט ווערן פון מיר?".

לעוונער, 4, 19.

1910 " יא, שטארק איז אין דיר די נשמה,// אין איר ליגט די

1434 הימלישע קראַפט |...|".

פרוג, 2, 61.

|?1955| " ווער ס'איז א געשעפטסמענטש און פארנעמט זיך

1426/1 מיט וועלטלעכע זאכן, אויב ס'פאלט אם אריין אן אומעט

און א דאגה פון הימלישע זאכן |...|".

איבז אנ, ליקוטי אמרים, דף ס"ו.

/7 די הימלישע טאכטער – מליצהדיק: באצייכענונג פון

השכלה, בילדונג.

דאס הימלישע קיניגרייך – דאס קיניגרייך פון גאט, יענע וועלט.

ם הימליש.

1544 "ווער קאן אויך גילייכן מיט ווייז הייט אום צו

1418 גון.// איר זייט אלש ענגיל גוטש אים הימילישן טרון".

שמואל=בוך, סטר׳ 1403.

|?1685| " דען אי |=איידער| דיא נשמה קומט אין דיזן עולם

איז זיא צו גלייך אלש די אנדר, הימליש, הער".

דרך הישר |...|, דף י׳.

הימלישקייט - די, בא. אייגנשאפט צו זיין הימליש,

ב' 2 - 3.

1922 " א ריי פאַרטייען אונדזערע באַזירן זיך ניט אויף

רעאַלע לעבנס=אינטערעסן, נאר אויף הימלישקייט און רוחניות".

י. מארק, פער 120.

ה י מ ל מ ע נ ט ש - דער, =ן, אויך הימל=לייט.

(ס'רוב איר) א מענטש וואס פארנעמט זיך מיט ענינים פון

רעליגיע; גייסטלעכער, כלי=קודש.

1886 " |...| קומט איינער און זאגט אז ער איז א הימלמענטש,

לאזט מען זיך פון אים פארפירן אפילו אין דער שאול=תחתיה". 1544

פער 74, נ' 27, ז' 412.

1895 " |...| אליין דאבן און קווארן, |...| אבי דעם

רבין א זילבערנעם סאמאוואר, כ'לעבן, פארט א הימלמענטש|...|", 1545

לינעצקי, 9, 98.

(?נ?) ה י מ ל ע וו ע ן - אוטוו. (שנש, איר) .

1. אויפהייבן זיך צום הימל. קריכן אויפן הימל.

1956 " לאמיר היינט אוועקלייגן די לייטער// און לאמיר נישט

1441 הימלעווען |...|".

גלאטשטיין, 1, 161.

2. פאנטאזירן, חלומען, טראכטן וועגן הימלישע ענינים

|סטוטש 309|.

ה י מ ל ע ן I - אוטוו, אויך מיט "זיך".

1. (פאעטיש) אויסציען זיך, אויבן אויסשפרייטן זיך,

זיין (ווי) דער הימל.

1932 " |...| א קאלטער הימל הימלט, הימלט זיך אין גרינעם

1443 טייכעלע |...|".

א. שטיינבארג, 1, 302.

... " די וועלדער |...| בלא האט איבער זיי געהימלט".

1445 א. אויערבאך, |ווערק?|

1964 " געהימלט האט אויף מיר מיט פרילינגבלא".

1458 יוסף רובינשטיין, 3, 213.

2. (פאעטיש) אויפהייבן זיך, דערהייבן זיך, דערגרייכן

צום הימל.

1913 " עס הימלט דער שוים |...|".

1450 ברידער גארדין, 2, 40.

1939 " איך בין דאס געבויר פון די וועלדער,// וואס ווילן

1462 זיך הימלען פון דר'ערד".

סוצקעווער, 3, 102.

1948 " ביי אונדז פרומט דער תהילים.// ביי אונדז הימלט

1462 זוהר.// ביי אונדז טיפט קהלת".

לוצקי, 3, 139.

ה י מ ל ע ן II - **אוטוו**. (רעג, פוילן).

1. זיין נישט זיכער, שטיין אין א סכנה, האלטן ביי אונטערגיין,

ביי נישט ווערן, ביי שטארבן.

|פער 92, נ"ג 5, 14, 1938|.

2. דאס געשעפט הימלט, האלט ביי פארמאכן זיך. זיין שטעלע

הימלט, פון די צוזאגן האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם.

דער אלטער הימלט, איז גוסה למות.

1943 " |...| חוץ דעם, עס הימלט נעבעך, דאס פרדסל, פון

1457 אלע זייטן לויערן דערויף געפארן".

דעמבלין, 3, 138.

1956 " א - א, סארא קרירה! מ׳קען איינשלאפן ווי א הינדל...

1454 דיין לעבן הימלט".

אקרוטני, פער 169, 319.

1972 " אין ווארשע הימלט אלץ, איך וויל ראטעווען כאטש

1461 עמעצן. די דייטשן ווילן די יידן אפווישן פון דער ערד".

ראזענפארב, 3, 294.

2. (וועגן אויגן) פינטלען, צאפלען.

% דאס אויג הימלט |פער 92, ג׳ 5, 1938|.

3. שווינדלען (פאר די אויגן) |דצוו|.

180. ה-

(?נ?) ה י מ ל ע נ י ש - דאס, בא. (שנש) הימל, הימלען. ב׳1.

1956 " |...| העט אויבן א פארכטיק הימלעניש".

1463 גלאטשטיין, 1, 165.

1958 " איך דו ביסט א בר=חנה, - ער זאגט צו דער לבנה, -

1453 א נאר וואס וואנדערט אין דעם הימלעניש".

אלף כץ, פער 9, IX/26.

ה י מ ל פֿ אַ ס – דער, בא. דזוו הימלזוים, הימלראנד; הארי זאנט.

1951 " אלס קינד |האב איך געמיינט |...| אז הינטער יענעם ... נידעריקן הימלפאס ליגן די הרי=חושק". 1548

ב.י. ביאלאסטאצקי, פער 106, 1221.

ה־

ה י מ ל פּ ל ע ט - <u>דער, בא.</u> (<u>דיאל</u>) <u>דזוו</u> <u>היגערפלעט</u>

|<u>סטוטש 420</u>|.

1911 "זיי האבן זיך א ינגעוויגט אין א לעטארגישן שלאף,

ביסט איצט אין <u>הימלפלעט</u>". 1550

<u>יעקב גארדין, 5, 63.</u>

183 ה-

ה י מ ל פ̊ ר א כ ט - די, בא. אויסערגעוויינטלעכע שיינקייט,

אויך: שיין קלייד פון הימל.

1910 " צינד אן, צו נאכט, // אין הימלפראכט // דיין

1551 שטילן, בלויען פייער".

פרוג, 2, 21.

(?נ?) ה י מ ל = פֿ א ק ט ע ר - דער, =ס. (פעיא) דזוו הימל=מעקלער.

1895 " דורך די מינים מחלוקתן, אינטריגעס און נצחונות

1553 פאר די הימל=פאקטערס | ווערן יידן | געשמוצט און געפיינדעט

ביי די לאנדעס=ברידער".

לינעצקי, 9, 183.

(?ב?) ה י מ ל צ ע ל ט - דער, בא. (פאעטיש) דזוו הימל=געוועלב, הימל.

1910 " דער מילדער בליק מיט פרייד און פחד ארויף,

1556 צום ווייטן הימלצעלט".

פרוג, 2, 141.

ה י מ ל ק ר יי ז - דער, בא. (עלט) האריזאנט.

1864 " |...| פון די צווייטע זונען האט זיך געבילדעט

1564 אויף דעם האריזאנט (הימלקרייז ווי ווייט דאס אויג זעט)

נאך א גרויסער צערקל".

פער 177, נ' 33, ז' 525.

(?ג?) ה י מ ל = ק ר י כ ע ר - דער, =ס. עמעצער וואס פארנעמט

זיך צו פיל מיט הימלזאכן, ב' 2.

1958 " |...| זיין ווייב שרה האט אים כסדר געיאָדעט

אים שפאטיש גערופן 'הימל=קריכער'". 1565

י. טרונק, 8ב, 68.

רעד: ניט זיכער איך אויסטייטש. זען א ברייטערן

קאנטעקסט אין בוך!

ה י מ ל ר א נ ד - דער, בא. (פאעטיש) דזוו הימלזוים;

האריזאנט.

1936 " |...| עס ציט אהין א בענקשאפט ווי צום הימלראנד".

1568 סוצקעווער, 3, 72.

1956 " אין פלאם זיך שמעלצט דער הימלראנד, עס וויגן

1567/1 וואלקנס זיך ווי בלאזזעק גרינע".

מארקיש, 10, 294.

1965 "די זון האט זיך שוין געהאט געזעצט, |...| אנצינדנדיק

1569 דעם הימלראנד אין רויטקייט".

נאטע לוריע, 5, 301.

ה י מ ל ר ו י ם - <u>דער, בא.</u> דער גאנצער געשפרייט

אונטערן הימל.

1973 " דער <u>הימלרוים</u> שיינט ליכטיק העל // און יום=טוב׳ט

1571 פארכטיק אל דעם טאג".

<u>לייוויק, 15, 12.</u>

ה י מ ל ר יי ך - דער, בא. (עלט) דאס קיניגרייך פון הימל, דער הימל (ב׳ 2)

1951 " דער ייד איז ניט געקומען קיין ליטע מיט אן ׳אויסריידֿ׳ אז ער ברענגט גליקן אויף דער ערד צי אין הימלרייך".

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 317.

הימיל רייך. מה"ד.

1544 " זוא הושטו דען אין דינם הימיל רייך // ענגיל

1575 דיא קיין קינד גיווינן אונ׳ לעבן איוויקליך |...|".

שמואל=בוך, סטר׳ 21.

... " |...| ער |מרדכי| וואשט ניט אונ׳ בט גאט בון

1574 הימל רייך".

מגילה=ליד, שורות 365 - 366.

ה י מ ל ש - אדי/אדוו.

1. דזוו הימליש, איך ב' 1.

1877 " די ליבע איז אן אומאויסלעשלעכעס פייער, ווי איין

1479 הימלשער בליץ, וואס מען קען עס מיט קיין וואסער

ניט אויסלעשן".

דיק, 84.

1912 " לעבעדיקע באשעפענישן, אין פעלד, אין וואלד, רירן

1471 זיך איינס נאך דעם אנדערן כסדר, וואשן זיך אפ מיט פרישן

הימלשן טוי".

מענדעלע, 24, 88.

2. דזוו הימליש, איך ב' 2.

1877 " עס איז איינע אוממעגלעכקייט דאס דיינע צעבורעטע

1471/2 תחינות |...| זאלן קענען ערוועקן אין דיין הארצן

|טעקסט: דיינעם הערצין| הימלשע געפילן |...|".

דיק, 84.

1916 " שלום איז געשטאנען ניט איין מאל |...| אין דרויסן

1468 און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימלשע טענער, וואס די

שיינע ראזע האט |...| ארויסגעצויגן פון דער גרויסער

פיאנע, |...|".

שלום=עליכם, 37, 197.

1940 " |...| זיי האבן געמוזט אויסטראכטן דאס בילד פון

1475 דער הימלשער בתולה - כדי אויסצולייזן די ווירקלעכקייט

פון דער אייזערנער |?| און די הימלשע האט ניט אויסגעלייזט".

קאראלניק, 3, 147.

ם הימלש.

-----> 2.

1626 " ישראל האט ביגערט פלייש (ויבא) דא האט הקב"ה

1464 צו זיא גיבראכט (שלו) דיא ווכטלן (ולחם שמים) אונ׳ מיט

דען הימלשן ברוט דש איז דער (מן) זעטיט ער זיא"

ס׳ המגיד, 1, תהילים, ק"ה - מ.

1794 " |...| דיא אלי ווערמליין גלאנץ אונד פורפר פור

1464/1 בלייכטן אלה הימלשן גלאנץ אונד שיין מוזן פאר איר ווייכן".

לשון זהב, דף 16.

ה י מ ל ש א פ ט - דאס/די, בא.(שנש) כוללדיק ווענן די
וואס געפינען זיך אין הימל.

1956 " דארפן דארף איך דורכקומען// מיט דעם הימלשאפט
בנוגע דעם פון מיינע מצוות". 1484
גלאטשטיין, 1, 179.

1963 " די הימלשאפט זיצט אויסגעזעצט ארום דעם ריזיקן
ספר |...|". 1485
לייוויק, 14, 21.

195 ה-

ה י מ ל ש ט יי ן - דער, =ער. (פטמ) מעטעאריט.

ה י מ ן - -----> הימען !

(?נ?) ה י מ נ אַ ל אָ ג – <u>דער, =ן.</u> מחבר פון הימנען.

(?נ?) ה י מ נ אָ ל אָ ג י ע - <u>די, בא.</u>

1. טייל פון דער ליטעראַטור וואס נעמט אַרום הימנען.

2. לערע וועגן הימנען (באַזונדערש וועגן די קלויסטער=הימנען).

ה י מ נ ע - דזוו הימען !.

הימען ! - דער, =ס/ הימנען, פּפֿ: הימן, =ען, הימנע, = ס.

1. ליד מיט מוזיק פון א דערהויבענעם און באגייסטערנדיקן תון, אנגענומען ווי א סימבאל וואס פאראייניקט די בירגער פון א מדינה, די מיטגלידער פון א באוועגונג/פארטיי, פון א קעמפנדיקער מחנה׳אד״גל:

% נאציאנאלער הימען. מלוכה=הימען. הימען פון דער יידישער שול. דער הימען פון דער סאציאליסטישער פארטיי. הירש גליקס ליד "זאג ניט קיין מאל" איז געווארן דער הימען פון די יידישע פארטיזאנער. זינגען, שפילן דעם הימען.

1934 " |...| שרייט אייגער זיי איבער הויך אויפן קול// מיט דער הימנע, וואס מען זינגט דא אין לאנד". 1600

מ.ל. האלפערין, 4, 52.

1973 " היות געבירטיג איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די
1600/1 נאַציס אין קראָקעווער געטאָ און דאָס דערמאָנטע ליד
|"עס ברענט"| איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַרן געמיט=צושטאַנד
פון דער שארית=הפליטה, - איז עס דורכן פאָלק פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין אַ מין הימן".

יזב 18, 238.

2. ליטעראַרישע שאַפונג, וואָס דריקט אויס לויב,באַגייסטערונג
פאַר עפּעס/עמעצן. רעליגיעזע הימנען. דאָס ליד איז
אַן אמתער הימען צו דער נאַטור.

1932 " אין אַלע טיפלעס, מאָנאַסטירן, קאַטעדראַלן // טוט
1599 מען אַלץ אין פּאַרכטיקייט דעם הימן זינגען |...|".

ליעסין, 3, 239.

1953 " מיטן סקארבאָוון ניגון זאָגט ער |דער כהן=גדול|
די הייליקע הימנעס און די לוויים אויף די טעראַסן האַלטן
אונטער |...| אין א הערלעכן כאָר". 1595
ברוסילאָוו, 1, 101.

1960 " |...| אין תוך איז עס א פּאָעמע, א הייסער הימן,
אַריינגעגאָסן אין דעם שטרענגן פֿורעם פֿון א דערציילונג". 1590
ניגער, 10, 240.

ה י מ ע ן II - דער. =ס.

1. (אנאט) דאס בתולה=הייטל ביי פרויען.

2. אין דער גריכישער מיטאלאגיע דער גאט פון חתונה.

ה י מ ע נ ב ו ך - דאס/דער, ~ביכער. בוך וואס איז כולל פארשיידענע הימנען ( באזונדערש וועגן די קלויסטער=הימנען).

(?נ?) הימענען - אוטוו: (שנש) פאר געהימענט.

זינגען א הימען.

1936 " די שטאט // איז מער שוין ניט געווען. קיין סימן //

1598 פון א גאס, א דאך, בלויז סטעפעס,// אווה דער ווינט זיין

רויטן צארן הימענט".

סוצקעווער, 3, 56.

ה י ן ! - אדוו. (עלט) דזוו אהין. אין מאדערנעם יידיש געניצט ס׳רוב אין די אדוו פר "הין און הער", הין און צוריק" (זען ווייטער).

1875 " הייליק איז דער טאג פון אנהייב ביז ער גייט הין,// ביי יעקבס קינדער געאכט, כפי גאטס ווארט, 1665
זיין דין".
מענדעלע, 19, 16.

1889 " זיי געזונט מיין טייערעס קינד,// גיי הין ווו. זיי דיך יאגן |...|". 1611
י.ל. גארדאן, 1, 36.

0 הין (און) הער - אדוו פר. אהין און אהער.

% גיין הין און הער. וויגן זיך הין און הער.
ער לויפט צערודערט הין און הער און קאן זיך ניט בארויקן.

" ביים גיין הין=הער איבער דער שטוב, פארלייגנדיק 1899

1632 אנינטער די הענט, פלעגט ער זיך אפט אפשטעלן, פארבייסן

א ליפ".

מענדעלע, 8ב, 113.

" |...| ווינקט ווי בלאדזשענדיק א פייער,// פינקלט 1937

1646 הין און הער".

ליעסין, 1, 172.

" |...| א גרויסער רויטער שטערן// אנגעהאנגען אין 1916

1637 דער מיט // און וויגט זיך הין און הער,// פאמעלעלעך".

יהואש, ליד " מיזערכערע".

" די רוסישע רעגירונג שניידט די טעריטאריע פון ליטע 1951

1645 הין און הער".

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 312.

היין און צוריק - אדוו, פר, אהין און צוריק.

% גיין/פארן היין און צוריק. הוידען זיך היין און צוריק.

1912 " ער זעצט זיך אויף רייטנדיק, פארט זיך דורך פלינק

1656 היין און צוריק".

מענדעלע, 24, 40.

1920 " די מענטשן יאגן זיך היין און צוריק, ווי עס יאגן

1659 זיך סטאיעס וועלף אין א הונגעריקער ווינטערנאכט".

איינהארן, 4, 13.

1943 " |...| איבערגעגאנגען זיך מיט איר היין און צוריק".

1655 זינגער, 8, 338.

(?ב?) היין און אויס - אדוו פרי. (שבש?) אהין און ארויס.

1944 |...| טויזנטער וועגן וואס פירן היין און אויס".

1655/1 סיגאל, 2, 24.

רעד: אפשר איז דאס גאר א מאדערניזירונג פון עלטער "היניוס" =ארויס.

ס

היין. מה"ד:

1541 " איינר לוף היין דער אנדר לוף הער".

בבא=בוך, סטר׳ 140. 1634

1610 " דער נאך איז יעקב מיט אל זיין גזינד בכבוד היין

|קיין מצרים| קומן". 1612/2

טייטש=חומש (מדרש), בראשית, לט - א.

1764 " דא לויפט דר מאן אלזו גשונד |=געשווינד| היין און

ווידער אין די שאר פון די רומיים". 1612/3

יוסיפון, 5, דף ק"ת.

היין (און) הער.

1541 " אים לאנד זי היין אונ׳ הער אום וואנדרן |...|".

בבא=בוך, סטר׳ 140. 1635

1610 " אנ׳ ער פירט מיך היין אונ׳ הער אונ׳ ער ווייז מיר

וויל ביין |...|". 16/27

סידור תפלות, דף קמ"ב.

1748 " איין טייל לייט האבן טייג פאר זיך שלאגן מיט

1628 איינם וועלגר האלץ דרויף אויף איין ארט אונ' וועגדן עס

ניט אום היך אונ' הער |...|".

סידור תפלות, דף קמ"ב.

היך און ווידר |ווידער| –

א) היך און צוריק.

1541 " דיא זעלביג נכט ליגט זי זיך איך געשן נידר // דיא

1662 גאנץ נכט וואָרף זי זיך היך אונ' ווידר".

בבא=בוך, סטר' 103.

1648 " תמימים זענן גילעגן טוט היך אונ' ווידר |...|".

1647 קינות אויף כמעלניצקיס גזירות, ציט מ. וויינרייך, 202,2.

ה י ן II |הין| - דער, =ים |הינים|. (עלט, פארצייטישע מאס פון פליסיקייטן (לויט היינטיקע מאסן בערך 6 ליטער).

1829 "נאם צו די |...| נעגליך פינף הונדערט (שקלים) און |...| און גיווערץ רעכן |...| און א יל פון איילבער איין היןֿ". 1616

חמשה חומשי תורה, שמות, ל - כ"ב - כד.

1941 " |...| ברענגען א שפייאפער פון א צענטל זעמלמעל פארמישט מיט א פערטל הין אייל". 1612/4

תרגום יהואש, במדבר, ט"ו - 4.

(?נ?) ה י נ א ב – <u>אפּוו / קאנוווערב.</u> אראפּ.

<u>מה"ד:</u>

... " ולא מטו לערעית גבא – אונ׳ אי דשי | =דאס זיי|

קמן <u>הינאבא</u> אין די גרובא". 1620

<u>רייכלין 8, דניאל, ו׳ – כ"ה.</u>

1661 " אונ׳ דיא יהודים דיא גאסן אויף אין פון אובן

<u>הינאב</u> פון דער מויארן הייס גיזאטן איל |...|". 1621

<u>יוסיפון 2, דף ר"מ.</u>

(?נ?) ם ה י נ א ו י ס / ה י נ ר י ש – <u>אדוו/ קאנוווערב</u>. ארויס.

... " ער שפרך: דו רעכטער בויזווירט, נ׳ו מך דיך <u>היך אויש</u>".

1677 <u>מגילה=ליד, שורה 1274</u>.

1679 " |...| דא ליס ער זיין קלייד בייא מיר אונ׳ פליהיט

1680/5 אונ׳ ליף <u>הינויז</u>".

1724 " |...| וואן ער |דער צדיק| הינויז גאנגן איז האט ער

1680/6 הקב"ה אן גרופן אום מזל ברכה והצלחה".

<u>דרכי נועם, ו</u>.

(?נ?) ם הינ(א)ריף – אדוועדב/קאנוועדב. ארויף.

1541 " ער רייט צום פאליש אונ' באנד אן זיין בולן//

1680 אונ' קם הנויף אין זאל גיטרעטן".

באבא=בוך, סטר 20.

1679 " איר אביר ציהט |...| איר אביר ציהט הינויף מיט פרידן צו אייארם פאטיר"!

1680/4 בליץ, בראשית, מ"ד – יז.

(?נ?) ם ה י ן א יי ן / ה י נ יי ן - אדוו/ קאנוּוערב. ארײַן.

... " זי טרויגן אין הופשליך בור דען קונגיג היןאיין".

1680/1 מגילה=ליד, שורה 269.

1676 " |...| אל דיא גיודשט זיין דיא קומן אינש איביג

1680/2 לעבן אונ׳ אירי ווייבר קומן אויך היניין".

1723 " וואו ער איז גיגאנגן אויז זיינם הויז אין דאש

1680/3 בית המדרש הניין, דא האט מן אים אונטר גיליגט סמוט

|= סאמעט| און זיידן |...|".

לב טוב, 2, 42.

(?נ?) ה י נ ג ע ב ן  ז י ך - אוטוו. (דטשמ) אפגעבן זיך, איבערגעבן זיך (צו עפעס).

1907 " דאך וואלט איך מאנכעס מאל וועלן זיך היינגעבן צו ליבע און ליידנשאפט". 1666

באוושאווער, 2א, 7.

(?נ?) ה י נ ג ע ג ן - אדור. (עלט?) פארקערט, להיפך;
דערקעגן.

1867 " |...| א ייד הינגעגן, קוים הייבט אים אן בעסער
1669 צו גיין, אהא, ער שעמט זיך שוין מיט זיין מלאכה".

ארז, פער 177, נ׳ 31, ז׳ 238.

ה י נ ד - די, =ן. דזוו הינדין.

ה י נ ד א  ה ו י ד א - <u>פר.</u> "צוזינג ביים וויגן א קינד

1698 אין א וויג, אויף א הוידע" |<u>קטור</u>|.

ה י נ ד ו - דער, =ער. דזוו הינדוס.

1967 " |...| זיך אריינגעווארפן אין דעם הינדו׳ס

1698/1 פריי געווארענע ארעמס |...|".

שניאור, פער 69, ז/15.

ה י נ ד ו י ז ם – דער, בא. א פארמע פון בראמאניזם, דער רעליגיע פון די הינדוסן.

1968 " |...| באזונדערס זעט זיך זיין |ח. גרינבערגס| [illegible] צונייגונג צום הינדויזם, וואס ציט זיך צו די געביטן פון טראנסצענדעץ". 1701

י. מאור, פער 9, פסח-נומער, ז' 70.

(?נ?) ה י נ ד ו ס - דער, =ן, פּפּ הינדו. אנגעהעריקער צו אינדישן פאלק.

1934 " באדארף איך אפשינדן ביים הינדוס די קאמזויל".

1702 מ.ל. האלפערן, 5, 27.

1965 " דער הינדוס האט אן איבערגעטריבענעם נאציאנאלן שטאלץ|...|".

1703 ש. איזבאן, פער 69, I/21.

|| הינדוסיכע - די, =ס. ווע צו הינדוס.

הינדוסקע - די, =ס. ווע צו הינדוס.

היינדין - די, =ס. פפֿ הינד. (עלט) די זי פון א הירש.

1885 " |...| מאך אונדז געגענען צו דיין הילף בזכות די

צוויי אינדן משה און אהרן". 1697

איבז אנ, מחזור 4, 39.

> רעד: ס'איז געטייטשט פון "עפרים",אבער גרייזיק,
> ווייל עפר איז ליליק מיינט א יונג הירשל, דווקא
> א זכר...

... " |...| אנגעטאן געווען איז ער אין א העמד פון

הינדין=לעדער,// ווייך און ווייס, געזוימט מיט 1685

פוטער |...|".

יהואש, ליד, "הייא וואטאס חתונה".

1941 " נפתלי איז א הינדין א פלינקע |...|".

תרגום יהואש, בראשית, מ"ט - 21. 1690

1964 " |...| נאך טוליען זיך צוויי גרויע <u>הינדן</u>// מיט

1690 קעפ פארחידושט, גאלד געצונדן".

<u>מאניק, 2, 88.</u>

□ <u>הינד/הינדא/הינדין.</u> <u>מה"ד:</u>

... " אילת – איין <u>הינדא"</u>.

1692 <u>רייכלין 8, משלי, ה – י"ט.</u>

1610 " צווין דיין ברישט אז צווייא יונגי ריכן גיצווילינג

1692/1 דער <u>הינדן</u>".

<u>טייטש-חומש, שיר השירים, ז – ד.</u>

1737 " נפתלי אילה שלוחה – אז איין <u>הינדין</u>".

1688 <u>מלמד שיח, דף 32.</u>

ה י נ ד י ק - -----> אינדיק.

ה י נ ד י ק = ז א מ ע ן -----> __אינדיקזאמען__.

ה י נ ד ל - דאס, =ער. ערשטע פֿקפֿ פון "הון".

.........................................................

רעד: געבן "הינדל" און "הינדעלע" צוליב דער אנדערשקייט

פון דער פֿקפֿ און צוליב דער פראזעאלאגיע.

.........................................................

1899 "ביי דער זייט זיצט די קוואצקע מיט צעשפרייטע

1711 פליגל, פון אונטער וועלכע עס לאזט זיך הערן א פּיסק

פון קליינע הינדלעך".

מענדעלע, 8, 93.

|1931-1926| "ער האט פארזשמורעט די קליינע מאנדלאויגן

1718 און, ווי א הינדל וואס פּיקט זיך ארויס פון אן איי,

האט ער געקוקט אין טיפן בלאען הימל".

אפאטאשו, 9, 62.

(?ב?) ד " א פארלוירן הינדל" - " א קוגל געבאקן אין אויוון"

1724 |קטוו, וולאדאווע, פוילן|.

רעד: ניט קלאר דער זינען פון אויסדרוק

ווערן/זיין דאס כפרה=הינדל (פאר עמעצן) - ווערן/זיין אומשולדיק באשטראפט פאר עמעצנס זינד, פארברעכן, פעלערן.

1888 " איך פלעג זיין דאס כפרה=הינדל, קוקן ווי א האן

1721/1 אין בני=אדם |...|".

מענדעלע, 2, 43.

מאכן פארן כפרה=הינדל עמעצן - ארויפווארפן די שולד אויף עמעצן, וואס איז אומשולדיק.

שעכטן/קוילען דאס הינדל, עס זאל קיין בלוט ניט גיין - אפטאן עמעצן א גרויסע עוולה און אליין בלייבן ריין, אן א חשד.

שור: בעסער אז איי אויף היינט איידער א הינדל אויף מארגן.

א בלינד הינדל געפינט אויך א מאל א קערנדל.

דאס הינדל ווערט מיט דעם שעכטן געוווינט.

ם
הינדל.

1716 " |...| גלייך ווי דער פוגל דז |...| זיא |ער|

1719 גווינט איין איא אונ' דר היצט דש איא אויף דיא ערד,
און ביוואַרט עש ניט רעכט ביז דז אנדרי לעבנדיג,טיר קומן
אונ' פר דערבן עש דז קיין הינדל קען דרויש קומן".
חובות הלבבות, דף ק"ב.

ה י נ ד ע - די,=ן. דזוו היגדין.

(?נ?) ה י נ ד ע ל ע - <u>דאס, =ך.</u> צווייטע <u>פֿקפֿ</u> פון "<u>הון</u>".

1899 " |...| זעצט אויך הינער אויף אייער אין א קארב,

1728 |...| קריכט אהין עפּטערס, ציקאַווע צו זען, ווי עס פּיקן

זיך אויס <u>הינדעלעך</u>".

<u>מענדעלע, 8, 96.</u>

1932 " |...| פונעם צענטן טאג לעבן דארף מען די הינדעלעך

באזארגן מיט גראוויע אדער מיט גרויסן טייכזאמד, וואס

מע דארף ארייןשיטן אין די פיטער=שטייגלעך".

<u>פער 30, נ׳ 2, ז׳ 46.</u>

<u>איבערבעטן (עמעצן) מיט א ווייסינקן הינדעלע</u> - פארגיטיקן

פאר א גרויסער עוולה מיט א קלייניקייט.

<u>וואס זיצסטו - ווילסט אויסזיצן הינדעלעך?</u> - (<u>איר</u>)

צו עמעצן וואס זיצט ליידיק, טוט ניט גארניט.

(?נ?) ם ה י נ ד ע נ א נ ט - אדוו. הינטן. מה"ד:

... " אחור וקדם - הינדננט און וור ננט".

1734 רייכלין 8, תהילים, קל"ט ה.

|תי: הינטן און פארנט|.

ם

הינדער - דער. (?נ?)

1. דזוו הינדערונג.

1724 " אונ׳ דש גשטאנק דץ דר פון קיום דז טוט אונז גרושי הינדר". 1735

2. דער וואס שטערט, שטערער.

1724 " איין פאר שפריכר ווערט אויש דען הינדר,// זיא מוז פר שליסן אירה מינדר".

ריח ניחוח, ז׳ 192.

ה י נ ד ע ר ו נ ג - די, =ען. (עלט).

1. שטערונג, מניעה, אפהאלט, שטרויכלונג.

% אנטרעפן זיך אויף הינדערונגען אין וועג.

בייקומען הינדערונגען.

ם |1685| " |...| דער פארט אהיים צו, דער קומט בשלום

1738 אהיים און |אן?| אלי הינדרונג |...|".

דרך הישר |...|, דף י"ד.

1743 " |...| אונ׳ דער אל צייט וואר צו איין שטרוכלונג

1737 אונ׳ איין הינדרונג צו דש (מלכות) רומא".

יוסיפון, 4, דף כ"ה.

2. בייזווילליקע מסירה, אנקלאג, מיטן צוועק צו שטערן.

1626 " |...| אונ׳ איין דען אן הוב פון מלכות אחשורוש

האט מן גשריבן (שטנה) איין הינדרונג אונ׳ איין מסירה 1739

אויף די זיצר פון יהודה אונ׳ ירושלים דז זיא דאש

בית המקדש זאלן ניט בויאן".

ס׳ המגיד, עזרא, ד - ו׳.

1743 " אונ׳ זיא |די שונאי ציון| שרייבטן איין הינדרונג

אויף דיא וואונירש פון יהודה אונ׳ ירושלים". 1740

יוסיפון, 4, דף ח.

ה י נ ד ע ר ן - טרוו. (עלט) שטערן, שטרויכלען,

אפהאלטן, ניט דערלאזן.

1868 " |...| דאס הינדערט נישט צו זיין א פלאדנע

1745 |=פרוכפערדיקער| מחבר אויף דריי לשונות: לשון=קודש,

יידיש און רוסיש".

ארז, פער 177, נ' 16, ז' 117.

1895 " האבן די אלע מלכים פון מדי ופרס זייער שארק

1751 אונטערשטיצט די יידן |...| זיי זאלן קענען אומגעהינדערט

אפפערן יעדן טאג אלע קרבנות".

האמבורגער, 2.

1951 " צוליב פארשיידענע סיבות פלעגן אין דער פראקציע

1747 פארקומען פון צייט צו צייט שינויים, וואס האט בלי ספק

געהינדערט דעם נארמאלן גאנג פון דער טעטיקייט".

א. מאקאווסקי, פער 106, 284.

ה י נ ד ע ר נ י ש - <u>דאס/די, =ן.</u> (<u>עלט</u>) שטערונג,

מניעה, אפהאלט, שטרויכלונג.

1869 " |...| ליידער האט ער |זיך| געשטויסן אויף <u>הינדערנישן</u>

1766 ביי יעדן שריט, מייסטנס דורך אייגענע אפאנענטן".

<u>ארז, פער 177, נ׳ 19, ז׳ 222.</u>

1909 " קיין שום <u>הינדערניש</u> פון די שטערבלעכע איז ניט

1763 געווען אימשטאנד אפצוהאלטן מיין ליכט, עס בארויבן

פון לעבעדיקע אויגן".

<u>עדעלשטאט, 4, 365.</u>

1974 " דער אייבערשטער האט אונדז געמוזט שטראפן מיט פייער

1758 און שטיקנדיקע גאזן, כדי מיר זאלן צוריקקערן אהיים

טראץ אלע שוועריקייטן, מכשולים און הינדערנישן".

<u>עלבערג, 2, 368.</u>

ם הינדרניש. מה"ד:

|?1685| " דש זענן די גרוישי צדיקים די גיאן גנץ פשוטא

1767 אין גן עדן אום אלי הינדרניש אונ אויף הלטונג |...|".

דרך הישר |...|.

ם
הינדערער - <u>דער. =ס.</u> (<u>עלט</u>) .

1. דער וואס שטערט, האלט אפ, שטרויכלונגען.

------> 1.

1716 " קיין <u>הינדרר</u> קען זיא הינדרן פון די גידעכטניש

1751 פון גאט אונ׳ קיין אויף האלטר קען זיא אויף האלטן

פון גאט צו לויבן".

<u>חובות הלבבות, 1, דף קנ"ב.</u>

2. קטיגור, שטן מקטרג.

1610 " זוא וואַר ניט נוצן אים |צו אהרנען| גיגעבן דיז

1761 ערבייט |פון צוגרייטן די פרה אדומה| דרום דש קיין

<u>הינדריר</u> ווערט גימכט איין פור שפרעכער".

<u>טייטש=חומש, (רשי). במדבר, י"ט - ד.</u>

1748 " |...| דאז מיר זאלן (זוכה׳) זיין צו רייכטום אונ׳

1760 |...| זאל ניט אן אונז גיוועלטיגן קיין הינדרונג אונ׳

קיין הינדרר אונ׳ קיין ביזי גידאנקן".

סידור תפילות |...|, דף ז׳.

ה-

ה י נ ד ר י ק - דער, =עס. "א קליינער, פיזיש נישט

1771 אנזעעוודיקער מענטש" |קטור|.

(?נ?) הינד(ע)רליך ^ם^ - אדי/אדוו. שטערנדיק, אפהאלטנדיק,
שטרויכלענדיק. מה"ד

1743 " |...| אויש גנומן ווען עש איינם הינדרליך ווער אין
זיין גאטש דינשט, דען האט דר זעלביגר דיא מאכט פון 1754
דיא ראגירונג אב צו שטין".
שארית ישראל, דף ו'.

ה י נ ד ר ן .[ם]   מה"ד:

1626 " |...| דש זעלביג מאל זיין קומן אויף זיא די ליידגר
1743 פון יהודה אונ׳ בנימן צו קריגן אונ׳ צו הינדרן
די א מלאכה".

ס׳ המגיד, 1, עזרא, ה־ג.

1716 " קיין הינדרר קען זיא הינדרן פון דיא גידעכטניש
פון גאט אונ׳ קיין אויף האלטער קען זיא אויף האלטן
פון גאט צו לויבן".

חובות הלבבות, 1, דף קנ"ב.

ה י נ ה ע ר ד י ק - אדי/אדוו. (נש) זיגזאגיש.

ה-

ה י נ ה ע ר י ק - אדוו/ (נש) זיגזאגיש |אווּוב|.

היינהערל - דאס, =עך. (נש) זיגזאג |סטוטש 154|.

ה י נ ה ע ר ל ד י ק - אדי/אדוו - (נש) זיגזאגיש

|סטוטש 154|.

## ה י ן = ה ע ר = פ ל ע ט - <u>היינערפלעט</u>.

ה-

(?נ?) ם ה י נ ו ו ע ק - אדוו/קאנוועדב, אוועק.

1541 " מקברון שפרך בורט איך היך וועק |...|".

1673 בבא=בוך, סטר' 411.

1676 " |...| אזו בלד מן רעד דברים בטלים דא קוינן די

1673/1 מלאכים דז ניט צו העריך אונ' גינך היגוועק |...|".

ברנט שפיגל, פרק מ'.

ה י נ ו מ א |הינומע| - די, =ות |=ס|.(לל) כלה=שלייער.

1947 " |...| איר הינומא וועט ארונטער // און ס׳וועט

1776 יעדערער זי זען".

אהרן ציילין, 5, 181.

ה י נ ז י כ ט - די, =ן. (דטשמ) אספעקט, קוקווינקל,

שייכות, עניך.

1895 " די סטאטיסטיקער ווייזן, אז די, וואס האַרעווען ניט

1776/1 |...| פארכאפן דריי פערטל פון די רייכטימער, ווערנד

|= בעת| די ארבעטער קריגן קוים א ין פערטל... אזוי

דארף ניט זיין און טאר ניט זיין. אין דיזן היגזיכט

זיינען זיי |די סאציאליסטן| גערעכט. אזא סיסטעם מוז

אפגעשאפט ווערן".

איבז ש. פעסקין, נידער מיט די סאציאליסטן, ז' 5.

1909 " א ך וועל אנהייבן טאן עטוואס אין דער היגזיכט".

1776/2 עדעלשטאט, 4, 390.

1930 " |...| קאליפארניע איז אין דער היגזיכט א גינסטיק

1783 לאנד. איר באפעלקערונג איז יונג".

איינהארן, 7, 208.

252. ה-

1968 " אויך אין <u>הינזיכט</u> פון פארטייען האט זיך אטוואצק

1781 גארנישט געהאט וואס צו שעמען אין פארגלייך מיט

אנדערע שטעט אין פוילן".

<u>מ. אלבערשטיין, יזב 2, 392</u>.

ה י נ ט - די, מצ פון הונט.

1868 " |...| האט זיך אנגעהויבן צו הערן איינע שרעקלעכע

1794/1 בילעריי פון די הינט, וואס דרייען זיך ארום די גרענעצן".

פיק, 38, 76.

1916 " |...| ארומגעלאפן מיט געגעלע גנב, גערייצט דעם גלהס

1794/2 גלהס הינט".

שלום=עליכם, 37, 121.

1921 " איך היט דא דיין גערייצטן קאפ פון הינט, פון

1794/3 ראבן |...|".

מארקיש, 2, 17.

1964 " צו דער אקציע האבן די דייטשן מיטגעבראכט גרויסע

1794/4 הינט אויף העלפן זיי ביים ארויסרייסן די עופעלעך פון

די עלטערנס הענט".

י. קאפלאן, 1, 226.

ד) באפאלן ווי די הינט - באפאלן אלע צוזאמען, בייז.

1911 " באפאלן זיי די הינט דארט שייערע טויטע ברידער,

באזוכן זיי, באגנבענען זיי, באררייסן זיי". 1794/5

מענדעלע, 9, 136.

הינט וועלן שלעפן גאנצע קעפ - (איר) ס'וועט זיין א גרויסער

טאראראם, א שימחה, ס'וועט זיך טאן.

קומען די הינט צעטיילט - האבן א מיאוסן סוף, אויסגיין

פון הונגער".

|אפאטאשו, פער 90, נ' ז - 4, ז' 119|.

שור: אלע הינט האבן איין פנים.

|זען אויך פראזעלאגיע ביים זוכווארט הונט!|

ה י נ ט אָ ל  -  <u>דער, =ן.</u> גנאַי וואָרט וועגן א שלעכטן

געמיינעם מענטשן |פון הונט|.

1948  " איך בין אים שין נישט קיין ו וייב יארן, דעם <u>הינטאל</u>".

1800 <u>בערלינסקי, 2, 6.</u>

ה י נ ט אָ ן - טרוו. דזוו אהינטאן.

1947 " ווו. האסטו אונדזער אלעמענס ירושה הינגעטאן?".

1882 באריישא, 4, 66.

הין טוןם.

1541 " זג מיר נורט אן ולוקש אונ׳ גירינג |...|// וואו

1880 הושטו הין גיטן מיין גולדן רינג".

בבא=בוך, סטר׳ 306.

הינטאָן זיך - אוטוו. דזוו אהינטאן זיך.

1921 " אויס וועלדער, אויס פעלדער, ניטא זיך ווו

1883 הינטאן, - // מיר וועלן שוין בלייבן דא ווינטערן ווינטער".

מארקיש, 2, 11.

ה י נ ט א ר נ י ע – די, =ס. "מקום=מקלט פאר בלודנע הינט".

1801 |קטור|.

ה י נ ט ט ר י י ב ע ר - דער, =ס/ מצ דז.

דזוו הינטשלעגער.

ה י נ ט י ב ע  –  די זי פון א הונט; צויג.

1921 " |...| ווי א געשלאגענע <u>הינטיבע</u> וועט קומען די

1804 נאכט=שעה".

<u>מארקיש, 2, 18.</u>

1972 " ער האט פאר זיין הונט ניט געהאט קיין באזונדערן

1805 נאמען, אבער דאס אנרופן אים מיטן אלגעמיינעם נאמען,

וואס באצייכנט אלע <u>הינטיבער</u>, האט פארן פאן אדאם געהאט

אזא |...| פערזענלעך צערטלעכן קלאנג |...|".

<u>ראזנפארב, 1, 140.</u>

ה י נ ט י ן - די, =ס. (עלט) דזוו הינטיכע.

ם
הוּנטן.

1676 " |...| ער דר צילט אים וויא דעם לאם ווער די מוטר

1806 איז געשטארבן, אזו האט דז לאם איין הוּנטן גיזאגן דרום

קאן מאן אב נעמן דש דז קינד גראט נאך דר אם".

ברנט שפיגל, פרק י"ח.

ה י נ ט י ש  –  אדי/אדוו.

1. פון א הונט/הינט.

% א הינטיש בילעריי. די הינטישע בודע. דער הינטישער חוש=הר'ן,

הינטישע געטריישאפט.

2. (פיג) ווי (פון ) א הונט) בייז, שלעכט, געמיין, חיהש.

|אנהייב X!X| " |...| חוץ דעם אלעם מיר זאלן גיוואהר ווערן

ווער דער הינטישע מחבר דר פין איז, מע זאל איהם אנלערנין". 1807/1

יוסף פערל, 1,3.

1865 " לאז דיינער איבערגיין, לאז אין הפקר א גראשן,//

וועסטו פריי זיין פון בילן, פון הינטישן לשון". 1807/2

צווייפל, 2, 78.

1934 " עס ברענט דאך ווי א פייער אין מיר // מיין הינטישע

אייפערזוכט ארום דיר,// ווי א נס, וואס איך האווקע ניט". 1815

מ.ל. האלפערן, 4, 156.

1948 " |...| שווארץ די שטאט פון דייטשע פגרים,// און
1807/3 שווארץ דער סטעפ פון אייער __הינטיש__ בלוט".
__מארקיש, 9, 353.__

3. ווי (פון) א הונט/הינט (געטריי, אונטערטעניק __אד"גל__).

1894 " זיין אייגן פארדינסט האט ער |באנציע| אויך נישט
1807/4 הויך געמאנט, ווי א בעטלער האט ער זיך ביי דער טיר
געשטעלט, און אין די אויגן האט זיך א __הינטישע__ בקשה
געמאלט".
__פרץ, 17, 124.__

1970 " די זעלבע דייטשע רוצחים האבן פאלקמאנען נישט
1848 פארשוינט, הגם ער האט זיי אזוי __הינטיש__ געדינט".
__יזב 15, 889.__

הינטיש בלוט! - זידלווארט צו א שלעכטן מענטשן.

הינטישע חתונה |כאסענע| - די, =ות| דאס פארן זיך פון הינט, דאס נאכלויפן פון א הונט/הינט נאך א הינטיכע.

הינטישער וועג - דער, =ן. (שגל) אויף פארטיזאנער לשון וועגן, וואס אויף זיי וואלטן אפשר נאר הינט געקאנט דורכגייין!, |קאטשערגינסקי, ציט 90, נ' XX!! - 1, 1926|.

הינטיש לעבן - דאס, בא. א שלעכט לעבן, אין נויט, עלנט, אן א היים.

1888 " עס שטעלט זיך פאר שמואליקלען די וואך מיט דעם הינטישן לעבן: מיט דעם ארומלויפעניש, מיט דעם קאפדרייעניש |...|". 1849

מענדעלע, 3, 124.

1926 " *א הינטיש לעבן*, – האט שלמה געקלערט – אפגעלעבט

1817 שוין איבער פופציק יאר, און וואס? שרעק און שרעק!".

*אפאטאשו, 5, 110*.

*היטישע לעבער* – *דאס, בא.* זידלווארט וועגן א שלעכטן מענטשן.

1926 " ,אנוול איז געבליבן שטיין ווי א צוגעשמידטער

1843 און געקלערט, אז אויב ער וועט זיי יעצט נישט שטערן,

איז ער א *הינטישער לעבער*!".

*אפאטאשו, 5, 101*.

*הינטיש מזל/גליק* – *דאס, בא.* (*איר*) שלעכט מזל, ניט קיין גליק.

*הינטישער נומער* – *דער, =ן.* (*שגל*) דער בלעכענער נומער

וואס ס'האט דעמולט טראגן אויפן האלדז יעדערער איך געטא

מיט א געלן פאס".

|*בלומענטאל, פער 90, נ' XXII – 1, 1976*|.

הינטישע סטעזשקע – די, =ס. דזוו הינטישער וועג.

הינטישע פרנסה |פארנאסע| – די, =ות. שלעכטע, מיאוסע פרנסה, באשעפטיקונג.

הינטישע פעל – די, =ן. זידלווארט וועגן א ביזן געמיינעם מענטשן.

הינטישער פרצוף (פארצעף) – א) וועגן א מענטשן מיט א מיאוס פנים. ב) זידלווארט וועגן א שלעכטן מענטשן.

הינטישע צורה |צורה| – די, =ות. דזוו דפוו, בײדע ב"ב.

הינטישע צייט – די, =ן. שלעכטע צייט, שלעכטער מצב.

הינטישע שטיק – פאלשע, כיטרע מיטלען, מעטאדן צו דערגרייכן עפעס.

1904 " וואס לאזט איר זײ די מאסע פארדארבן |...| מיט זײערע הינטישע שטיק?".

ה-

היגטישער שוואם - שוואם וואס איז גיפטיק, טויג ניט צום עסן.

ם

הונדיש.

------> 1.

1728 " ווען איינר האבין וויל דש אים איין צאן פון זיך

זעלביר אויז פאלין זאל זוא נעם הונדיש מילך אונ׳ 1820

וועש דען צאן פלייש דא מיט וואול |...|".

סגולות ורפואות, דף כ"א.

ה י נ ט י ש ע  פ ע ט ר ע ש ק ע  - די, =ס. (באט)

זגאל פון מיסטגראזין |סטוטש 250|.

..............................................................

רעד: אפשר דאס וואס איך פויליש הייסט עס

(ווסנ                    , פון דער משפחה

..............................................................

ה-269

ה י נ ט י ש ע ו ו א ט ע - אדי/אדוו. א ביסל היטיש.

1938 " |...| וואס עפעס קריכעוואטע, הינטישעוואטע,//

1851 מיטן עק אזוי צווישן די פיס שטיין געבליבן".

שטענצל, 3, 11.

ה י נ ט י ש  ק ד ח ת  -  דאס, בא. מין פיבער=קראנקייט,

גענויער בנב |סטוטש 420|.

ה י נ ט י ש ק ײ ט - די, בא. אײגנשאפט צו זײן הינטיש ב׳2.

1963 " נאר די ׳פרײהײט׳ |צײטונג| איז איר נארישקײט

1852 און הינטישקײט, גיט מיר שוין צום װיפלטן מאל קרעדיט

אפילו װאס איך פארדין נישט".

ח.ליבערמאן, פער 155, II/22.

ה י נ ט ל – דאס, =ער. ערשטע פּקפּ פון הונט.

... " |...| אונטערגעוואַרטשעט ווי הונגעריקע הינטלעך".

1856 שלום=עליכם, 7א, 139.

1940 " א הינטל א דעמאַלט // איך וויזגע געגאַנגען |...|".

1856/1 אלעווסקי, 2, 125.

ה י נ ט ל ע ן ז י ך - אוטוו.

1. דאס געבערן הינטלעך.

% די צויג האט זיך געהינטלט און געבארן פיר הינטעלעך.

1862 2. "דאָס פאָרן זיך פון הינט |קטוו|.

ה י נ ט ל ע נ י ק - דער, =עס. (שנש?) דזוו הינטשלעגער.

1932 " די הינטלעך - אן ער און א זי - רייסן זיך איינס

1863 צו ס'אנדערע, ביידע הינטלעניקעס בלייבן שטיין און

ווילן אי נישט שטערן דעם זיווהג, אי זיי שעמען זיך

פאר מענטשן".

נאדיר, 4, 135.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, אפשר מיינט מען

יינגלעך וואס פארען זיך מיט הינט? זען ברייטערן

קאנטעקסט!

ה י נ ט מ <u>א</u> ר ש – <u>דער, =ן.</u> (<u>שגל</u>) דאס גייען אויף אלע פיר.

1964 " אין איין לאנגער ריי נעמען |...| מארשירן די

1867 נאקעטע אויף אלע פיר, אויף די הענט און פיס. דער <u>׳היגטמארש׳</u>

ציט זיך אוועק איבער מאך און שטעביקן גראז".

<u>י. קאפלאן, 1, 240.</u>

ה י נ ט ן I - <u>אדווערב.</u>

1. הינטער אדער נאך עפעס/עמעצן היפוך פון "פארנט/פאר", ס'רוב געניצט אין דער אדווערביאלער פארבינדונג "<u>פון הינטן</u>".

% שטיין (ליגן, געפינען זיך) <u>הינטן, פון הינטן</u>.

זיי האבן א שיין הויז, <u>הינטן</u> אויך א גארטן.

ער שטייט דער ערשטער אין דער ריי, און איך <u>פון הינטן</u>.

<u>הינטן</u>, אויפן רוקן, האט דאס קינד א געשווירל.

די פעקלעך ליגן <u>פון הינטן</u>, אין באגאזשניק פון אויטא.

די טאנקען גייען פאראויס, און <u>הינטן</u> די פוסגייער.

1878 " |...| א מאל פלעגט ער מיך ארומשטעקן <u>הינטן</u> מיט פעדערן"!

1921 <u>מענדעלע, (ציט' יובל=אויסג 1912). 16א, 64.</u>

1906 " גיט עפעס פון <u>הינטן</u> א בלאז - ס'קארענע פושקעלע פאלט אים פון דער האנט ארויס".

<u>פרץ, 17, 362.</u>

1930 " |...| דאס איז די געשיכטע פון יונגן אמעריקאנער

קאפיטאל: מאראל פון פארנט און גרעפס |=שוחד| פון הינטן". 1921/1

איינהארן, 7, 129.

1961 " דו קוקסט אפריער און יענער קריכסט פון הינטן".

שעליובסקי, 4, 85. 1917

2. (עלט) דערנאך, שפעטער, ווייטער, אין דער קומענדיקער צייט.

|אנהייב XIX| " איך טוא אייך הינטן איין שייני מעשה שטעלן

פון דען משיח מנחם בן יצחק וואס מען אים מעלדן". 1913

יענטע בת יצחק, 1, 37.

1872 " איך בין דער ערשטער גאט, דער האט דאס געטאן און איך

בין דער גאט, וואס וועט אייך העלפן הינטן אין די טעג 1893

|פון| משיח און אלע טאג".

צאינה וראנה, 3, לך לך (הפטורה).

רעד: כ׳בין מסופק, צי אין X!X י"ה האט מען נאך גענוצט
דאס ווארט "הינטן" אין דעם צווייטן באטייט. די
ציטירטע מקורים זענען מסתמא געטרייע איבערדרוקן
פון פריערדיקע אויסגאבעס מיט געוויסע ענדערונגען אין
אויסלייג.

0 אויף הינטן – אדוו פר. אין דער ריכטונג אויף צוריק,
צו דער רוקנזייט, ניט פארויס. אומקוקן זיך אויף הינטן.

% דער טאנק קאן זיך באוועגן פארויס און אויף הינטן.

1947 "|...| רוקט זיך אפ פאמעלעך אויף הינטן".

1929 דאבין, 1, 29.

1949 "|...| מיט דראבנע טריטעלעך האט ער גענומען

1923 אפטרעטן אויף הינטן".
שניאור, 11, 120.

פון הינטן - אדוו. פר. דזוו הינטן.

הינטן ארום - אדוו פר, פפֿ (דיאל) הינטן ארומער. הינטן ארומעט.

1. דורך דער זייט/ריכטונג וואס איז הניטן, ניט אין דער דירעקטער, פארויסיקער ריכטונג/זייט.

% גייין הינטן ארום. דערלאנגען הינטן ארום. אנקומען הינטן ארום.

דער וועג צו דער באן=סטאנציע איז צעשטערט, מוז מען פארן אהין הינטן ארום, מיט זייטיקע געסלעך.

1932 " און אויף פטקין עוועניו/7 זיינען ארומגעגאנגען
ציגן מיט בערדלעך, ווי חזנים,// און געמעקעט אויפן ג 1960
גלות// און געוויינט הינטן ארומעט |טעקסט: הניטערארומעט|
מיט ביבקעס".

נאדיר, 10א, 15.

1947 " |...| אליין איז ער אראפ פון בערגל הינטן ארום |...|".

דאבין, 1, 177. 1942

1948 "|...| א פארלוירענער דעקל// שארט זיך גיריק//

1960 הינטן ארומער".

לוצקי, 3, 30.

1967 "|...| גיט ער זיך, דער לץ, // הינטן ארום

1950 א רוקעלע, |...|".

אהרן צייטלין, 6, 236.

2. (פיג) ניט אויפן גלייכן (אפענעם, אפנהארציקן, אנגענומענעם) וועג; אויך: באהאלטענערהייט, אפנארעריש, אומערלעך, אומלעגאל.

% די שטעלע האט ער געקריגן הינטן ארום, דורך פראטעקציע. דער פארשוין טרעט קיין מאל ניט צו צו אן עניין דירעקט, נאר ער גייט הינטן ארום, מיט אנצוהערענישן, קלאץ=קשיות.

1899 "אלץ הינטן ארום, שטיל, עס זאל ניט איבערבלייבן

1946 קיין צייט אויף ראטעווען זיך דעם בעל=הבית, געבעך".

מענדעלע, ציט 8א, ??ט.

1929 " מיינסט, איך ווייס נישט , אז דו רייצסט אויף

מיר הינטן ארום די קצבים?". 1932

בערגעלסאן, 2, 135.

1938 " א בורקע, וואס מע קויפט אפ הינטן ארום ביי

דער אינטענדאנטסטווע |...|". 1933

שניאור, 3, 58.

הינטן נאך - אדוו פר. (עלט) דזוו וואס הינטן ב' 2.

1872 " הקב"ה וועט הינטן נאך ברענגען אויף פרעה נגעים".

צאינה וראינה, 3, לך לך. 1895

רעד: זען באמערקונג צו "הינטן",ב' 2.

ב) בלייבן פון הינטן - ניט פראגרעסירן, ניט דערגרייכן דאס געווינטשטע, ניט דערגייין צום ציל.

לאזן פון הינטן (עמעצן) - איבעריאגן (עמצען) אין א פארמעסט, דערגרייכונגען.

זיין ניט פון (פארנט) ניט (און) ניט (פון) הינטן - קווענקלען זיך, ספקן, ניט קענען זיך באשליסן.

ניט וויסן ווו. הינטן און ווו. פארנט - ניט אריענטירן זיך, ניט וויסן גארניט, זיין אן עם=הארץ.

פארנט ווי א מאיאר, הינטן ווי א שווארץ=יאר - וועגן עמעצן, וואס איז נאר אויבן אויף צוגעפוצט, אבער אין דער אמתן ניט שיין, שמוציק.

ם
**הינטן.** מה"ד:

.1 <------

1544 " דיא קעלבר זולט איר בינדן הינטן אן דש הויז.//

דיא קויא |=קי| זולט איר טרייבן מיט דעם וואגן אויז". 1927

שמואל=בוך, סטר׳ 104.

1661 " דא מערטן זיך דיא פיינד איבר דש פאלק גאטש פון

הינטן אונ׳ פון פורנן". 1887

יוסיפון, 2, דף ק"א.

1723 " פר צייטן האבן דיא חסידים אונ צדיקים געלט איין

אירי רעק אודר אין אירי מענטל הינטן איין גיקניפט. 1914

דא זיינן דיא עניים גיקומן אונ האבן עש אויף גיקניפט

און האבן דאז געלט הרויש גינומן".

לב טוב, 2, דף 46.

2. ←-----

1717 " אז וויא מיר הינטן שרייבן ווערין דרום זאל מן וואל

1886 אוף פשן |=פאסן| דז מן איטלכם זיין רעכט טוט".

ס׳ החיים !!, דף י"א.

הינטן נאך.

1610 " אונ׳ די עקידה זול ווערן אן געיזעהן דען קינדרן

1910 דיא הינטן נאך ווערן קומן".

טייטש=חומש, בראשית, כ"ב - י׳ג.

|?1685| " זא נעמט הקב"ה דיא נשמה אונ׳ וועשט זיא איך

1889 גיהנם אז איך ווער הינטן נאך שרייבן".

דרך הישר |...|, דף כ"ה.

1722 " אונ׳ אך האט גאט דש גלות גוויזן צו יצחק אונ׳ יעקב

1892 אין דר נבואה דש ישראל ווערן הינטן נאך זינדיגן

אונ׳ ווער פאלין אין גלות פון וועגן איר עבירות".

מנורת המאור, 1, דף רמ"ז.

ה י נ ט ן <u>!!</u> - <u>דער, =ס.</u>

1. עפעס וואס געפינט זיך הינטן פון עפעס(ניט פארנט, ניט אין דער פראנטזייט), דער הינטערשטער טייל פון עפעס.

% דער פארנט פון מאנטל איז א וואלענער, דער <u>הינטן</u> - פון פוטער. דער <u>הינטן</u> פון הויז גייט ארויס צו א גארטן.

1888 " דער הינטן |פון דער קאפאטע| אויסגעריבן און
ערטערווייז דארט קוקן ארויס שטיקלעך קליאטשע". 2008

<u>מענדעלע, 3, 64.</u>

1965 " |...| אין אויסגעפאסטן אפגעבליאקעוועטן קאטיקענעם
מאנטל איבער איר לאנג און ברייט קלייד, מיטן אויסגעשטאפטן 2008/1
הינטן".

<u>ח. גראדע, פער 69, !!/9.</u>

1968 " דאס ווייסע טישטעך איז געווען פארפלעקט, גלעזער
און טעלערלעך זענען געשטאנען צערוקט און איבערגעקערט מיט
<u>הינטנס</u> ארויף".
<u>ב. דעמבלין, יזב 2, 672.</u>

2. (איינפעם) דאס געזעס, דאס זיצפלייש, דער אחור (תחת)

פון א מענטשן. דרייען מיטן הינטן. שמייסן אין הינטן.

1926 " לייבקע האט זיך א האסטיקן שטעל אויף געטאן, |...|

זיך געטאפט פארן צעקלאפטן געזעס און געוואלט מאכן פליטה - 1984

העי, לייבקע, קום נאר, - האט וואלף אים צוגערופן, -

וואס, דער הינטן ברענט?".

אפאטאשו, 5, 163.

1934 " גנבענען ווינטן דערווייל (ווי איך קריך) // ארויס

ביי מיר די פיס פון די שיך,// רוקט זיך אונטער א וואנט 1984/1

און גיט זיך א בויג// און בעט מיר אין הינטן, ווי אין א פויק."

מ.ל. האלפערן, 11, 167.

1970 " איר מלבוש האט אויסגעזען מער שלאַפּראַק ווי קלייד

|און זי האט| געדרייט מיטן פארנט און הינטן, ווי א 1994

בויכטענצעריך".

ח. גראדע, פער 69, ט!א/25.

3. דער הינטערשטער טייל פון קערפער פון א בעל=חי. (פערד, בהמה, אד"גל).

1902 " מען האט געמעגט אנקוקן אויף חידושים, מיט וואס
1985 פאר א קעלבערנער התלהבות עס |דאס קעלבל| האט זיך געלאזט
לויפן, אונטערהייבנדיק דעם הינטן, מחילה".
מענדעלע, 7, 55.

1907 " |...| און אט האבן זיך אריינגעשניטן אין דעם שטראם
1985/1 פון מענטשן גר יסע געזונטע פערד, מיט ברייטע הינטנס
און טרעטן אויף די מענטשן |...|".
שלום=עליכם, 18, 86.

/7 (צו באטייט 2, אלע אין ווּלגארן טאן).

א) פּפּ:

גלאט ווי א הינטן - אין גאנצן גלאט.

רויט ווי א יוונישער |יעוואנישער| הינטן - שטארק רויט.

טויב ווי א הינטן - אין גאנצן טויב.

א פנים ווי א יוונישער הינטן - א גרויס און רויט פנים.

א פנים ווי א הינטן מיט (צוויי) אויגן - ווען א גרויס קיילעכיק פנים.

ב)

סמאלע=הינטן - בנב.

שעפסענער הינטן - (לאקל פלווישעק) ווען א הויכן און פעטן מענטשן. |פער 90, נ׳ XII - 2|.

ג)

האבן א מויל ווי א הינטן - א) האבן א גרויס מויל.

ב) ווען איינעם וואס טרייבט רכילות, זאגט אויס סודות, זידלט זיך א סך.

<u>ער האט א פולן הינטן מיט האר</u> - (<u>שפאטיש</u>)ןןעגם אחהנעפ וןאס
האט גארניט, א גרויסן ארעמאן וואס בארימט זיך אז ער
האט און האט ניט.

<u>האבן שפילקעס/שטעכלקעס אין הינטן</u> - ניט קענען איינזיצן
אויף אן ארט, וואנדרעווען.

<u>האבן א פלאטשיקן הינטן</u> - קענען לאנג זיצן און לערנען,
זיין גוזמאדיק געדולדיק.

<u>כאפן דעם הינטן און אנטלויפן</u> - אנטלויפן גיך.

<u>קושן אין הינטן</u> (עמעצן) - שטארק זיך אונטערחנפענען. כ׳האב

<u>קוש מיר אין הינטן</u>! - דו ביסט פאר מיר גארניט, כ׳האב ניט
קיין מורא פאר דיר, קענסט מיר גארנישט טאן.

<u>ס׳בייסט אים דער הינטן</u> - ווען איינעם וואס שטופט זיך
אומנייטיק ווו ס׳איז דא א סכנה, א ריזיקע (מיט אן
אנצוהערניש אז ער וועט "קריגן שמיץ" ד"ה באשטראפט ווערן).

עד האט ווערעם אין הינטן – וועגן אן אומרויקן מענטשן, וואס קאן נישט איינזיצן אויף איין ארט.

מאכן פון מויל א הינטן – צוזאגן און ניט מקיים זיין.

לאזן מיטן הוילן הינטן (עמעצן) – רויניר ן, שטעלן בדיל=הדל.

בלייבן מיטן הוילן הינטן – רויני רט ווערן, פאראר עמט ווערן אין גאנצן.

פרירן פרירט מען אפ א הינטן ניט א קאפ – בנב. |פער 90, נ' X!, ז' 41|.

נישט אזוי דער בקלות |בעקאלעס| ראש |ראש| ווי דער בכלהס, הינטן → וועגן א חתן וואס אינטערעסירט זיך ניט דער כלהס קאפ (צו איז זי א קלוגע) נאר צי זי איז א געניוג דיקע

|ווארטשפיל: בקלות ראש=לייכטזיניקייט, בכלהס=דער כלהס...|

א מילכיקע קאנע אין א פליישיקן הינטן - "וועגן א מענטשן
וואס איז רייך געווארן פון טריפהנע געשעפטן".

|קטוו, ווילנער געגנט, פער 90, נ' XXIV - 3, ז' 92|.

ד) שור:

מע קאן גיט זיין מיט איין הינטן אויף צוויי (וואר:דריי,צען)ירידן,

ירידן.

אז מע גיט אריין אין הינטן, נעמט מען זיך אריין אין קאפ.

אז ס'איז ניטא קיין קאפ מוז זיין א הינטן.

צו א גוטן קאפ דארף מען אויך (האבן) א גוטן הינטן.

אויף א נאקעטן הינטן איז גוט צו שמייסן.

פון שמאלע לאקשן קריגט מען נישט קיין ברייטן הינטן.

אז דער איבערשטער וועט טאטע=מאמע דערפרייען, וועל איך
זיך אויך מיטן הינטן דרייען.

(?נ?) ה י נ ט ן = פ א ל י פ - <u>דער, =ן.</u> אויסוווקס אין דעם קאנאל.

<u>רעד:</u> זען באמערקונג צו "היגטנלאך"

(?נ?) ה י נ ט ן = ק נ י פ ל - דאס, =עך. בנב.

.....................................................

רעד: זען באמערקונג צו "הינטנלאך".

.....................................................

ה י נ ט ן = ש פ י ג ל - דער, =ען. בנב. (?נ?)

רעד: זען באמערקונג צו הינטנלאך"

ה י נ ט נ ד ל - דאס. =ער. פ̅ק̅פ̅/צערטל=פארמע פון הינטן (סוב)

1925 " טאמער לאזט עס |דאס נייע געבוירענע קינד| ניט

1952 ארויס דעם דאזיקן געשריי, דערלאנגט מען אים א פאר

נישקשהדיקע קלעפלעך איבערן הינטנדל און רוקן כדי צו

דערמאנען אים זיין פליכט".

פער 151, נ' 3.

(?נ?) ה י נ ט נ ל אָ ך - די, ~ לעכער. (<u>אנאט</u>) עפענונג.

| רעד: ניט זיכער איך אויסטייטש דאס ווארט איז אנגעגעבן דורך אן אינפארמאנט, אן אויסטייטש. |
|---|

ה י נ ט נ ק יי ט – די, בא. מצב פון זיין, פון געפינען זיך
הינטן (אדור). |פֿטוטש 146|.

(?נ?) ה י נ ט נ ק ר ע ב ס - דער, =ן. בנב.

רעד: זען בעמעקונג צו "הינטנלאך"

ה י נ ט ע ל י ג ע נ ט - דער, =ן. (שלש) אינטעליגענט.

% דער בחור מאכט זיך פאר א גאנצן קענער, א "הינטעליגענט".

ה י נ ט ע ל ע  –  דאס, =ך. צווייטע פקפ פון הונט.

% די צויג האט געבוירן דריי הינטעלעך.

ה י נ ט ע ר !̲ - פרעפ, פפ̄ (זן) אהינטער, הינטערן (----⇠).

1. קומט פאר א בובסטאנטיוו אדער פראנאם אין דאטיוו אנצווווייזן
אז דאס ארט פון עפעס/עמעצן געפינט זיך אין דער ריכטונג
אויף צוריק, צו דער רוקנזייט פון דעם סוב/פראנ,
אויף דער אנדערער (יענער) זייט זיינער, נאך אים
(אין באטייט פון ארט) היפך פון "פאר","פארויס").

% זיי האבן א שיין הויז און אויך א גארטן הינטער דעם הויז.
די ביכער=שאפע שטייט הינטער דעם שרייבטיש.
מע זעט א טייך, און הינטער אים א וואלד.
שטעל זיך אין דער ריי פאר מיר און איך הינטער דיר.
די קינדער שטייען אין א שורה איינער הינטער דעם אנדערן.
די טאנקען האבן אטאקירט און הינטער זיי זיינען געלאפן
די פוסגייער. זייט אזוי גוט, פארמאכט די טיר הינטער זיך →
ס'איז קאלט!

1892 "|...| נאך א מאל האבן זיי זיך געטראפן חול=המועד
פסח אויפן שפאציר <u>הינטער</u> דער שטאט".
<u>פרץ, 17, 72.</u>

1901 " ווען וועט שוין די זון אויף אונדז רחמנות האבן
און וועט זיך אריבערפעקלען ערגעץ ווייט <u>הינטער</u> די הייזער?". 2017

1936 " <u>הינטער</u> די |...| פארמאכטע לעדן |...| זענען
געזעסן די ניי געבאקענע שותפים, זיך דאס הארץ 2021
אונטערגעלענט און געשמועסט".
<u>האראנטשיק, ציט פער 23, 164.</u>

1943 " |...| דערהערן דיין קול זאלן ביינערנע ברידער,//
די בראנדיקע געטא און ס'פאלק <u>הינטער</u> ימען". 2021/1
<u>סוצקעווער, 3, 318.</u>

2. (פיג) קומט פאר א סובסטאטיוו אדער פראנאם אין דאטיוו
אנצו·וויי זן, אז עפעס אנדערש אדער עפעס נאך איז דא,
איז באהאלטן דעם באטייט פון דעם סוב/פראנ.

% הינטער זיין שמייכעלע איז דא א כיטרע כוונה.
הינטער דעם אלעמען ליגט עפעס א סוד.
הינטער דעם בראנפן באהאלט זיך דער נאר (שוו).

1930 " הינטער א גמרא=ניגון בושעווען זאווייען,// און אין
גראער פינצטערניש פון שנייקע געשרייען // גליט אן 2032/1
אייזן=ווילן, לויכט אן אלטער טרוים// פון א דרום=זונלאנד
און א וויינשטאק און א פייגנבוים".
ליעסין, 2, 9.

1959 " ס'איז אים געווען קלאר, אז הינטער דער גאנצער
ווילערישקייט איז דער שמואל |...| א פראסטער יונג, 2032/2
וואס טראכט נישט מיט דעם אייגענעם מוח".
באשעוויס, פער 155 ,!ת 18.

1964 " הינטער די ווערטער פון רותן: 'עמק=עמי' |...|
2061 ליגט די פארשטענדעניש פאר איר פערזענלעכער איבעראנדערשונג,
א גרייטקייט פאר מעגלעכע ליידן".
ו. בורשטין, פער 9, ר"ה=נומער, ז' 45.

3. (ס'רוב מיט "זיך") ווייזט אן אויף סיבה אדער צייט=פארבינדונג;
% הינטער דעם נייעם אויסגעפינס ליגן יארן פון אנגעשטרענגטע
פארשונגען פון א סך געלערנטע. דער מענטש האט הינטער זיך
א לעבן פון נויט און וואנדערונגען. די משפחה האט
אינטער זיך דורות פון רבנים און לומדים.

1955 " |...| הינטער זיך געהאט |...| יארן פון יידיש=
2091/1 געזעלשאפטלעכער אקטיוויקייט".
ש. ביקל, פער 69, 10/V!!.

1964 " הינטער דעם צופאל האט געמוזט זיין עפעס א
2096 סוביעקטיווער צוגרייט פאר דעם".
ב.צ. גאלדבערג, פער 69, 10/V!!!.

4. ווייזט אויף אונטערהאלט, אנהאלט, אנשפאר, שטיצע, הילף.

% אין א נויט האט ער תמיד <u>הינטער</u> זיך גוטע פריינד, וואס העלפן אים. די דאזיקע פארטיי איז אין ירידה, האט ניט <u>הונטער</u> זיך קיין מאסן. <u>הינטער</u> דעם קינד זיינען גרייט דער מאמעס הענט (<u>שוו</u>).

1893 "|...| א פאר שליפעס מוזן צען מאל מער זעלנער האבן <u>הינטער</u> זיך |צו הילף| אלס לייבלס שאפנפעלץ-סיערמיענגעס און טרעגערפלעצלעך".

<u>פרץ, 17, 102</u>.

5. ווייזט אויף נידעריקערע קאטעגאריע, מדרגה, מעמד.

% אין לערנען האט ער א ם איבערגעיאגט און געלאזט ווייט <u>הינטער</u> זיך. לויטן מיליטערישן ראנג איז א קאפיטאן <u>הינטער</u> א מאיאר. לויט דער צאל איינוווינער שטייט פראנקרייך <u>הינטער</u> ענגלאנד.

6. גריידיק במקום "אונטער".

1839 " ער |יצחק| האט גיוואלט עשיון בענטשין, |...|

2040 פליצלינג קימט יעקב און כאפט עהב אוועק דיא ברכות פון
הינטער די האנד".
פישלזאהן, 1, 55.

|1930–1931| " פון הינטער זיין פלושן קיילעכדיק היטל איבערן
שטערן האבן אפערגעקוקט א פאר שטילע גלאנציקע אויגן".
ווייסענבערג, 9, (ב' !V) ז' 23.

|1926 – 1931| " דער רבי האט אים אפגעשטופט פון זיך,
2018 געשליידערט ווער |וועמען| עס איז אים נאר געקומען
הינטער דער האנט".
אפאטאשו, 10, 176.

1936 " |...| דעם בלאנדוואנסיקן געכאפט הינטערן ארעם,
2063 אים איינגערוימט עפעס שמייכלענדיקס".
האראנטשיק, 3ב, 97.

1973 " שפעטער איז דער שליטן ארײנגעפארן אין א וואלד. 2063/1

הינטער דעם שנ י און די אײזצעפּלעך האבן די נאדלען געגרינט ווי אין זומער".

באשעוויס, פער 155, 28/IV.

רעד: כ'גיב אומיסטן א סך ציטאטן – ס'איז אינטערעסאנט וויפל ערנסטע שרײבער האבן געניצט "הינטער" במקום "אונטער", און נאך טשיקאווער איז – אלע שרײבער פון הוילן! און דארט הערט זיך דווקא שטארקער דער "ה".

O הינטערן – באהעפט פון דער פראפאזיציע מיטן רעדוצירטן ארטיקל אין דאטיוו: הינטער + דעם=הינטערן.

% היטערן פלויט. היטערן וועלדל. אבער אויך: הינטערן שטאט. (די שטאט, פון דער שטאט). הינטערן טיר( די טיר, פון דער טיר).

1899 "אויפן וועג הינטערן שטעטל, גייט בן=ציון אריין צו
2101/1 זיך איך שייער געוואר ווערן צום אנגעלייגטן פרישן היי דארט".
מענדעלע, ציט יובל אויסג׳ 1911, ז׳ 94.

1927 " |...| בלייבן ביז פארנאכט, ביז די זון פאלט אוועק
2043 הינטערן טייך, הינטערן גרינעם בארג".
קאהאן, 1, 4.

1954 " מען האט אונדז אלעמען אוועקגעפירט אויף אן אפענעם
2042/1 פלאץ ווייט הינטערן שטאט |...|".
יזב 10, 744.

ד שטיל ווי פון הינטערן אויוון - וועגן א נאיוון, תמעוואטע
מענטשן.

חכמים פון הינטערן אויוון - וועגן אזעלכע וואס האבן ליב
צו חקירהן וועגן פאליטיק און אנדערע הויכע מאטעריעס.
ניט האבנדיק קיין פאקטישע ידיעות אין די זאכן.

<u>הינטער זיבן שלעסער</u> - זייער שטארק, טיף באהאלטן.

<u>הינטער שלאס און הגל</u> - פארשפארט אין טורמע.

<u>הינטערן פארהאנג</u> - פארדעקט, פארשטעלט, פארהוילן.

<u>הינטער די הרי=חושך</u> | הארע=כוישעך | - זייער ווייט, ניט צוצוקומען אין א ווייטן העק.

<u>הינטער די קוליסן</u> - ניט אפן, ניט פארן פובליקום, בסוד.

<u>גיין הינטער זיך</u> - (<u>עלט</u>) גיין מיטן רוקן אויף צוריק, הינטערווײלעכץ.

1836 " |...| דאש אלש איז גירעכנט פאר איין בוקן, וויל ער מוז אזו <u>הונטער זיך גיין</u> איין גיבויגן". 2022

<u>לב טוב, 3, 11</u>.

<u>הינטער די אויגן (וואר: הינטער די פלייצעס, הינטערן רוקן)</u> -

ווען יענער איז ניט דערביי (ביים רעדן, דערציילן וועגן אים).

... "כוועדאר, הנטער די אויגן, האט ביי איר קיין אבדער נאמען ניט, אחוץ ׳כפרהניק".

<u>שלום=עליכם, 7א, 167.</u>

1936 " עס איז מרדכין אנגעקומען שווער צום צווייטן מאל חתונה צו האבן. הינטער זיין פלייצע האט מען זיך דערציילט |...| אז ער האט פארפייניקט צום טויט מיט ארבעס זיין ווייב |...|". 2024

<u>ר. קארן, 2, ציט פער 23, ז׳ 557.</u>

<u>ער ליגט ניט הינטערן אויער</u> - ער עסט גוט, ער פרעסט.

רעדן הינטער די ציין – רעדן מיט פארמאכטע ציין, אין כעס.

האלטן די צונג הינטער די ציין – שווייגן.

ארומגיין ווי הינטער דער וואנט – א) ארומגיין פארזארגט,
טרויעריק. ב) ארומגיין ברוגז.

זיין הינטער זיך (מיט געלט,) – זיין שטארק פארשולדיקט.

1946 " פנחס איז גאר 'הינטער זיך' מיט מיליאנען'". 2071
טרונק, 5, 198.

.............................................

רעד: ניט זיגער מיטן אויסטייטש, זען ברייטערן
קאנטעקסט!

.............................................

שור:

הינטער די אויגן קען מען רעדן אפילו אויפן פוילישן מלך

(וואר: הינטער די אויגן מעג מען אפילו דעם פריץ א פייג ווײלן

הינטערן קיסרס מאנטל מען מען א פייג ווייזן).

ווארף הינטער זיך, וועסטו געפינען פאר זיך.

אומגעבעטענע (וואר: ארעמע) קרובים צעזצט מען הינטערן אויוון.

דער אמת איז אין די אויגן, דער ליגן איז הינטער די אויגן.

הינטערן בראנפן באהאלט זיך דער נאר.

הינטער דעם קינד זיינען גרייט דער מאמעס הענט (וואר:
דעם מלאכס פליגל).

קוקט מין פאר זיך איז שלעכט, קוקט מען הינטער זיך איז נאך ערגער.

<u>היגטר/היגדר.</u> ם <u>מה"ד:</u>

1.

... " אחרי - דש דא אישט <u>היגדר</u> מיר".

2085 <u>רייכלין 8, שמות, לג - כג.</u>

1544 " דוד מיט גרושן זורגן <u>היגטר</u> דען הולן שטיין טראט".

2089 <u>שמואל=בוך, סטר׳ 494.</u>

1610 " |...| אונ׳ זיא לוקט זיין ווייב |לוטס| <u>היגטר</u> זיך

2065 אונ׳ זיא ווארד צו איינעם שטאנד פֿאלץ".

<u>טייטש=חומש, בראשית, י"ט - כ"ו.</u>

1716 " ווען מן די טיר האט אויף גיטאן דא איז דאש

2065/1 גימעל <u>היגטר</u> דער טיר גיוועזן".

<u>ס׳ המגיד, 3, ירמיה, ג - י׳.</u>

------ 2.

1696 " אזו האלט דען מאן ניט אז דיא אים אויסן וויניג

אן זיכשט ביז דוא ווייסט וואש **הינטר** אים שטעקט". 2091

(סידור) תפלה למשה, דף קכ"ד.

0 **פון הינטערן** - פון הינטן.

1743 " זיינן די (שונאים) אך **פון הינטרן** איבר זיא גקומן

אונ׳ האבן זיא דר שלאגן". 2035

שארית ישראל, דף ע׳.

ד/ **הינטער זיך גיין** - גיין הינטערוויילעכץ.

1676 " אונ׳ מן **גיט הינטר זיך** אויז דער שול דא מיט דז מן

דען הינטר לייב ניט ווייזט קיגן דעם ארון קודש".

ברנט שפיגל, פרק לט.

ה י נ ט ע ר !! - דער. =ס. דער הינטן (הינטער-חלק, אחור).

1938 " |...| די פערד, מאגערע, קנאביקע, מיט שארפע רוקנס

2023 און צעדמיסענע הינטערס".

זינגער, 7, 56.

רעד: זאל ע ס זײַן סתם א גרײַז במקום "הינטן"?

נאכזעך!

ה י נ ט ע ר = א נ א נ ד ( ע ר ) - אדוו פֿר. (עלט)

איינער הינטערן אנדערן, איינס נאכן אנדערן.

... " ווען צוויי טעפערס גייען הינטער אנאנד |...|".

2113 איבז אנ, בבא קמא, לע/א.

ם הינטר אננדר.

1766 " ווען אייך (טעם מפסיק) צווייא מאל הינטר אננדר

2114 קומט אזו איז דער ערשטי גרעכנט פר מער טעם מפסיק אלז דר

אנדר |...|".

אבן ישראל, דף י"ח.

ה י נ ט ע ר = ב א ו ו ו ס ט ז י י ן - ------> **אונטערבאוווסטזיין.**

ה י נ ט ע ר = ג ע ג נ ט - די, =ן. זייטיקע, ווייטערע געגנט, ווייט פון צענטער.

1966 " אמאליקע יארן פלעגן די טויבן פון צפון=אמעריקע נעסטלען אין די הינטער=געגנטן פון קענטאקי, אהייא און אינדיאנא, ווייט פון יישובים". 2129

י. ווֹאלאך, פער 69, 12/IX.

ה י נ ט ע ר = ג ע ד א נ ק - דער, =ען. א ניט=ארויסגעזאגטע

באהאלטענע כוונה, מיין ס'רוב אין נעגאטיוון זינען.

% ער רעכנט א סך וועגן אשר און צדקה אבער זיין הינטער=געדאנק

איז צו פארדינען עפעס ביי דער זאך.

1949 " |...| האט געקענט זאגן דעם אמת אין די אויגן,

אן חניפה אין הינטער=געדאנקען".

מ. באכנער, יזב 9, 86.

ה י נ ט ע ר = ג ע ו ו ע ל ב – דאס, =ן. א הינטערשטער צימער ביי א געוועלב (קראם), ניט דארטן ווו ס'קומען אריין די קונים.

1958 " נישט צו פארפירן דא קיין שמועס צווישן גויים |...| האט חיים שטיל געמורמלט צום אלטן: – אפשר גייט מען אריין אין הינטער געוועלב?". 2133

דעמבלין, 5, 18.

ה-

(?נ?) ה י נ ט ע ר = ג ע ז ע ס - דאס. (עלט) דזוו דער הינטן (אחור).

1914 " שתותיהם - זייערע הינטערגעזעסע".

2135 גורדון, 1 שמואל ב, י - ד.

|תי: געזעס|.

ם הינטר גיזעס.

1711 " דא זאגט די נכריה צו דעם ישראל, דעק נישט מין

2134 אויף אז דייך הינטר גיזעס קיגן דער (עבודה זרה)

פון פעור דא וויל א ך בייא דיר ליגן".

צאינה וראינה, 2, דף קכ"א.

רעד: ניט זיכער אין א יסטייטש.

ה־

322

ה י נ ט ע ר = ח י ל |=כאיעל| – דאס/דער, =ות |כאיאָלעס|.

אריערגארד.

1941 " און דער הינטער=חיל איז געגאנגען נאך דעם ארון".

2248 תרגום יהואש, יהושע, ו׳ – 9.

ה י נ ט ע ר = ח ל ק |= ביילעק| - דער, =ס.| ~ באלאקים|.

1. דער הינטערשטער טייל פון עפעס.

% דער הינטער=חלק פון הויף איז פארבויט מיט שטאַלן.

1968 " ט'האסטו א קעמפער! ר'האט דער־זען דעם הינטער=חלק

2251 פון דער לבנה, פאלט ער אוועק א געהלשטער אויף דער

באריקאדע".

ב. דעמבלין, יזב 2, 665.

2. (שש, אייפעמיש) הינטן, דער אחור, דאס געזעס פון א מענטשן.

1934 " |...| ער גייט דאך ניט מער מיטן קאפ פארויס, נאר

2252 מיטן הינטער=חלק".

מ.ל. האלפערן, 5, 144.

1940 " |...| שוין זשע קלערט איר, אז פויערים קענען

2254 געשמיסן ווערן נאר איבערן הינטער=חלק און ניט איבערן מאגן?"

בערגעלסאן, 14, 370.

3. דער הינטערשטער טייל גוף פון א בעל=חי.

% דער עוף האט א פעטן הינטער=חלק.

1973 " מיין |...| מאמע האט אנגעכאפט א הון |...| אוועקגעבלאז |ן

2250 די פעדערן אויפן הינטער=חלק צו זען די פעטס".

ראזענפארב, 3, 188.

7/ מאכן פון מויל א הינטער=חלק - צוזאגן און ניט מקיים זיין.

ה י נ ט ע ר = ח ש ב ו ן |= כעזשבן| - דער, =ות|~כעשבוינעס|.

1. באהאלטערער חשבון, ניט אפיציעלער.

2. (פיג) זייטיקע, פארבארגענע כוונות, אויסרעכענונגען.

1967 " וואס עס זאלן נישט זיין די א יסרעכענונגען און

הינטער=חשבונות פון מאסקווע, איז עס א ביטערע פיל 2258

אראפצושלינגען ".

י.ג|לאטשטיין|, פער 69, 4/VI.

# הינטער=(די)=קוליסן - די, מצ. (?ב?)

1. דאס ארט הינטער די פירהאנגען אדער דעקאראציע=ווענטלעך,
וואס שאפן דעם הינטערגרונט פון א טעאטער=סצענע,
הינטער דער בינע, ווו ס׳קומט פאר די טעאטער=אקציע.

% דער טיאטראל איז אן אפטער גאסט פון הינטער=די קוליסן.

1968 " ווען ס׳איז אויפגעפירט געווארן אנסקיס ׳דיבוק׳
אין דער ׳ווילנער טרופע׳ |...| איז ב.י. ראָען אריינגעצויגן 2349
געווארן אינעם כשוף פון טעאטער, פון דער בינע און
הינטער=קוליסן".
י. גרודבערג, יזב 2, 518.

2. הינטער/מחוץ פון דער אפיציעל באקאנטער ספערע פון די
געשעענישן, אין באהעלטעניש, בסוד.

% דער גאנצער ענין איז אפגערעדט געווארן אינטער די קוליסן.
דאס איז א הינטער=קוליסן=אינטריגע.

0 הינטער=קוליסן=מאכינאציע - די, =ס. אן ענין, עסק,
באשלוס וואס איז אפגעמאך געווארן כיטרע, אפנארעריש
הינטער די קוליסן (אין ב׳ 2).

1943 " מער פון אלץ איז זי א יסגעקאכט אין דער פאליטיק
2350 פון לאנד, אין אלע אינטריגעס, הינטער=קוליסן=מאכינאציעס".
זינגער, 8, 228.

הינטער=קוליסן=פאליטיק - די, בא. פאליטישע באשלוסן,
אונטערהאנדלונגען, וואס ווערן געמאכט ניט אפיציעל,בסוד.

ה י נ ט ע ר א ו י ג י ק - <u>אדי/אדוו.</u>

1. וואס קומט פאר הינטער עמעצנס אויגן, ווען יענער איז ניט דערביי

% הינטעראויגיקע רכילות.

2. <u>(סאוו, וועגן לערנען, לערן=פראגראמען)</u> אן דעם חוב צו זיין שטענדיק אויף די לעקציעס פון לערער/פראפעסאר. ס'רוב לערנענדיק לויט קארעספאנדענץ.

% <u>הינטעראויגיקע</u> פעדאגאגישע קורסן. ער האט פארענדיקט הינטעראויגיק א טעכניקום.

1932 " וואס זשע, דו לערנסט זיך? - אין <u>הינטעראויגיקן</u> אוניווערסיטעט, כ'האב א מענגע מיט ארבעט אויסערן געוואלט".
2110

<u>א. קאהאן, 2, 54.</u>

ה י נ ט ע ר ב א ק - די, =ן. די העלפט פון געזעס

(הינטן, אחור).

1911 " |...| דאס וואס דאס קינד |אין דער מוטערס בויך|

2115/1 האלט זיינע פוסזעלע |?| אויף זיינע הינטערבאקן, לערנט אז דער מענטש זאל זיין אונטערטאן פארן אייבערשטן, ווי דער קנעכט וואס קניט פאר זיין הער".

איבז אנ, חכמת מהר"ל.

(?ב?) |הינטערבייגן| ה י נ ט ר  ב י ג ן  ז י ך  - אוטוו,

בייגן זיך אויף הינטן.

1724 " אז וויא איין ראף |רייף?| טוט ער |דער חזן| [illegible]

2412 <u>זיך הינטר ביגן</u> מן זאל הערן אירן שינן ניגון".

<u>ריה ניהוח, ז' 187</u>.

.....................................................

<u>רעד:</u> מיגלעך אז מע מיינט אונטערבייגן זיך/

ארונטערבייגן זיך.

.....................................................

ה י נ ט ע ר ב ל יי ב ן - **אוטוו.** אפשטיין. (?ב?)

2413 % דאס יינגל **איז** היפש **הינטערגעבליבן** אין די לימודים.

..............................................................

**רעד:** ניט זיכער אין אויסטייטש, דאס ווארט איז פון אן
אינפארמאנט, אן זיין אויסטייטש. אין דייטש איז דא
אזא ווארט גענויצט ס׳רוב ווי א פארטיצ׳
אדיעקטיוו "הינטערגעבליבע(נער)" - מיטן באטייט:
דער (קרוב) וואס איז געבליבן נאך א געשטארבענעם:
די הינטערגעבליבענע טרויערן נאכן געשטארבענעם.

..............................................................

332

ה־

ה י נ ט ע ר ב ר ו ס ט - די, =ן. (אנאט) בנב |סטוטש 240|.

ה י נ ט ע ר ג א נ ג – <u>דער</u>, ~ <u>געננג</u>.

1. ארייננגאנג דורך הינטן, דורך א הינטערשטער טיר.

% חוץ דעם הויפּט=ארייננגאנג פון דער גאס האט די שטוב אויך א הינטערגאנג צום הויף.

2. (<u>פיג, אפט איך פּקפּ הינטערגענגעלע</u>), ניט=אפנהארציקע באציונג, אומארנטלעכער כיטרע וועג (אופן, מיטל) צו דערגרייכן עפעס.

% דער פארשוין געט נייט[illegible] מיטן אמת, נאר מיט כיטרע שטיק מיט <u>הינטערגענגלעך</u>.

1965 " זייענדיק |...| א מאן פון יושר און צדק, וואס האט פיינט <u>הינטערגענגלעך</u>, האט ער ניט געקענט פארליידן 2121

|אזעלכע זאכן| פון דעם אנדערן צד |...|".

<u>פער 107, 725.</u>

1968 " |...| באזונדערס פילבאר איז ער |אנסקי| געווען

אויף די פארשיידענע <u>הינטערגענג</u> מצד היימישע |...|". 2110

<u>ב.י. ראזען, יזב 2, 630.</u>

הינטערגאס - די, =ן. (ס׳רוב אין פּקפּ הינטערגעסל).

א זייטיקע גאס, ניט קיין הויפטגאס פון שטאט.

% ער וווינט אין א הינטערגאס, דארט איז שטילער, מע פארט

ווינציקער. די שטיבער אויף די הינטערגאסן זיינען הילצערנע.

... " |...| אזוי קוקנדיק, בין איך געקומען צו דער

2125 סטאליארגאס, צו דער הינטערגאס, וואס לאזט זיך אלץ טיפער

און טיפער אראפ |...|".

פרץ, דערצ׳ " דאס קראנקע יינגל".

1928 " איינער א ייד האט זיך, אזוי גייענדיק אין די הינטערגאסן,

2054 אנגעשלאגן ביי א פלויט איבער א טשאטע מיט הינט".

ראבאי, 2.

1949 " |...| פאר יידן זיינען נאר פארבליבן די קייבע

2111 און קמאלע הינטערגאסן ארום דעם מארק".

יזב 9, 273.

ה י נ ט ע ר ג <u>א</u> ס נ י צ ע - <u>די, =ס.</u> אן איינוווינעריין פון א הינטערגאס.

1919 " |...| די מאמע איז געווען אויך א <u>הינטערגאסניצע</u> פון דור=דורות". 2126

<u>שטאק, 1, 194.</u>

<u>רעד:</u> על=פי=שכל קומט אויס, אז ס'דארף אויך זיין א ווארט "<u>הינטערגאסניק</u>" - אבער ניטא מקור. געבן?

(?נ?) |הינטערגיין| ה י נ ט ר  ג יי ן  -  טרוו. אנפאלן (פון הינטן).

מה"ד:

1648 " עטליכי האבן אירן לון אך אנטפנגן // אירר ניין

2127 האט מן טון אויז פיצן// ווייל זיא דיא שטאט זיין

אזו הינטר גנגן// האבן צו גיהאלטן מיט דען און ניצן".

מגילת ווינץ, ז' 42.

337 ה־

ה י נ ט ע ר ג יי ן - אוטוור. "גייק נאך (עמעצן/עפעס)"

2415 |קטור|.

ה י נ ט ע ר ג ע ס ל - דאס, =ער. קליינע, הינטערגאס.

% שמאלע, געדרייטע הינטערגעסלער. אין די הינטערגעסלער ווײַנען שוסטערס, בעלי=עגלות, באנדערס.

1878 "חברה |איז| זיי באפאלן ווי די היישעריקן און זיי און זיי שטארק דעקוטשעט, אזוי אז זיי האבן געמוזט אנטלויפן מיט הינטערגעסלער".

מענדעלע, ציט 16, 74 |?24|.

1910 " פון א הינטערגעסל גיסט זיך א שטילע אומעטיקע שטימע|...|".

2136 פרוג, 3, 87.

1929 " נאכדעם איז ער זיך געגאנגען לאנזאם צורך א הינטערגעסל אין שטיבל ארײַן |...|".

2136/1 יקיר ווארשאווסקי, פער 23, 216.

1958 " זיינען די מענטשן ארעם און ווײַנען אין די הינטערגעסלעך, איז דער ראמאניסט אויף זיי מלמד זכות".

2140 ניגער, 8, 291.

ה י נ ט ע ר ג ע ס ל ד י ק – אדי. (ווי) פון א הינטערגעסל/

הינטערגעסלעך.

% הינטערגעסלדיקע ארעמע=לייט. א הינטערגעסלדיקן הילצערן הייזל.

1960 " ווי שיין זי האט זיך עס אויפגעפירט מיידלווייז!

הינטערגעסלדיקע יונגען האבן געפייפט ביי די פענצטער".

ח. פעט, פער 9, |?|, V!!, 29/.

340 ה־

ה י נ ט ע ר ג ע ס ק ע - די, =ס. (לד) דזוו הינטערגעסל.

1957 " זי איז געוואָרן א ביסל כראָברער און האָט געפּרוּווט

אַרייַנדרינגען אין זאַווּלעק דורך הינטעגעסקעס און 2148/1

סטעזשקעס |...|".

שניאור, 13, 127.

ה י נ ט ע ר ג ר ו נ ט - דער, =ן.

1. דער הינטערשטער שטח/פלאַן, פון עפּעס (פון אַ סצענע, פון אַ געמעל, פּאַטאָ אד"גל).

% דער הינטערגרונט פון דער בינע איז ניט באַלויכטן.
אין הינטערגרונט פון בילד זעט מען קוים=קוים אַ וואַלד.
דער הינטערגרונט פון דער פאָטאָגראַפיע איז פאַרטושט.
די געשטאַלט יילט זיך אויס בולט אויפן טונקעלן הינטערגרונט.

1914|...| פיר טירן:צוויי רעכטס, |...| איינע אין הינטערגרונט פירט צו די טרעפ אַראָפּ". 2149
שלום=עליכם, 36, 25.

1927 " אַ קאַמער פון דער פּאָליטישער געפענגעניש,|...| אין הינטערגרונט - אַן אייזערנע טיר |...|". 2149/1
לעוויט, 1, 70.

1954 " אין __הינטערגרונט__ פון וואלד איז געשטאנען אן
2154 אפטייל פון באוואפנטע אוקראינער מיט אן עס=עס=מאן".
__מ. האכמאן, יזב 10, 594.__

2. דער אלגעמיינער גרונט אויף וועלכן עפעס/עמעץ טיילט
זיך אויס: אומשטאנדן, סביבה אלגעמיינע באדינגונגען.
% פאליטישער, סאציאלער __הינטערגרונט__. דער היסטארישער
__הינטערגרונט__ פון דעם אויפשטאנד.

1938 " מאני לייבס ליד אין אורבאניסטיש. איר מוזט האבן
2162/1 אין זין די גרויסשטאט ווי דעם __הינטערגרונט__ פאר זיין ליריק".
__מאנגער, 2, 116 |?|__.

1946 " |...| אנדערש איז דער פאל, ווען דער __הינטערגרונט__
2157 פון דער דערציילונג איז געווען אמעריקאניש, און די
פארשוינען זיינען נישט געווען קיין אלטהיימישע, נאר
היגע יידן".
__ניגער, 5, 148.__

1951 " די דייטשע אקופאציע |...| האט נאך מער פארשטארקט

2152 |...| די אלגעמיינע נויט, אויפן הינטערגרונט פון דער

דייטשער אכזריות קעגן דער ציווילער באפעלקערונג".

<u>מ. קאסאווער, פער 106, 1147.</u>

☐ <u>זיין (בלייבן, האלטן זיך) אין הינטערגרונט</u> – ניט (וועלן) אויסשטיילן זיך.

<u>לאזן (האלטן) אין הינטערגרונט (עמעצן)</u> – ניט לאזן יענעם זיך אויסשטיילן.

(?ג?) ה י נ ט ע ר ה א ל ט - דער, בא. (עלט) לויער(ונג).

1920 " |...| האט ער אויסגעוואָרט דעם פאסיקן |טעקסט:

2166 פאסענדן| מאמענט, ווען ער וועט קאנען פון הינטערהאלט

דערלאנגען דעם קעגנער דעם הייסיקן זעץ".

איינהארן, 4, 110.

ם הינטר האלט. מה"ד:

1760 " ואתם תקומו מהאורב - הינטר האלט".

2168 מלים לאלוה, יהושע, ח - ז. |תי: לויער|

(?נ?) ם |הנטערהאלטן (זיך)| ה י נ ט ר ה א ל ט י ן ( ז י ך) -
אפהאלטן (זיך צוריקהאלטן(זיך).

1739 " ווען ניט דרייא זאכין אונטר דעני לייטין גראסירטן,
ווער דיא מענטשין איהר טואן אונ׳ לאזין גנץ רעכט.
איינש, דז זיא ניט דיא אלטי אן הערין פון זיא צו לערנין,
צווייטינס, זיך הינטר הלטין איהרן לושטין, דריטינס,
דער אינרליכה הויכמוט מיט זיך זעלבשטין |...|".
ס׳ מבחר הפנינים, דף ט"ז.

(?נ?) ם |הינטערהויז| הינטרהויז – דאס, ~ הייזער.

הינטערשטע טייל פון א גרעסערן הויז וואס גייט ארויס צו דער גאס.

1711 " הינטר הייזר אונפערדיר הייזר זיין אלי צו גלייך

2031 אין בראנד גישטאנדן |...|".

איין נייאה קלאג ליד פון דער גרושי שרפה בק"ק פראנקפורט,

ציט אווע, ז' 488:

1743 " איין מאל איז דער ר' אברהם אין די שול גגנגין צו

2170 גאנץ פריא מארגנש אונ' הט זיין הויז פר געשין צו שליסן

אונ' האט דז הינטר הויז אויך אפין גלאזן".

קב הישר, 2, דף ל"ז.

ה י נ ט ע ר ה ו י ז ן - די, מצ. (שניידעריי)

2171 "דער טייל הויזן הינטן" |ש. ווינטער, פער 162|.

ה י נ ט ע ר ה ו י ף – דער, ~ הייף/=ן.

1. א הויף וואס געפינט זיך הינטער א הויז.(ניט אין פראנט צו דער גאס, פאר דעם הויז).

% דער פערדשטאל איז אין הינטערהויף.

1957 " דער בעל=עגלה איז אראפגעפארן אויפן הינטערהויף אוועקשטעלן דעם וואגן מיט די פערד". 2176

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז׳ 326.

1972 "הינטער די הייזלעך האט זיך ביסלעכוויז געשאפן איין גרויסער הינטערהויף –א לאנגער און גרוימער". 2178

ראזענפארב, 2, 143.

2. (פיג) עפעס (ארט, געוועניש וואס איז פון דרויסן פארשטעלט, ניט אנזעעוודיק, ניט חשוב פון א געוויינעכער מדרגה.

1967 "|...| אפילו אזא העלדיש און פרייהייט=ליבנדיק

2180 פאלק האט אויך א שמוציקן ׳<u>הינטערהויף</u>׳ הינטער איר באמת רומפולער געשיכטלעכער פאסאדע".

<u>גאלדקארן, פער 155, 14/V.</u>

ה י נ ט ע ר ו א ן - די, =ן. |סטוטש 452,430| בנב.

רעד: אפשר מיינט עס (מיליטעריש) "אריעזגארד"

דער אפטייל מיליטער וואס גייט נאך די הויפט=כוכות.

ה י נ ט ע ר ו ו א נ ט – די, ~ ווענט. א וואנט אין דער הינטערשטער טייל פון א צימער, א הויז.

1919 " |...| אין דער הינטערוואנט – צוויי פענצטער צו דער גאס.

פינסקי, 2, 139.

ה י נ ט ע ר ו ו יי ל - -----> __היגטער ווייל עכץ.__

ה י נ ט ע ר ו יי ל ע כ ט ס - --ד-- <u>הינטערווילעכץ</u>.

ה י נ ט ע ר ו ו יי ל ע כ ץ - אדוו, פּפֿ (עלט?)

הינטערווייל |?|, הינטערווײַלער(ס). פּא הינטערוויילעכטס

|סטוטש 182|.

1. אויף הינטן, אויף צוריק, מיטן רוקן/נאקן אויף צוריק.

% גייך הינטערווײַלעכץ. רוקן זיך היטערווײַלעץ.

........................................................................

רעד: געגעבן מערער ציטאטן צוליב די פֿארשיידענע פֿארמעס.

........................................................................

1893 " גלייך איז ער אויפגעשפרונגען פון בענקל.

אן אטעם פאר שרעק, און האט זיך הינטערווײַלעכץ

גערוקט צו דער טיר".

פרץ, 17, 86.

1929 " איך קוק מיר הינטערווייל אויף גרויער וואנט".

רעזניק, 1. 2184

1941 " איז ער |עלי| אראפגעפאלן פון שטול הינטערוויילער|...|."

2186 תרגום יואש, ד - 18 |איך בראשית ט - 23 אויך:
הינטערוויילעכס|.

1973 " ער האט זיך אנגעהויבן צוריקציען פון ארון=קודש

2200 |...| הינטערוויילעכס, מיט כבוד און יראת=המקום".
בלומענטאל, 1, 190.

1974 " א דערפארענער קאפיטאן קאן נישט ארויספארן פון פארט

2201 הינטערוויילעכץ אן א פילאט".
עלבערג, 2, 351.

2. הינטן ארום (אויך פיג:באהאלטענערהייט).

1872 " ר' שימחהס ווייב האט זיך ניט געקיהלט מיט דעם מאנס

2213 נתינה |דעם רבין|, האט זי אים אויך געגעבן א קערבל
הינטערוויילעכס".
לינעצקי, 1, 46.

0 פון הינטערוויילעכץ - אדוו פרי. פון הינטן.

1902 " פון הינטערוויילעכץ האט עמעצער אים דערלאנגט אזא

2204 'מתנת=יד', דאס ער איז פארטאמלט געווארן".

שיין, 1, 28.

1921 " |...| נאך פון הינטערוויילעכסווארף אויגן".

2188 אש, 3, 65 (דערצ' "א פשוטע מעשה").

1972 " איצט איז אים דער רוקן געווארן פארשטייפט פון

2190 דערוואַרטונג, אז א ליאדע מינוט וועלן פון הינטערוויילעכץ

אונטערקומען א פאר גרינע מונדירן".

ראזענפארב, 3, 532.

ה י נ ט ע ר ו ו יי ל ע כ צ ד י ק - אדי/אדוו. (שנש)

געווענדט אויף הינטערווייליעכץ.

1963 " איך פארגיי מיט שטילע// הינטער ווייליעכצדיקע טריט".

2224 מ.מ. שאפיר, 1, 127.

(?ב?) ה י נ ט ע ר ו ו י נ ק ל - <u>דער, =ען.</u>

1. א ווינקל אין דער הינטערשטער זייט, טייל.

2. (<u>פיג</u>) פון א באהאלטענעם ארט, הינטן ארום.

1920 " |...| און פון <u>הינטערווינקל</u> פלייסט ער זיך

2225 |דלעמאנסא| זיין פיינט פיזיש און מאראליש צו ארניכטן".

<u>איינהאלן, 4, 110.</u>

ה י נ ט ע ר ו ו ע ג - דער, =ן. (געניצט אפט אין פקפ:

דאס הינטערוועגל =ען.

1. זייטיקער שמאלער וועג, אויף וועלכן מע גייט/מע פארט ווינציק (היפוך פון הויפטוועג).

% דער הויפטוועג איז געוועז באוואכט פון פאליציי, האבן די יידן זיך ארויסבאקומען פון שטאט דורך א הינטערוועג.

1926 " איז פאמעלעך ארויסגעריטן דורך הינטערוועגלעך פון וועלדל". 2233

אפאטאשו, 5, 36.

1974 " געגאנגען בין איך דורך הינטערוועגן, מע זאל מיך נישט זאן און איך זאל נית טרעפן קיין זשאנדארמען". 2228

יזב 17, 374.

2. (פיג) נית=אפנהארציקער (אפנארערישער, באהאלטענער, ביטרער) וועג (אופן, מיטל) צו דערגרייכן עפעס.

ה־

360

% צו דער שטעלע זיינער האט ער זיך דערשלאגן מיט

היינטערוועגן, מע זאגט אפילו מיט שוחד.

1945 " |...| אלע אירע הינטערוועגן ווייסט נאר דו |...|".

2231 האלקין, 3, 130.

ה י נ ט ע ר ו ו ע ל ט - ------> **אונטערוועלט.**

(?נ?) ם |הינטער ווערטס| ה י נ ט ר וו ע ר ץ - אויף הינטן,

הינטערווייל עכץ. מה"ד:

1661 " |...| אבר איך דער הימליכקייט אונ' הינטר ווערץ

2243 וואר ער זיך ביראטן וויא דש ער זיא וואלט פאנגין".

יוסיפון, 2, דף קנ"ד.

## הינטערווער(ט)לעך - אדוו. (עלט)

1. הינטערווײַלעכץ, אויף הינטן.

% גייך הינטערווערלעך.

2. (פיג) אונטער די אויגן, אן יענעם ניט זיין דערביי.

1910 " אט דארט זיך פאלן מיר הינטערווערלעך ארונטער אין
2238 אפגרונט |...|".

מ. ראזענפעלד, 2 (?5), 338.

ם הינטר ווערטליך/ווערליך -

-----> 1.

1661 " אונ׳ עש ווערט זיין ווער איר ווערט גינוהן צו דעם
2236 שטרייט זא שטיא דו פון הינטער ווערליך צו דער שאר דער,
יהודים אונ׳ דו זאלט שלאגן זיא פון הינטן".

יוסיפון, 2, דף קס"ח.

1744 " ביטיר קומט מיר אין מיין אן געזיכט אויך ביטרי

2237 גאל פון היינטר ווערליך".

בחינת עולם, דף ל"ט.

---- 2.

1676 " דער ווייל ער בוידר ווערליך רעט |דער חונף| דעך

2242 לייטן ווש אין ליב איז אונ' היינטר ווערליך שניידן זי דען

לייטן זיל אונ' כבוד אב".

ברנט שפיגל, פרק נ"ב.

1723 " וואש איינר רעס פון זיינם חבר היינטר ווערליך

2243 אונ פר אים רעד ערש ניט דאש איז איטל לשון הרע".

לב טוב, 2, ז' 117.

ה י נ ט ע ר ז יי ט - די, =ן. די הינטערשע זייט (פון עפעס).

% דער גארטן געפינט זיך אין דער הינטערזייט פון הויז.

ה י נ ט ע ר ט אָ ן - דער, ~ טענער.

1. זייטיקער, סעקונדערער קלאנג, וואס הערט זיך הינטער דעם הויפטטאן.

2. (פיג) באהאלטענע כוונה, מיין.

1972 " אויסגעדאכטע ווייבער און מאנצפארשוינען |...| האבן זיך געווערטלט און געקריגט, אבער אין די רייד איז געווען א הינטערטאן פון שפאס".
ראזענפארב, 3, 511.

ה י נ ט ע ר ט י י ל - דער/די, =ן.

1. דזוו הינטער=חלק, ב׳ 1.

% דער הינטערטייל פון דער שטוב איז א ביסל נאס.

1935 " ...| איז, אן איסגעניכטערטער, געזעסן אויפן הינטערטייל פון דער שיף |...|".

איבן נ. לוריע, 1.

2. דזוו הינטער=חלק, ב"ב 2 - 3.

... " אז אך און וויי, וואס איז פון איר|פון דער קליאטשע| איצט געווארן! דער הינטערטייל אפגעפאלן, דער עק אויסגעפליקט, אויסגעצופט". 2265

מענדעלע, 22, 54.

3. (אסטראנ) באשטאנדטייל פון דער דרומדיקער קאנסטעלאציע די שיף ארגא |סטוטש 203|.

<u>הינטר טייל.</u>[ם]

.1 ←-----

1668 " דא שלוג אנטיאוס דש <u>הינטר טייל</u> פון דער שאר

2264 דער יהודים פון הינטר ווערליך".

<u>יוסיפון, 3, דף קס"ח.</u>

.3 - 2 ←-----

1676 " ווייש פום <u>הינטר טייל</u> מוז מן מער וושין |...|".

2268 <u>ברנט שפיגל, פרק י"ז.</u>

1711 "זיא זאלן ניט עסין דיא קינדר (ישראל) דיא הינטר

2263 טייל פון דען (בהמות |...|".

<u>צאינה וראינה, 2, וישלה, דף , ל"ה.</u>

הינטערטיר - די, =ן.

1. א טיר אין הינטערשטן טייל פון א דירה, פון א הויז (הויב ס׳זענען דא צוויי טירן) די וואס גייט ניט ארויס צום פראנט, צו דער גאס.

% די הינטערטיר גייט ארויס אין א גארטן. אריינגיין/ארויסגיין דורך דער הינטערטיר. די פאליציי האט אים געזוכט, איז ער אנטלאפן דורך דער הינטערטיר.

1887 " |...| דערזען, אז עס איז שלעכט, מען שלאגט, מען
2276 רייסט ביכער, האבן זיי זיך ארויסגערוקט דורך א הינטערטיר".
ש. בעקערמאן, 8, 38.

1934 " |...| פונקט דעמאלט, ווען מען האט ארויסדערלאנגט
2277 מיר דורך אהינטעבטיר// א ביסל ווארעמס פון א פרעמדער קיך".
מ. ל. האלפערן, 5, 102.

1974 " קריכנדיק איבער די שטיגן, האט יורעק דערזען א

2273 צווייטע טיר, האט ער זיך דערפרייט און געטראכט, אז דאס

מוז זיין די הינטערטיר פון דער אפטייק".

עלבערג, 2, 228.

2. (פיג) ניט=אפיציעלער, ניט=לעגאלער וועג. צו דערגרייכן עפעס, צוצוקומען צו עמעצן.

1910 " איר קהלשע |...| שתדלנים און זאקאניקעס // וואס

2272 קריכן אונדז פון שאדן // צו היטן דורך דער הינטערטיר,//

און זיינען גרייט אויף אלע פיר // צו טאנצן פארן אדון".

פרוג, 3, 292.

1919 " דער אלטער דור האט זיך גענייטיקט אין זיכערקייט

2273 און שוץ און האט געהאפט צו קריגן זי דורך שתדלנות, |...|

דורך דער פאליטיק פון הינטערטיר ".

זשיטלאווסקי, 8, 95.

1973 " רומקאווסקי האט |...| געזאגט, אז ס׳איז א פארברעכן

2280 ניט איינצושטעלן זיך פאר א יישוב, וואס איז אין די

הענט פון דער רעגירונג. |...| מע קען אפילו חנפענען,

און אפילו גיין דורך א הינטערטירן און זיך משתדל זיין".

ראזענפארב, 3, 206.

הינטערטריט — די, מצ. טריט אויף צוריק, הינטערווײַלעכ.

% מאכן הינטערטריט. -גיין (אויף) הינטערווײַלעכץ.

|| הינטערטריטלדיק — אדוו. (שנש?) הינטערווײַלעכ.

1964 " |...| געטאנצט הינטערטריטלדיק און געזונגען".

ז. שזר, פער 69, V/14. 2284

ה י נ ט ע ר ט ר ע פ – די, מצ. טרעפ וואס פירן פון

הינטערשטן אריינגאנג, פון/צו א הינטערטיר.

1929 " לעם (=לעבן) הויז האט זי פארקערעוועט אויפן טראטואר,

2285 דערזען נחמנען איך טויער |...| דורכגעגאנגען פארביי

אים צו די פינצטערע הינטערטרעפ, צו איר פייכטן

אנ,וניקן בוידעמשטיבל ארויף".

נח לוריע, 1.

ה י נ ט ע ר י ק ס – אדוו. (רעג? דיאל?) אויף הינטן, אויף צוריק, הינטערוויילעכטס.

1935 " |...| ער האט אפגעטראטן עטלעכע טריט הינטעריקס".

2411 הירשביין, 5, 170.

ה י נ ט ע ר = כ ו ו נ ה |= קאוואנע| - די, =ות |=ס|.

ניט ארויסגעזאגטער באהאלטענער מיין, ציל (ס׳רוב אין

נעגאטיוון זינען).

% אלץ וואס ער זאגט, מיינט ער באמת, אן הינטער=כוונות.

יענער איז א פאלשער מענטש, אין זיינע רייד איז שטענדיק

דא א הינטער=כוונה.

1974 " אין דעם קלאנג דערקענסטו, אז עס זענען נישט

באהאלטן אונטער די ווערטער קיין שום דריידלעך און 2287

הינטער=כוונות".

עלבערג, 2, 289.

(?נ?) ם |הינטערלאג| ה י נ ט ע ל א ג - דער. לויער.

2288 1689 " אורב - איין הינטר לאג".

באר משה, יהושע, ח - ב.

רעד: פון קארטל איז ניט קלאר פון וועלכער אויסגאבע

ס'איז די ציטאטע, מיגלעך פון א סך א שפעטערער.

ה י נ ט ע ר ל אָ ז ן - טרוו. "לאזן פון הינטן"

2416 |קטוו|.

ה י נ ט ע ר ל א נ ד - דאס ~ לענדער.

1. געגנט, ארטשאפט וואס געפינט זיך ווייט פון די מדינה=
גרענעצן, ווייט פון פראנט (אין מלחמה=צייט).

% די עשעלאנען מיט פארוואונדעטע פירט מען אפ אין הינטערלאנד.
די פארטיזאנען האבן געפירט קאמפן אין הינטערלאנד פון שונא.

1931 " אונדזער אויפגאבע איז געווען - דערלאנגען דעם
2296 שונא א האסטיקן קלאפ, אין הינטערלאנד, אנגרייפן,
אריינטראגן א בהלה".
קושניראוו, פער 164, 121.

1956 " |...| אט שוין, דאכט זיך, ביי די אייגענע מע איז,
2293 איך אן אויגנבליק - אין הינטערלאנדביים שונא".
מארקיש, 10, |?|, 148.

רעד: ניט אנגעווייזן צי אין ערשטן צי אין צווייטן
באנד "מלחמה" נאכזען!

2. שטיצפונקט, באזע (עקאנאמיש, פאליטיש קולטורעל).

1951 " קלייפעדע איז יארהונדערטער געווען א פאליטישער

2295 טייל פון דייטשלאנד, אבער איר עקאנאמיש הינטערלאנד

איז געווען רוסלאנד און, דער עיקר, ליטע".

ש. גרינהויז, פער 106, 1427.

ה י נ ט ע ר ל יי ב - דאס, בא.

1. די שטולגאנג=עפענונג, רעקטום.

1941 " |...| און דאס פעטס האט איינגעשלאסן דעם קלינג,

2303 וואָרעם ער האט די שווערד ניט ארויסגעצויגן פון זיין בויך,

און ז י איז ארויס פון הינטערלייב".

תרגום יהואש, שופטים, ג - 22.

2. דזוו אונטערלייב, ב' 1.

1873 " זיין הינטערלייב איז געווען צו גאטס היכל און

2302 זייער פנים איז געווען צו מזרח צו".

איבז אנ, יחזקאל.

(?נ?) ∠7 ארויס(קריכן) זאל אים דאס הינטערלייב! - קללה.

ם
## הינטער לייב.

.1 ←-----

... " ווען דז קינד גבארן ווערט אונ׳ איז אן מעכטיג זאל

2300 מן גשווינד נעמן איין רערכן אונ׳ אין הינטער לייב

בלאזן ווערט עז גלייך צו זיך זעלברט ווידר קומן".

חנוך קטן, 1.

.2 ←----

1676 " אונ׳ עש טריפט זיך צו ווייליך דאש זיא ניט רייך

2301 זיין אונ׳ זיצן אויף דעם טיש מיט דעם הינטער לייב |...|".

ברנט שפיגל, פרק י"ד.

.3 עפענונג פון דער געבערמוטער.

1728 " רפואות פר דער בער מוטר. נעם נעגליך ליג זיא אויף

2305 גליאינדי קוילין אונ' לאז דען רויך אין הינטר לייב גין".

סגולות ורפואות, 1, דף כ"ג.

ה י נ ט ע ר ל <u>יי</u> ג ן - <u>טרוו.</u> לייגן הינטער עפעס, פון הינטן.

2417 |1926 - 1931| " זי האט פאמעלעך אונטערגעהויבן דאס

קישן און <u>הינטערגעלייגט</u> די וועש".

<u>אפאטאשו, 7, 182.</u>

..............................................................

<u>רעד:</u>

לויטן קאנטעקסט מיינט עס גיכער, אונטערלייגן"

(אונטער דעם קישן).

..............................................................

ה י נ ט ע ר ל י ס ט - די, בא. (עלט) כיטרעקייט, אפנארעריי,

רמאות, ערמה, פאלשקייט. מה"ד:

ם הינטר לישט/הינטר ליסט.

1676 " ניט דוא זולשט פיינט האבן דיין ברודר אין דיינם

הערצן, דא מוז דיא ליפשפט זיין און |=אן| הינטר לישט". 2307

ברנט שפיגל, פרק כ׳.

1760 " לדבר אותו בשלי - מיט הינטר ליסט".

מלים לאלוה, שמואל ב׳, ג - כ"ז. 3309

ה י נ ט ע ר ל י ס ט י ק - <u>אדי/אדוו.</u> <u>(רעג? עלט?)</u>

כיטרע, אפנארעריש, שווינדלעריש, פאלש.

... "|...| איך אבער טייל זיי |די מענטשן| איך צוויי
קלאסן |...| נארן און שופטים |?| אומשולדיקע און 2320
<u>הינטערליסטיקע</u> |...|".
<u>ווינטשעווסקי, ציט אויסג" נ"י 1910, ב׳ 1, ז׳ 26.</u>

1936 "|...| די שטייער=באאמטע גיריקע, בייזע, <u>הינטערליסטיקע</u>|...|",
<u>זינגער, 6, 663.</u> 2313

1949 "|...| פונקציאנארן פון דער |דייטשער| קרימינאל=
פאליציי |...| האבן |...| <u>הינטערליסטיק</u> געלויערט 2315
אויף אײנצלנע יידן, כדי צו כאפן זיי ביי עפעס א חטא".
<u>מ. בארנער, יזב 9, 293.</u>

1963 " א מאנאך איז געקומען צו דעם תפוס און זאגט צו

אים הינטערליסטיק: ווילסטו אננעמען אונדזער גלויבן 2313

צו ראטעווען דיין קערפער אדער ווייל דו האסט דערזען

דאס ליכט פון ישו?".

באשעווים, 4, 144.

1971 " סע געדויערט איצט יארן, ביז מען קומט אין דער

ריי. הינטערוועגן, הינטערליסטיקע מאכינאציעס האט זי פיינט". 2319

ב. רעסלער, III/1.

..............................................................

רעד: בכיוון געגעבן מער ציטאטעס (דא נאך...)

צו ווייזן אז ס'איז ניט קיין דייטשמעריזם, ~~רעסלער~~...

ס'איז גיכער רעגיאנאך - אין פוילן גאליציע:

זינגער, באשעווים, רעסלער...

..............................................................

ה י נ ט ע ר ל י ס ט י ק יי ט - די, =ן. כיטרע גאנג, אפנארעריש מיטל, קאמבינאציע, מאכינאציע.

1966 " |...| אויסגענוצט אלע |...| <u>היגטערליסטיקייטן</u> זיך ארויסצונארן פון יענע וואס האבן זי פארפאלגט מיט כלומערשטער ליבע".

<u>באשעוויס, פער 155, VI/3.</u>

ה י נ ט ע ר ל י ק - <u>דער, =ן</u>. (<u>פיאל? שנש?</u>)

הינטערגעסל.

1934 " |...| דורך <u>הינטערליק</u> //.געלאפן צוריק|[illegible]|".

2410 <u>פינינבערג, 3, 172</u>.

ה י נ ט ע ר מ י י ן - דער, =ען. דזוו הינטער=כוונה, הינטער=געדאנק.

% ער זאגט עס אפהארציק אן שום הינטערמיין.

ה י נ ט ע ר ן = א ו י ו ו ן - דער, =ס. אין אמאליקע הייזער - אן ארט הינטער דעם אויוון (צו באקן ברויט=חלה אדער צו ווארעמען די שטוב), דארט איז געווען ווינטער און ס'איז געווען גוט דארט צו זיצן, צו שלאפן א"ע. אין א שול (בית=מדרש) איז דער הינטערן=אויוון געווען דאס באליבטע ארט ווו ס'פלעגן זיצן און שמועסן יידן=בטלנים וועגן קהלשע-ענינים, וועגן וועלט זאכן, פאליטיק אד"גל.

% א גרוימער הינטערן=אויוון. א ווארעמער הינטערן=אויוון.

... " ס'איז געווען א הינטערן=אויוון, ווו מען האט געהאלטן רוי האל.|....|".

ש. הורוויץ, פער 90, נ' XII - 4, ז' 115.

0 הינטערן=אויוון=זיצער - דער, =ס/ מצ דז. (ביטול)

וועגן איינעם וואס זיצט א סךהינטערן אויוון, וועגן א
בטלן, א ליידיק=גייער.

% דער יונגערמאן איז א הינטערן=אויוון=זיצער, האט נישט
אין זינען קיין פרנסה.

הינטערן=אויוון=ליגער - דער, =ס/מצ דז. דזוו דפוו.

הינטערן=אויוון=דרשה|דראשע| - די, =ות |=ס| - (ביטול)
וועגן א רעדע פון א מענטשן וואס רעדט סתם, אן צו האבן
די געהעריקע קענטעניש.

הינטערן=אויוון=פאליטיק - דער, מצ דז. (ביטול/איר)
וועגן א מענטשן וואס האט ליב צו רעדן וועגן פאליטיק
ניט האבנדיק די געהעריקע אינפארמאציע, צוגרייטונג, אויטעריטעט,

ה י נ ט ע ר ן = א ו י ו נ ד י ק - אדי.

1. וואס געפינט זיך הינטערן אויוון.

% א הינטערן=אויוונדיק געלעגער.

2. (פיג) אויפן שטייגער פון א הינטערן=אויוון=זיצער,

בטלניש, אומוויסנדיק, אומגעניט.

% הינטערן=אויוונדיקער פאליטיקער.

הינטער=אויוונדיקע בויך=סברות.

... "כ׳ בין דאך עפעס נישט קיין הינטערן=אויוונדיקער |...|".

2112 קאציזנע, 4ג, 78.

1961 " מענטשן אומוועלטלעכע און הינטער=אויוונדיקע

2105 וועלן זיך אוודאי חידושן |...|".

ב. זאלאוויץ, פער 155, V/30.

ה י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט - דער, =ן.

שפאטישע פאראפראזע פון "אינטערנאציאנאליסט",

מיט אן אנדייט אויף "הינט".

1968 " יידן אין סאוויעטן=פארבאנד, אמתע יידן, האבן געהאט

א נאמען פאר די יידן רוסיפיקאטארן, וואס גייען נאך און 2327

באמקען צו צו דער קאמוניסטישער רוסיפיקאציע -

הינטערנאציאנאליסטן. דאס איז געווען א שפאטווארט פאר די

אסימילאטארן, וואס מאכן דעם אנשטעל, אז זיי זיינען

אינטערנאציאנאליסטן".

י. טשערניאק, פער 90, נ' XXV!!! - 2, ז' 61.

ה י נ ט ע ר פֿ א ס - דער, =ן. (שוסטעריי) טייל פון א שוך

גענויער זען געמיל אין בוך פון. ע. איזרא, שיך און קאלאשן, קיעוו, 1928, ז׳ 45.

ה י נ ט ע ר פֿ ל י ך - <u>דער, =ן.</u> פליך אויפֿן הינטערשטן טייל קאָפּ.

1941 " |...| אויב אָבער אויף דעם <u>הינטערפֿליך</u> |...| וועט

2331 זיין אַ רויטלעך ווייסער אויסשלאַג |...|".

<u>תרגום, יהואש, ויקרא, י"ג - 42.</u>

ה י נ ט ע ר פּ ו ס – דער, ~ פּיס, ס׳רוב איך מצ.

דער הינטערשטער פוס פון א פירפיסיקן בעל=חי.

% דאס פערד האט זיך געשטעלט אויף די הינטערפיס.

... " לעקעשל, דער אלטער בער |...| גייט זיך אויף די

הינטערפיס". 2333

בראדערזאן, 8, 212.

ה י נ ט ע ר פ ּי ס – די, מצ פון הינטערפוס.

|| הינטערפיסל – דאס, =עך.

1. פּקפּ פון הינטערפוס.

% דאס הינטעלע שטייט אויף די הינטערפיסלעך.

2. (פיג) אן אפנארערישער גאנג, מיטל, א שפיצל, א מאכינאציע.

... " |...| מסתמא מוז דאך דא זיין עפעס א הינטערפיסל,

א שמד=שטיק". 2336

שלום=עליכם, "מנחם=מענדל"(קאפ' "א בכבודע פרנסה")

רעד: זוכן! ביבל און ברייטערע ציטאטע

ג ײ ן מ י ט ה י נ ט ע ר פ י ס ל ע ך – ז ײ ן (פ י ר ן ז י ך) פ א ל ש, אפנארעריש, כיטרעװעז, װעלין דערגרייכן עפעס ניט אויפן גלײכן װעג, נאר מיט אומערלעכע מיטלען, קאמבינאציעס.

(אונטער)שטעלן א הינטערפיסל (עמעצן) – באהאלטענערהייט יענעם טאן שאדן, גורם זײן צו א דורכפאל.

שטײן אויף די הינטערפיסלעך (פאר עמעצן) – ארויסווייזן הכנעה, לנופה.

1910 " |...| פאר א גוי זיך שטעלן אויף די הינטערפיסלעך |...|",

פרוג, 1, 260. 2343

ה י נ ט ע ר = פֿ ל י ג ל - די, מצ. (אנאט) הינטערשטע פֿליגל

ביי אינסעקטן |סטוטש 240|.

ה י נ ט ע ר פֿ ל יי ש - דאס, בא. פלייש פון הינטערשטן

טייל גוף ביי בהמות.

... " דער איסור פאר די קצבים |...איז| כדי די וואס

2343 ווערן פאלגן און עסן כשר הינטערפלייש, זאלן עס נישט האבן

ווה צו קויפן".

פרץ, שטעט און שטעטלעך".

.....................................................

רעד: מיגלעך, ס'איז דאס זעלבע וואס "בילדער פון א

פראווינץ=רייזע, ווארשע, 1891. נאכזוכן (ביי אונדז

ניטאביידע זאכן.

.....................................................

ה־

ה י נ ט ע ר = צ י מ ע ר - דער/דאס, =ן | סטוטש 114 | .

צימער אין הינטערשטן טייל פון א דירה.

| |
|---|
| רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש |

(?נ?) ה י נ ט ע ר ר יי ט ן - <u>אוטוו</u>. רייטן הינטער עמעצן/עפעס.

........................................................

<u>רעד</u>:ניט זיכער אין אויסטייטש, דאס ווארט איז פון

אן אינפארמאנט, אן זיין אויסטייטש.

........................................................

(?ב?) ם |הינטער=קאלונג| ה י נ ט ר ק א ל ו נ ג . די, =ען.

דזוו הינטערפליק.

1610 " |...| אונ׳ וועך עש אישט אז זיינר הינטר קאלונג

2352 אדר און זיינר ואד קאלונג פלאג ווייש רוטלך אויש

זעצונג |...|".

טייטש=חומש, ויקרא, יג - מב.|תי: הינטערפליק|.

1737 " בקרחתו - אז דעך הינטר קאלונג".

2351 מלמד שיח, 61.

ה י נ ט ע ר ק א פ - דער, ~ קעפ. (אנאט) הינטערשטער טייל פון קאפ.

1923 " דער ערשטער סימן |פון ראכיט| איז די ווייכקייט
2347 פון ביין פון הינטערקאפ (נאקנסיין, פאטילניצע)".
פער 151, נ׳ 11.

1964 " איך האב איך גאנצן ניט געדארפט זיין דערביי, -
2348 צעקראצט זיך אלבערט אין הינטערקעפ".
י. קאפלאן, 1, 245.

ה י נ ט ע ר ק ל ע צ ל – דאס, =עך. א שטויס מיט דער קני
אין הינטער=חלק (אויסדרוק פון חדר=זשארגאן).

1900 " זעליק |...| פלעגט פאר א הונטערקלעצל ווערן אש להבה:
צען פעטש, פלעגט ער זאגן, איז ביי מיר א סך בעסער ווי 2354
איין הינטערקלעצל און ווייסטו פאר וואס? א, איינער
גיט מיר א פאטש, זע איך |...| ווי ער הייבט אויף די האנט
און אויב מיר לוינט ניט, קאן איך זיך ביי צייטנס אפטראגן.
א הינטערקלעצל אבער איז גאר אין אנדער צרה: דו דערהערסט
מיט א מאל א קלאפ, דערפילסט אן ווייטיק, און גיי אנטלויף
דאמאלסט".

בר=כוכבא, 2, 35.

ה י נ ט ע ר = ק ע ר פ ע ר - דער, =ס. (זאאל) הינטערשטער

פיגמענט פון קערפער ביי געוויסע אינסעקטן.

1934 " דער קערפער פון קרויטפלאטערל באשטייט פון קאפ,

2356 גוף און הינטער=קערפער".

ביבער, 1, 8.

ה י נ ט ע ר = ק ע ש ע נ ע – די, =ס. א קעשענע וואס

איז איינגענייט אין הינטערשטן טייל פון א בגד.

% דאס ביטעלע האלט ער אין א הינטער=קעשענע פון די הויזן.

1937–1936 " פון א הינטער=קעשענע האט די רויטע פאטשיילע

2357 ארויסגעשטערצט |...|."

י. לערער, פער 92, נ׳ 4.

1972 " |...| דארף ער האבן ביי זיך אין א הינטער=קעשענע

2358 א פארקארקעוועט פלעשל מיטן ביטערן טראפן".

ח. גראדע, פער 155, X!I/8.

(?ב?) ה י נ ט ע ר ש ד י ק - אדי. דזוו הינטערשט, ב׳ 1.

1921 " שטייט א ביידער מאן און ציט אראפ א פעל פון

2472 טויטן לאם, עס הענגט אראפ אויף ביידע הינטערשדיקע פיס".

מ. ראוויטש, 1.

רעד: א לאקאליזם? א טעות אין אויסלייג?

ה י נ ט ע ר ש ט ! - אדי.

1. וואס איז/געפונט זיך הינטן/פון הינטן, הינטער עפעס (דער היפוך פון פאדערשט, פארנטיק).

% די הינטערשטע שורה סאלדאטן. די הינטערשטע רעדער פון וואגן זענען גרעסער פון די פאדערשטע. די הינטערשטע וואנט פון הויז גייט ארויס צום גארטן. דאס פערד הינקט אויף א הינטערשטן פוס.

1829 " |...| די העלפט פון די איבערהענג, וואס איז איבעריק, זאלסטו איבערשלאגן אויף דאס הינטערשטע טייל פון דעם משכן". 2478

חמשה חומשי תורה, שמות, כ״ו - יב.

רעד: דער אויסלייג איז מאדערניזירט (דורך עמעצן)

... " פירט מען מיך ארויס אויף די הינטערשטע טרעפ,//
שטייען מיינע עלטערן אראפגעלאזט די קעפ". 2459
פל.

1906 " גיבן זיך די פערד א שטעל אויף די הינטערשטע פיס |...|".
פרץ, 17, 354.

1925 " דער פאדערשטער טייל |פון אויגנלינדז| איז אויסגעפילט
מיט א דורכזיכטיקער וואטערדיקער פליסיקייט און 2459/1
דער הינטערשטער - מיט א פארגליווערטער מאסע, וואס איז
אויך דורכזיכטיק און רופט זיך גלאזקערפער".
פער 151, נ' 6.

1966 "|...| די הינטערשטע זיך האבן אפגעריסן // כדי אומיסטן
אים |דעם מלך| ניט צו באגריסן". 2456
האלקין, 4, 252.

2. (<u>עלט</u>) לעצט, שפעטערדיק, ווייטערדיק, וואס קומט צום סוף.

1836 " האטשי עש וועט ווידר שטיין דער פון איך די <u>הינטערשטע</u>

פרקים דאך קאן איך זיך ניט אויף האלטן פון צו שרייבן|...|". 2434

<u>לב טוב, 3, 3/1.</u>

1861 " דו ביסט ניט די ערשטע און ניט די הינטערשטע

|<u>טעקסט</u>: אינטערשטע| די וועלט וויל גענארט זיין, 2423

געפינען זיי אזעלכע וואס קאנען די מלאכה גוט אפצונארן".

<u>אקסענפעלד, 1, 54.</u>

<u>רעד</u>: אויסלייג מאדערניזירט,אזוי איך קארטל.

1872 " דער מענטש איז צום <u>הינטערשטן</u> באשאפן און איז

ער אויך געבליבן ביז צום <u>הינטערשטן</u>". 2445

<u>צאינה ארינה, 3. פרשה נח.</u>

ם שטעלן זיך אויף די היטערשטע פּיס – שטאַרק זיך אײַנעקשנען,
אײַנשפּאַרן, ניט נאָכגעבן.

שוו: קוק זיך אום אויף די היטערשטע רעדער!

ם הינטערש(ט)/הינדערש(ט). מה"ד:

–––––> 1.

1544 " דער ליווא וואָס גאָר דר צוירנט און׳ שפּראַנג אויף
דען מאַן.// אויף דען הינדערשטן בוישן ליף ער ווידר אָן". 2477
שמואל=בוך, סטר׳ 317.

–––––> 2.

1610 " הפטורה שמואל ב׳ פרשה כ"ב. דיא הפטורה זאָגט מן אם
הינטערשטן טאָג פון פסח". 2433
טײַטש=חומש, דף קצ"ו.

1732 " מיר ווערן בעו"ה אין צרות אין לעבגר אי מער איין

2462 גיפרעסן, דז דיא הינטרשטה צרות מאכן דיא ערשטה פר געסן".

עיון יצחק, דף 2/65.

ה י נ ט ע ר ש ט !! - דער, =ן.

1. דער געזעס, דער אחור |לאקל, פאלאנגע, מ. מארק,פער 90,נ׳$\bar{X}$-2|.

ם
הינטרשט.

1. <------

17... "אלזא נאם איילן שפיגעל זיין העמד אויס דיא האזען
2463 אונ׳ ווייזט זיא זיין בלויסן הינטרשטן אונ׳ שרייאט
זוכט איין נייאן שפיגעל".
איינע וואונדערבארע געשיכטע פאן איילען שפיגעל.

2. רוקן, נאקן.

1610 "אונ׳ דוא ווערשט זעהן מיין הינטרשט, ער וויז אים
2422 דען קנופף פון תפילין".
טייטש=חומש, (רשי), שמות, ל"ג - כ"ג.

ה י נ ט ע ר ש ט אָ ט י ק - אדי. דזוו הינטערשטאטיש.

ה י נ ט ע ר ש ט אָ ט י ש - אדי. וואס געפינט זיך הינטער דער שטאט, ווייט פון צענטער שטאט.

% הינטערשטאטישע לאנקע.

1936 " אין דער נישט=ברוקירטער הינטערשטאטישער גאס איז מיר אריינגערונען בלאטע אין די שיך". 2361

האראנטשיק, צב, 19.

1973 " קליינע לאסטאויטאס האבן גאנצע טעג געפירט פון דאנען דעם גרוז צו די הינטערשטאָטישע מיסטפעלדער".

שפיגל, 6, 20.

ה י נ ט ע ר ש ט אָ ט ס ק - דאס, בא. (נש, אוירו).

א גרופע יישובים הינטער א גרעסערער שטאט.

ה י נ ט ע ר ש ט אָ ך - דער, ~ שטעך. (שניידעריי, האפטעריי) זגאַל פון שטעך (ביי נייען, העפטן), געגנויער בנב.

.........................................................

רעד: פינקעל טייטשט עס פון רוסישן"

.........................................................

ה י נ ט ש ש ט א ל - דער, =ן. בודע פאר נינט.

% אין הויף איז אויך דא א הינטשטאל.

הינטערשטיבל - דאס, =ער.

1. א צימער אין הינטערשטן טייל פון א דירה.

... " דער אלמן איז געווען א קראנקער, געוווינט אין

2452 א 'הינטערשטיבל' און געלעבט אין נויט און אין דחקות

מיט די קליינע קינדער".

פרץ, 18.

2. (פיג) א הינטערשט, פאררוקט ווינקל (פון עפעס).

1962 " איצט שלאפט ער |דער פליט| זיס און האלט די נע=ונד=

2450 געדאנקן// אין הינטערשטיבל פון זיין מוח איינגעשפארט".

גראדע, 5, 11.

ה י נ ט ע ר ש ט ע ג - דער, =ן. זייטיקער שטעג, ווייט
פון הויפטשטעגן/ הויפטוועגן.

1951 " א ׳ראיעלער׳ האט געהייסן דער, וואס בלאנדזשעט ניט
2365 אין קיין הינטערשטעגן פון געדאנק - ער גייט אויף דעם
דרך=המלך פון דער סברה, ער זוכט דעם תמצית".
מ.ח. אדלער, פער 106, 601.

ה י נ ט ע ר ש ט ע ט ל ש - אדי. וואס איז/ געפינט זיך פון הינטער דעם שטעטל,

% הינטערשטעטלשע געסלעך. הינטערשטעטלשע איינוווינער.

1957 " |...| ווי ער וואלט טאקע איצט געקומען פון הינטערשטעטל וואלד |...|". 2366

ח. גראדע, פער 69, !ץ/28.

ה י נ ט ע ר ש ט ע ל י ק - אדי/אדוו.

1. וואס שטייט אפ, בלייבט פון הינטן, וואס פארהאלט זיך, פראגרעסירט ניט, אין פארגלייך מיט אנדערע, אין א געוויסער טוּונג אין א פארמאט, אין לערנען, אין פיזישער אדער גייסטיקער אנטוויקלונג אד"גל.

% זיין/בלייבן הינטערשטעליק. עקאנאמיש הינטערשטעליק.
מיין כבר איז געווען קראנק איז ער א ביסל הינטערשטעליק אין די לימודים. די גרויסע גייען גיך, זענען די קליינע קינדער געבליבן הינטערשטעליק. אן עקאנאמיש הינטערשטעליק לאנד. דער לערער פארנעמט זיך מערער מיט הינטערשטעליקע תלמידים.

1817 " אין דיא ערשטי צורות האבן זיא ערנצט מתפלל גוועזן האט דר חזן ניט בדארפט הינטר שטליג בלייבן |...|".

2369 ס' חסידים, סימן קנה - 20.

1912 " עס איז זייער שווער צו גלייבן, אז גראס אמעריקע
2385 וועט בלייבן היגטערשטעליק אין דעם פראגרעס פון טאלעראנץ".
זשיטלאווסקי, 2, 268.

1934 " די חדר=ייגגלעך זענען דורך דעם טאג וואס יחיאל איז
2378/1 געווען פארנומען אין דארף, ווייטער געקומען אין לערנען.
ער האט זי נישט געקענט אגיאגן און געבליבן הינטערשטעליק".
אש, 13,

1974 " די ענגלישע שיפן זענען פארשווונדן פון אויג. |...|
2378 זענען זיי געבליבן אזוי ווייט הינטערשטעליק אדער האבן
זיי זיך דערשראקן פאר דער פארכטיקייט פון דער נאכט?".
עלבערג, 2, 384.

2. ניט קענען צאלן (צו דער צייט) חובות.
% ס'האט זיך ניט געלייזט, איז דער סוחר הינטערשטעליק מיט
צאלן די וועקסלען.

1920 " דער לענדלארד |...| וועט אייך ארויסווארפן פון

2390 דירה, אויב איר וועט אים ניט אריינטראגן די הינטערשטעליקע

דירה=געלט אין א וואך צייט |...|".

ווינטשעווסקי, 1, 20.

1957 " |...| ער איז געבליבן הינטערשטעליק אויף גאר גרויסע

2395 סומעס געלט".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 432.

1960 " וואס האבן מיר צו געווינען אז מ'זעמער שוין

2372 הינטערשטעליק אין אזוי פיל שכירות?".

ל. טרייסטער, פער 169, מערץ.

ה י נ ט ע ר ש ט ע ל י ק ײ ט – די, בא. מצב פון זײַן

הינטערשטעליק.

% די אפריקאנישע לענדער קאנען נישט אניאָגן זייער

עקאנאמישע הינטערשטעליקייט.

(?נ?) ם|הינטערשטענדיקייט| ה י נ ט ר ש ט ע נ ד י ק יי ט - די,בא.

דזוו הינטערשטעליקייט.

1734 " |...| זעלביגש איך צום טייל דיא הינטר שטענדיקייט

2399 מיינס שרייבן פר אורזאכט האט |...|".

לשון זהב, דף 10.

428

ה-

(?נ?) ם |הינטערשטעקן| ה י נ ט ר ש ט ע ק ן - אוטור.שטעקן הינטער דעם/אונטער דעם.

1728 " |...| איין שתן דער דא איז גריזליך אונ׳ דיך אונ׳

2400 אינן וויניג ריטליך דש גרין דרונטר גמישט, דש ווייזט דש איין נכפה רחמנא לצלן דר הינטר שטעקט".

סגולות ורפואות, !!,דף י"ח.

ה י נ ט ע ר ש ט ק י י ט - די, בא. מצב פון זיין

הינטערשט, פון הינטן.

ה י נ ט ע ר ש י ס ע ל ע - דאס, =ך, ס'רוב מצ.(שש)

אָפּנאַרערישער גאנג/מיטל, הינטער=כוונה, מאכינאציע;

הינטערגענג, הינטערפּיסל (ב'2). אלץ וואס דער צבועק טוט

איז פאלש, מיט הינטערשוסעלעך, מיט דריידלעך.

1947 " |...| אוודאי האט זיך די נאציאנאל=סאציאליסטישע

2404 מלוכה געשיצט קעגן יידישע הינטערשיסעלעך |...|".

מ. ווײַנרייך, 5, 44.

1956 " ערמה? זאג איך דיר, מיין זון, מע=מע איז ערמה!//

2402 שמד=שטק, הינטערשיסעלעך,// אלדאס ביין אויף כשרע

פיר פיסעלעך |...|".

שטיינבארג, 2, 38.

ה י נ ט ע ר ש ל א ק - דער, =ז. דזוו אונטערשלאק.

1932 " דער גביר ר' משה מעכלס, וואס שענקט א דרייער קערבל

2466 מיט א געלן הינטערשלאק".

זינגער, 5א, 175.

1961 " ער האט דאמאלס ארויסגעצויגן די הינטערשלאקן

2407 פון זיינע קעשענעס און געוויזן, אז זיי זענען ליידיק".

י. ווארשאווסקי, פער 155, II/X/9.

ה י נ ט ע ר ש ל ע פ – דער, =ן. שלעפ, נאכהענגענדיקע שטיק שטאף

2468 אין הינטערשטן טייל פון א חופּה=קלייד.

..........................................................

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש. דאס ווארט איז פון

אן אינפארמאנט, אן זיין אויסטייטש.

..........................................................

ה י נ ט ע ר = ש פ י צ ל  –  <u>דאס, =ען</u>. (<u>שש</u>) כיטרע שפיצל, אפנארערישער גאנג/מיטל, הינטער=געדאנק, מאכינאציע.

2409 1930 " |...| אפגעענטפערט שטענדיק מיט א <u>הינטער=שפיצל</u>".

<u>אש, 11, 84.</u>

ה י נ ט פֿ ע ל – די, =ן. פעל פון א הונט.

1922 " ס'זיינען נאך פאראן הזיר=פעל, הערשנפעל, לייקע (הינטפעל) אאז"ור". 1868

וואולאך, 1, 6.

ה י נ ט ק ע פ י ק - אדי. (זאאל) וועגן אַ גאל פון מאלפעס.

% הינטקעפיקע מאלפעס. |סטוטש 247|.

ה י נ ט ש ו ר אָ ם - דער, =ען. (פטמ) שוואם וואס טויג
ניט צום עסן. גיפטיקער שוואם.

1966 " די לופט איז געווען פייכט, דומפיק, האט געשמעקט
1869 מיט שימל און אונטערערדישער ריחות, ס'זענען דא געוואקסן
הינטשוואמען".
באשעוויס, פער 155, X̄/7.

2419 (?נ?) הינטשין - טרוו. "נודיען" |קטוו|.

........................................................

**רעד:** דער אינפארמאנט גיט אן אן עטימאלאגיע פון שפאנישן "HINCHAR" אבער אין שפאניש האט דער ווערב ניט דעם דאזיקן באטייט.

........................................................

ה י נ ט ש ל ע ג ע ר - דער, =ס/ מצ דז.

1. דער וואס באשעפטיקט זיך מיט כאפן אויף די גאסן הינט וואס האבן קיין בעל=הבית נישט, וואס זענען ניט רעגיסטרירט.

% דער הינטשלעגער פלעגט ארומפארן מיט א גרויסער שטייג אויף א וואגן און מיט א ווענדקע צו כאפן הינט.

1899–1900 |...| זיין א מעקלער, א בייגל=טרעגער, א הינטשלעגער

1872/1 אבי אין יערהופעץ".

שלום=עליכם, 21, 87.

1921 "שטייט מען אויף א מאל פרימארגן// ז׳פונעם הינטשלעגער

1879 קיין סימן,// גלייך אזעלכער דא אין לעבן,// איז נאך קיין מאל ניט געווען; // נאר אונטער די גראווע פלויטן// פון עק שטעטל ביי די וועגן,// לאלגערן זיך אפגעשונדן// א פאר הינט אנטקעגן זון".

מארקיש, 1ב, 33.

2. (פיג) גנאי=ווארט פאר אזא, וואס וויל ניט ארבעטן, וויל ניט לערנען (ווייל דאס האט, זיך גערעכנט פאר א מיאוסער פרנסה, א מלאכה בזויה).

% ביסט א פוילאק, א פוסטעפאסניק, א הונטשלעגער!

/7 ס'טוט זיך דארט, ווי ביים הינטשלעגער אין הויף - (איר) וועגן א סקאנדאל, א מהומה, א ליארעם.

ער האט דיך געשלאגן? רוף אים הינטשלעגער! (איר) - צו איינעם וואס מע האט אים געשלאגן, אבער ער פארדינט די קלעפ, ווייל ער איז א שלעכטער.

(?נ?) ה י נ יי ן ם - אדוו און קאנוועקר... ארייך.

1544 " דא ענטוורט אים הונתן ער הוט אונרעכט געטון//

2485 דער הוניק אישט גאר זויש אונ׳ זאנפט היך איין צו גון".

שמואל=בוך, סטר׳ 232.

1676 " אונ׳ ווען פרעמדי לייט קומן הנייך זא פר בערגן זיא

2485/1 זיך אונ׳ שטעלן זיך לייטן ניט אינש פנים |...|".

ברנט שפיגל, פרק מ"ג.

1723 " זאל ער דען קארב אום שטערצן דש אלש מיט אנגדרה

2483 הרויש פאלט און זאל דאז אופס ווידר הנייך טאן".

ה י נ י ע - די, =ס. (רעג, קארפאטארוס)"גרויסער פויערשער

מאנטל פון וואל" |קטוו| .

ה י נ י ע ן |הארטער "ו"| – <u>אוטוו</u>, <u>פפֿ</u> <u>הינען</u>. (<u>פעיא</u>)

(אפּ)<u>זײַן</u>, פֿארברענגען א סך (צו פֿיל) צייט אויף איין ארט.

% דער בחור <u>היניעט</u> גאנצע טעג לעבן דעם מיידלס שטוב,

לאזט זי ניט צו רו. די יונגען <u>היניען</u> טעג און נעכט

אין שענק. וואס <u>היניעסטו</u>ביים עסן אזוי לאנג?

ענדיק שוין און לאז אפּראמען דעם טיש.

1878 " דער עולם שיקט זיי אלץ צו אויף דער בקשה, געלט

2528 און ווייטער געלט, און זיי <u>הינען</u> טאקע אלץ, געניצן,

עסן, שלאפֿן |...|".

<u>מענדעלע, 16, 72</u>.

1939 " |...| ווייב און קינדער, וואס <u>האבן געהיניעט</u>

2511 ביי די סעודה=טישן |...|".

<u>שניאור, 4, 91</u>.

1969 " רייזל האט געוואוסט, אז ער <u>היניעט</u> ביי דער מויד

2510 אויפן בוידעמשטיבל".

<u>ראם, פער 38, נ׳ 66</u>.

1971 " דא <u>היניען</u> מענטשן טעג און וואכן איידער זיי

2501 קאנען זיך צושלאגן צום רבין".

<u>פ. רודא, פער 69, 28XI</u>.

(?נ?) ה י נ י ק - דער, =עס (ס׳רוב איך מצ).

2515 1. אפפאל פון פערד.

רעד: ס׳איז רעדוצירט פון היוניק (צואה)

2. " אפפאל פון געקוילעטע בהמות און פערד

(געדערעם און בכלל דרויב. אויך היוניק,

2515 היווניאק" |קטור|.

רעד:כ׳בין מסופק אין דעם אויסטייטש פון אינפארמאנט -
דאס באווייזט צום בעסטן זיין צוגאב: היווניק/היווניאק

(?נ?) ם **ה י נ ל יי ג ן** - <u>טרוו</u>. אהינלייגן.

1732 " זא בין איך ווידר צו אים הין גנגן אונ |...|

2516 <u>האב</u> אים די שוך <u>הין</u> <u>גליגט</u>".

<u>פראגער פאמיליען - מגילה</u>.

ה י נ ע - אדוו, פּפּ הינען. (דיאל) דא (ס׳רוב אין דעם ווערטערז
פארל הינע און דרינע = דא און דארט; הינע אדער דרינע?=
דא אדער דארט.

% ווו. איז ער? - הינע.

ווו. ווילט איר שלאפן - הינע אדער דרינע.

ער דרייט זיך ארום הינע און דרינע.

|1926 - 1931| " זייט איר א גאליציאנעריין? - האט ער א

פארווונדערטער זיך א כאפּ געטאן |...| - איר זאג גאיין, 2523

הינע=דרינע, הא-הא-הא!".

אפּאטאשו, 7, 13.

ה י נ ע ד י ק - אדי, פּפּ הינענדיק. פון דאנען, היג(ער).

% ער איז א הינעדיקער, פון אונדזער שטעטל.

1935 " איך שטאט זיינען דא א סך אזעלכע שיינע רייכע

2542 מענדלס |...| קיינער אבער פארמאגנט נישט אזא קול נגינה

ווי דער הינעדיקער "פּרלע

פערלע, 3, 153.

1963 " א קבצן איז דער הינעדיקער בעל=הבית ווי איר".

2541 יאנאסאוויטש, 2, 23.

רעד: פון קארטל איז ניט צו וויסן פון וועלכער
אויסגאבע ס'איז אויסגעשריבן די ציטאטע
(דא נאך אויסגאבעס פון 1937, 1951)

ה י נ ע ן I - אדוו. דזוו הינע.

% הינען איזווארעם, דרויסן איז קאלט.

|אההייבX!X| " נו, וואס איז אייער גדלות? |...| און זינט
2531 איר זענט היגען אין הויז, לייגט איר זיך גאר אויף דעם פנים".
אנ, געגארטע וועלט, 1, ציט סאוו' אויסג' 1940, ז' 60.

1936 " אייער ווערן הינען גאר צו פיל פארברויכט |...|".
2531/1 הארארנטשיק, 3ב, 113.

/7 אויסן ווייניק, הינען גארנישט - שוו.

ם הינן.

1697 " דען אזו בלד דז דוא צו איר גישט מוזט דוא אך
2538 הינן בלייבן |...|".
פראגער מעשה=בוך, ז' 471.

<u>פון הינן</u> -

1. פון דאנען.

1544 " צו מושט <u>בון הינן</u> וליהן עשטוט דיר ליידר נוט.//

2534 וליכשטו ניט <u>בון הינן</u> זוא בישטו מורגנ טוט".

<u>שמואל=בוך, סטר 452.</u>

1679 " דער נאך ווערט ער א יך ציהן לאזין <u>פון הינן</u>

2534/1 אונ' ווערט ניט אליינט אליז לאזין זונדרן ווערט אייך

אך <u>פון הינן</u> טרייבין".

<u>בליץ, שמות, יא - א.</u>

1711 " אזו בלד זאגט כל ישראל עז זאל קיין מענש <u>פון הינן</u>

2539 נאך זיין הויז גין ביז מיר דיא זאך אונטר זוכן".

<u>צאינה וראינה, 3, דף ק"נ.</u>

2. פון דעם.

1610 " |...| פון זיין ערבא, ניט אל זיין ערב |זאל ער

2529 פארקויפן|, פון הינן לערנן מיר איין דרך ארץ דש איין

מענש זאל זיך האלטן איין ויניג פעלדר...

טייטש=חומש (רשי), ויקרא, כ"ה - כ"ה.

1716 " |...| אונ׳ פון הינן לערינט מאן זיין קינד ניט

2536 שטראפט אודר מכל שכן אלש איבר העלפט דא ברענגט ער

אין צום טוט".

ס׳ המגיד, 3, דף פ"ב.

ה י נ ע ן - <------ **היניען**.

ה י נ ע נ ד י ק - ------> <u>הינעדיק.</u>

ה י נ ע ר - די, מע פון הון.

|1899-1898| " דער פאטער שיקט פון דארף פון אלעם גוטן:

מעל, הינער, אינדיקעס".

פרץ, 17, 276.

1930 "|...| דער גראמאפאן שפילט אין מיטן דער בלאטע פאר

די ציגן און הינער |...|". 2545/1

איינהארן, 7, 243.

1966 " דער באזאר איז געווען פול מיט געשריי און געפילדער

פון סוחרים, קונים,|...| מיט דעם קרייען פון הענער, 2545/2

קוואקען פון הינער |...|".

באשעוויס, פער 155, 26/XI.

Ø וואלוול ווי הינער נאך כפרות - זייער וואלוול.

גיין מיט די הינער שלאפן - גיין שלאפן פאר פרי.

גיי ביי די הינער! - גיי אוועק! ארויס פון דאנען!

אז ער קוקט אויף די הינער, פגרן די גענדז - שפאסיק וועגן א שיקלדיקן אדער וועגן אזא וואס זעט שלעכט.

רבי, איך שעכט מיר די הינער - וויפל? - איינע - שפאסיק ווען איינער בארימט זיך מיט האבן עפעס אין א גרויסער צאל, אבער ער האט זייער ווינציק.

ניט פאר (די) הינער געדאכט - שפאסיק במקום ניט פאר אונדז געדאכט.

שוו:

די אייער לערנען די הינער.

קללה:

הינער זאלן שוין דיין קבר פיקן!

ם
**הינר.**

1752 " מן גהער דיא ווייבר צו ווישן טאן ווע זיא וועלן

יום=טוב וואש עשן וואריג צו ניאן דהיינו גפילט, הינר|...|". 2545/3

ס' עץ חיים, דף נ"ג.

ה י נ ע ר א ו י ג - דאס, =ן. פארהארטונג פון א געוויסן
ארט אויף דער הויט (ס'רוב אויף די פינגער פון די פיס)
אין רעזולטאט פון לאנגן רייבן אדער דריקן.

% צוליב די ענגע שיך האט ער זיך אנגעריבן א הינעראויג.
צולייגן א פלאסטער צו די הינעראויגן. אויסווייקן די
הינעראויגן אין הייס וואסער. צו די הינעראויגן

... " פון די פיס דאך פאלט די אמת...// ווי ברילי־אנטן -
2598 הינעראויגן.// קוים זי שלעפט זיך! און דער שקר // פליט
זיך 'נאשפיץ' - פייל פון בויגן".
פרץ, ליד "אמת און שקר".

1910 " הינער אויגן אויף די פיס |...| פארשאפט דעם מענטש
2590 גרויסע שמערצן |...|".
טארלער רבי, 1, 73.

1938 " |...| א פאר פארשוויצטע פיס מיט גרויסע <u>הינערהויגן</u>

2592 אויף די פינגער".

<u>מאנגער, 2, 206</u>.

<u>הינעראייגלעך מיט פוטער</u> – גארנישט מיט נישט

(אזוי ווי "<u>א לאך פון א בייגל</u>")

<u>א מענטש אן הינעראויגן</u> – ווענן א מענטשן אן גרויסע פרעטענזיעס,

וואס באליידיקט זיך ניט פון אליאדע וואס.

<u>אנטרעטן/אנטרעפן אויף די הינעראויגן (עמעצן)</u>– אנרירן

יענעם אין עפעס, וואס ארט אים מער, אווף וואס ער איז

זייער שפירעוודיק.

1949 " ר׳ ישעיה האט ניט סובל געווען, אז מען <u>טרעט אים</u>

2606 <u>אויפן הינעראויג</u>".

<u>טרונק, 6, 193</u>.

-ה
458

1953 " איך וויל דא קיינעם ניט אנטרעטן אויף די הינעראויגן".

2599 ח. גרינבערג, 2, 355.

ה י נ ע ר א ו י ג = פ א נ י ר - דער, =ן. (סטאלעריי).

זגאל פון פאנירן.

1929 " צוקערקליאן אדער אמעריקאנער קליאן, אין פארקויף

2600 און צווישן סטאליערעס באקאנט אונטערן נאמען 'אטשעק',

'אינעראויג=פאניר'".

בערמאן, 2, 139.

460 ה-

ה י נ ע ר א ו י ג = פ ל א ס ט ע ר - <u>דער, =ס.</u>

פלאסטער ווייך צו מאכן א הינעראויג.

ה י נ ע ר = א יי ג ל - דאס, =ען. פֿקפֿ פֿון הינערן=הויג.

0 הינערן=אייגלען=אפשניידער - דער, =ס. דער וואס האט זיך פֿארנומען מיט אפשניידן הינער=אויגן.

1911 " |...| א געבענטשט שטעטל מיט סארוועס, טעלער=לעקערס, שדכנים, הינערן=אייגלען=אפשניידערס, קעצינס, מלמדים, גבאים, בעלפֿערס |...|".

מוירער, 1, 3.

ה י נ ע ר = ב ל י נ ד ק ײ ט - די, בא. אויגן=קראַנקייט, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז דער מענטש זעט שלעכט ביי נאַכט.

% ליידן אויף הינער=בלינדקייט.

הינער =בלינדקייט היילט מען מיט דעם וויטאַמין A און B₂.

1924 " אין שווערע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן ביי אונדז הינדערטער יידישע קינדער געליטן פון אַזוי 2607
גערופענער הינער=בלינדקייט |...|".

פער 151, נ' 8.

ה י נ ע ר = ב ל ע נ ד י ק ײ ט - די, בא. (עלט?גרייז?)

דזוו הינער=בלינדקייט.

1910 " פאראן אן אויגן=קראנקייט, וועלכע רופט זיך "הינער=
בלענדיקייט" |...| ווי עס הייבט נאר אן נאכט צו ווערן, 2608
|...| אזוי ווערט דער קראנקער בלינד און הערט אויף
צו זען".

טארלער רבי, 1, 18.

ה י נ ע ר ב ע ט - דאס, בא. (עלט) דזוו הינערפלעט, ב׳ 1.

1815 " |...| לפעמים שוכבים בהינער בעט".

2610 שבחי בעל=שם=טוב, ז׳ 5, |ציט מ. אונגער, פער 90,נ׳ !XX-3|.

|1819?| " |...| אין דער אנדרער קרענק ,אל ער ליגען אין

2611 הינערבעט ווייל דאס איז אשטייגער פון דעם טאד".

י.פערל, 1, 36.

ם היגברוטא/הינרפריטא/הינאפריטן.

1676 " |...| א ך אין מסכת פסחים שטייט רבי יוסף זון רבי

2612/1 יהושע וואר גילעגן אין הינאפריטן אונ דא ער קאם צו

זיך זעלברט דא פראגט אין דער ואטר |...|".

ברנט שפיגל, פרק ו׳.

.........................................................

רעד: א. הארקאווי מיינט (לויט גידעמאן, התורה והחיים I ז׳ 174) אז סע קומט פון (עלט) דייטשן (מה"ד?) "זיך געפינען אין א טיפער באוווסטלאזיקייט און אומטעטיקייט".

ה י נ ע ר = ג י י ע ר - דער, =ס. (זאאל) רויבפויגל,

פון דער פאלקן=משפחה (ווסב

(?נ?) ה י נ ע ר ד י ק ס – דאס, בא. (שנש) עפּעס/אלץ וואס האט א שייכות צו הינער.

1932 " |...| שלעפּט אויף זיך א קארב מיט הינערדיקס און אייערדיקס". 2554

נאדיר, 4, 219.

ה י נ ע ר ה ו י ז - דאס, ~ הייזער. דזוו הינערשטאל.

ה י נ ע ר = ה ע נ ד ל ע ר ק ע - די, =ס. דזוו הינערניצע.

ה י נ ע ר ז ו פ - די, =ן. א זופ אויסגעקאכט אויף

הינערפלייש; יויך, בוליאן.

% א פעטע הינערזופ. ער האט ליב הינערזופ מיט לאקשן.

ם הינר זופ.

1728 " נעם (מאני קאלברינא) פיניף לויט אונ׳ לאז צוגיין

אין ווארמי הינר זופ אונ׳ טוא אניין |=ארײן| איין 2616

וויניג צימרינד וואשיר אונ׳ גיב אים ניכטרן איין

וואול הינר זיפין".

סגולות ורפואות, דף י"ט.

ה י נ ע ר י ש - אדי. דזוו הינערישי.

1935 " דער אפטריט הינטער דער שטוב איז קרום און ער

2589 שטייט אויף הינערישע פיסלעך".

נאדיר, 8.

1956 " |...| ארויסגעוויזן זיין בקיאות אין דעם - א הינעריש

2586 גערגעלע, פופיקל , לעבערל |...|".

ש. מיללער, פער 38, נ׳ 25, ז׳ 198.

ה י נ ע ר = ט אָ פ ע ר – דער, =ס. (וו״לג) וועגן איינעם
וואס האט ליב צו שפּילן זיך מיט פּרויען׳ |קטוו|.

(?נ?) ם |הינער=טרעגער| ה י נ ר ט ר ע ג ר - דער, הינער=הענדלער.

1701 " עס גשאך אויף איין צייט איין מעשה אן איינם הינר

2618 טרעגר דער טראג איין גאנצן קארפף |=קארב| מיט הינר |...|".

מעשה=בוך, מעשה ל"ז.

ה י נ ע ר י ו י ך - די, =ן. א יויך אויסגעקאכט אויף הינערפלייש.

% קאכן א הינערייויך. די הינערייויך איז א פעטע. אויף דער חתונה האט מען געגעסן הינערייויך מיט מאנדלען.

1970 " |...| צוגעווהנטשן |דעם חולה| א רפואה=שלמה, זייענדיק איבערצייגט, אז דאס ביסל הינערייויך קען גיכער העלפן ווי די דאקטארסקע רעצעפטן". 2619

פ. לייב, יזב 7, 125.

ה י נ ע ר = י י ד ע נ ע - די, =ס. דזוו היבערניצע.

ה י נ ע ר = כ אָ פ ע ר - דער, =ס. (שפּאַסיק) קערער,

קיך=משרת |מארק ווב 379|.

ה י נ ע ר = כ ו ל ע ר ע - די, בא. קראנקייט, געגויער בנב.

192... " נאך די פארהיטונג=אימפונגען קעגן היגער=כאלערע

זיינען געפונען געווארן די פארהיטונג=אימפונגען קעגן 2622

סיבירער ווהגד |...|".

פער 151, נ׳ 1.

רעד: אין ענציקלאפעדיע געפונען וועגן כאלערע ביי פארשיידענע היימישע און ווילדע פייגל, אבער ניטא וועגן הינער=כאלערע ביי מענטשן - און די ציטאטע רעדט, דאכט זיך וועגן אזא קראנקייט.

ה-

ה י נ ע ר ל ו י ז - די,~לייז. (זאאל) אינסעקט,

זגאל לויז וואס האלט זיך אין די פעדערן פון הינער

(וורסג)

ה י נ ע ר ן - אדי. פון הינער.

% א געפילט הינערן העלדזל. הינערנע פעדערן.

1867 "מען טאר ניט עסן פיש מיט פלייש אין איינעם אפילו

2559 ניט מיט הינערן שמאלץ ווארן דאס שאט זייער שטארק

צו דער געזונטהייט".

דאנציג, 3, דף ל"ח.

... " אויף יענער זייט ים איז געשטאנען א מאל // אויף

2555 הינערנע פיסלעך א היזל אין טאל".

פרץ, ביי א פרעמדן חופה=קלייד.

1958 " הינטער די פארשארצטע פאלעס" פון די שדים" האבן

2563 אפערגעקוקט די הינערנע פיס".

באשעוויס, פער 9, פסח=נומער, ז' 32.

ה י נ ע ר נ י צ ע - די, =ס. יידענע וואס פלעגט אויפקויפן
הינער ביי די פויערים און שפעטער זיי ארומטראגן פארקויפן
אין גבירישע הייזער.

1951 " |...| א שטאפל נידעריקער - הינערניצעס. |...| די
2565 עטלעכע גילדן אויף דייער מיסחר האבן זיי געקראגן
אויסגעליען אין גמילת=חסד |...|".
א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 42.

1967 " דאקטאר וויגאדסקי האט דאך געהאט אויפן קאפ אלע
ווילנער יידן - פון די הינערניצעס, |...| ביז די סטודענטן".
קארפינאוויטש, 1.

ה י נ ע ר נ י ק - דער, =עס. א ייד וואס פלעגט אויפקויפן

הינער און אנדערע עופות ביי די פויערים און שפעטער זיי

פארקויפן אויפן מארק.

1951 " די לעצטע צייט האבן די באלבערישקער יידן גענומען

אויפקויפן עופות אויף די מערק און פירן זיי קיין קאוונע 2569

|...| מען רופט זיי 'ווישטינעקעס' - הינערניקעס".

פער 106, 1616.

1967 " |...| אט האט דער אקטיאר בידזון גענומען לייבע דעם

הינערניקס א מיידל". 2568

קארפינאוויטש, 1.

ה-



ה י נ ע ר פ אָ ק ן - די, במ. קראנקייט, געגויער בנב

|סטוטש 420|.

**הינערפלעט** - דער/די, בא. פּפּ **הין=הער=פלעט.**

1. צושטאנד פון טיפער חלשות, פון לעטארג, פון קאמא. ליגן אין **הינערפלעט.** ארייגפאלן א ן הינערפלעט.

| |
|---|
| רעד: וועגן דער עטימאלאגיע פון ווארט און זיין באטייט - ברייטער זען: ד. סדן, וואכנבלאט "פאלקסבלאט" , נ׳ 5 - 6, יוני=יולי 1969, ת"א. |

1815 " \|...\| ואחר נסיעתו התעלף שקורין בל"א **הינערפלעט**".

2610 שבחי בעל=שם=טוב, ז׳ 33, \|ציט מ. אונגער, פער 90, נ׳ XX! - 3\|.

1873 " אקעגן צוויי וואכן ביסטו ווי אין **הינהערפלעט**

קאנק געלעגן, מיט פארמאכטע א יגן, כמעט אן א סימן פון לעבן \|...

מענדעלע, 1, 119.

1906 " לייגט מען דעם גוסס אין רבס בעט אריין, ליגט ער
ווי אין הינערפלעט".
פרץ 17, 357.

1936 " |...| איז ער אזוי אפגעלאפן א מעת=לעת צייט ווי
2652 אין הינערפלעט".
זינגער, 6, 320.

1967 " |...| נאר אריפרייסן די אויגן און קומען צו זיך
2669 קאן זי פארט ניט, זי איז נאך אלץ אין הינערפלעט".
ע. שעכטמאן, פער 131, נ' 4, ז' 4.

2. (פיג) מצב פון פארטראגנקייט, פארחלומטקייט, אומבאוועגלעכקייט,
געפלעפטקייט.

... " דער אינגעוואפנטער נפש איז געבליבן שטיין אין דער
2660 הינערפלעט".
שלום=עליכם, 5ד, 13.

1912 " אײדער דאס פאלק װעט זיך קאנען ערנסט צוהערן

2660/1 צו זײן דערהױבענעם רוף, מוז עס פריער ארױסגײן

פון <u>היך=הער=פלעט</u>".

<u>זשיטלאװסקי, 4, 100</u>.

1927 " און לײזערילי׳ע שטײט נאך אלץ// און שאקלט |...|

2650 זיך װי אין א <u>הינערפלעט</u>".

<u>מ.ל. האלפערן, 1, 38</u>.

1956 " ער האט אין <u>הינערפלעט</u> מיט דער קאפעלע דורײזשירט |...|".

2635 <u>מארקיש, 10, 240</u>.

ה י נ ע ר פֿ ל ע ט י ש - אדי/אדוו. (שנש) ווי אין הינערפלעט.

1967 "|...| הינערפלעטיש פארשווּמען |...|".

אהרן צייטלין, 6, 181.

ה י נ ע ר פֿ ו י ג ל – דער, ~. פֿארטרעטער פֿון א ברייט פֿארצווייגטער ריי פֿון פֿייגל, זיי לעבן ס׳רוב אויף דער ערד (ד"ה פֿליען ניט הויך אדער בכלל), האבן קורצע פֿליגל, שטארק אנ־טוויקלטע צום שארן פֿעיקע פֿיס און קורצע שנאבלען. גוט באקאנט זיינען די היימישע הון און האָן.

ה י נ ע ר פֿ ע ט ס – דאס, בא. פעטס (שמאלץ) פון הינער.

% באשמעלצן מיט הינערפעטס. אויספרעגלען הינערפעטס.

ה י נ ע ר = פֿ ר ע ס ע ר - דער, =ס. (איר)

א פרויען=יעגער, א ווייבערניק, א נואף (ס'רוב מיט א צוגאב: אלטער הינער=פרעסער).

..." וואס האסטו באדארפט ווארטן, ביז דער בעסאראבער

2683 הינער=פרעסער וועט מיר שרייבן נאך א מאל און נאך א מאל?". שלום=עליכם, דערצ' מאריענבאד".

1964 " |...| דער סאוועסט מוטשעט אימדעם אלטן הינער=פרעסער!",

2682 ח. גראדע, פער 69, !!!V/14.

ה י נ ע ר = ק ו ט ש ק ע - די, =ס. פּפֿ קוטש/קוטשע.

ארט ווו. מ'האט געהאלטן קינער און אנדערע עופות;

הינערשטאל, קאטוך.

1957 " פון דער הינער=קוטשקע האט זיך דערטראגן א מוראדיק

קוואקען.

490 ה –

ה י נ ע ר ק ו י ט – דער/דאס. בא. צואה פון הינער.

% די באנטעס זענען פול מיט הינערקויט.

הינערש - אדי. פּפּ הינעריש. (ווי) פון הינער.

% הינערשע שמאלץ. ס'הערט זיך א הינערש קוואקעריי.

פון שטייג קוקט ארויס א הינערשער קאפ.

1881 " ער |דער מגיד| האט נאך פארט מורא געהאט, פילייכט

2578 |= אפשר| וועט דער קעניג דערטאפן, אז דאס איז גאר א שד

(ווארעם די שדים האבן דאך הינערשע פיסלעך)".

שאצקעס, 1, 56.

1933 " מען האט |...| געצויגן דעם מארך פון הינערשע

2578/1 ביינדלעך, אז זיי האבן אזש געטרישטשעט".

ב. מילער, 1, 14.

1940 " מיידעלעך, טעכטערלעך, |...| בעסער עסן הינערשע

2579 יויך |...|".

דרוקער, 1, 136.

ט) היִנערשער מוח - אויף איינעם, וואס פארגעסט אלץ.

הינערשער מוח -אויף א נאר, א תם.

הינערשע נשמה - אויף א פכדן, א נאכגיביקן.

האלטן זיך/שטיין אויף הינערשע פיסלעך - האבן א שוואכן פונדאמענט, ניט האבן קיין געהעריקן, גוטן אנשפאר, וועגן א שלעכטן מצב בכלל.

% דאס געשעפט האלט זיך אויף הינערשע פיסלעך, מע לייזט ניט.

דאס הייזל שטייט אויף הינערשע פיסלעך, היינט=מארגן וועט עס איינפאלן.

ה י נ ע ר ש ט אַ ל - דער/די, =ן. אַרט וווּ מ'האָט געהאַלטן הינער.

1891 " אונטערבעטן יעדן קורניק (הינערשטאַל) מיט טרוקענער ערד אָדער מיט זאַמד געמישט מיט שיטשקע". 2695

מ. וועבער, 1, 39.

הי נ ע ר ש ט א נ ג - דער, =ען. הילצערנער דראנג, קווער אויפגעהאנגען, (אין א שטאל, אויף א בוידעם) אוויף וועלכן ס'פלעגן זיך אויזעצן די הינער צום שלאפן;סידעלע.

הינערשטייג - די, =ן. א שטייג אין וועלכער מע
פלעגט האלטן הינער, אויך אזא אן וועלכע מע פלעגט זיי
פירן אויפן מארק צו פארקויפן.

1968 " א הויזוועכטערין |...| האט מיר געלאזט איבערנעכטיקן
2698 אין א הינערשטייג און געגעבן מיר 20 זלאטעס אויף הוצאות
קיין ווארשע".
ג. בץ, יזב 2, 894.

1971 " דער שליח האט זיך געמוזט איינקוועטשן צווישן די
2701 הינערשטייגן, און דער וועג האט געדויערט 12 - 14 שעה,
אבער די אקציע איז געלונגען |...|".
ה. יאכימעק, יזב 7, 157.

/7 ווי (אין) א הינערשטייג - וועגן אן ארט ווו. ס'איז זייער
ענג, און ס'איז אנגעשטאפט מיט מענטשן.

1948 " |...| דער טרויעריק בארימטער 'תחום=המושב', ווּוּ

2703 מיליאנען יידן זיינען ווי אין א הינערשטייג צונויפגעשטיקט

געוואָרן".

ח. גארבער, פער 94,נ' |?| ז' 5.

1974 " עס איז נישט געווען אין די באראקן אין די מעפּילים=

2702 לאגערן גענוג פלאץ |...|. דער באראק האט אויסגעזען

ווי א הינערשטייג".

עלבערג, 2, 319.

ארייַנכאפּן זיך ווי א טכויר אין א הינערטייג - ארייַנגנבענען

זיך צו עמעצן אין דער שטיל, אויף א מיוסן אופן מיט

בייזער כוונה, צו שעדיקן.

הינער שטייג.[ם]

1744 " און איז דער מענש פר זונקין אין דיא וועלט דיא דא

2697 איז נאר גליק אז איין גיפענקניס און גלייך אז איין

הינער שטייג |...|".

בחינת עולם, דף ט"ו.

ה י נ ע ר ש ל א ק – דער, ~ שלעק. ארט ווו מע האט געהאלטן הינער; קאטוך, הינערשטייג.

|1931–1926| " |...| האט ער זיך גאנצע טעג געפארעט ביים

2705 גארטן אכטונג געגעבן די הינער זאלן זיך לייגן אין

הינערשלאק".

אפאטאשו, 9, 105.

**ה י נ ע ר ש מ א ל ץ** – <u>דאס, בא.</u> דאס אויסגעפרעגלטע פעטס
פון הינער.

% אויספרעגלען <u>הינערשמאלץ</u>. באשמירן ברויט מיט היגערשמאלץ.
אריינטאן א ביסל <u>הינערשמאלץ</u> אין דעם קרופניק, וועט זיין
געשמאקער.

1973 " פון א פעטער הין קען מען א יסטאפען דאס פעטס און
2710 באקומען <u>הינערשמאלץ</u>, וואס איז טויזנט מאל פיינער און
געזונטער פון גענדזנשמאלץ".
<u>בלומענטאל, 1, 144</u>.

ה י נ ע ר = ש פ א ר ב ע ר - דער, =ס. (זאאל) רויבפויגל,

דזוו הינער=גייער |?|.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

1924 " דער הינער=שפארבער און זיין קרוב דערוואכטל=שפארבער,

הרגענען אוועק יעדן בעל=חי, וועלכן זיי קענען נאר 2712

גובר זיין, דעריבער געהערן זיי צו די רויבפויגלען".

איבז איסעל, 1, 73.

(?נ?) ם|הינפאדערן| ה י ן  פ א ד ר ן - טרוו. בנב.

1726 " |...| האט מן ניט באדאכט דז מן עז היין גפאדרט האט".

2714 פינקס אה"ו, פער 94, נ' XXXIII, ז' 119.

ה-

(?ב?) ם|הינפאר| ה י ן פ א ר - אדוו. בעפאר, פריער, מיט

א צייט צוריק.

... " אויך אישט מענך מול הין ואר צייכן גישעהן".

2715 מגילה=ליד, שורה 1317.

(?נ?) ם|הינפארן| ה י ן וו ר ן - פארבייגיין, אונטערגיין.

... " ויחלוף - אונ' ער ווירט הין, ל' ליעבור".

2718 רייכלין 8, איוב, ט - יא.

(?נ?) ה י נ ק - דער, בא. ווס פון הינקען.

1945 " כ׳זע זיקנה שלעפט זיך שוין // צו מיר הינק=הינק".

272 לייוויק, 343,8.

(?נ?) ה׳ י ( נ ) ק ו ם ד מ ו |האשעם י(נ)קום דאמוי| - פר.

טייטש: גאט זאל זיך נוקם זיין פאר זיין |פארגאסן| בלוט - אויסדרוק געזאגט ווען מע דערמאנט א מענטשן וואס איז אומגעקומען אויף קידוש=השם (אין שריפט געניצט ס׳רוב אין ראשי=תיבות: הי״ד).

ה י נ ק ו מ ע ן - אוטוו, פצ איז הינגעקומען.(עלט)

1. דזוו אהינקומען (פארשווינדן, נעלם ווערן).

% ערשט נעכטן איז ער דא געווען, ווו. איז ער הינגעקומען?

1862 " וויי צו מיר, ווו איז דיין מוט |טעקסטימישע הינגעקום

הינגעקומען |...|". 2721

אנ, איינע אבשילדערונג |...|.1.

ם
הין קומן.

1541 " איך וויל ניט האבן נוך רו נוך ראשט. איך וויל ווישן

וואו ער אישט הין קומן". 2721

בבא=בוך, סטר' 282.

2. קומען אהין (איך יענעם ארט).

1701 " אונזר, חכמים האבן גיזאגט דא דיא לייט הין קומן

דיא דא תשובה טונן אויף יענר וועלט דא קענן אפילו דיא 2722
רעכטן צדיקים ניט הין |קומען|". מעשה=בוך, מעשה קס"ג

ה י נ ק ע ד י ק – אדי/אדוו. פֿפּ הינקענדיק.

1. וואס הינקט, ב׳ 1.

% א הינקעדיקער אינוואליד. א הינקעדיקע בעטלערקע.

1899 " |...| א שווארץ הינטל מיט |...| א הינקענדיק פיסל".

מענדעלע, 8, 33. 2738

1932 " די הינקעדיקע האט אויף איין פוס צוגעטאנצט,

צעשטופט די חברים אן א זייט |...|". 2725

אלעק, 1.

1951 " דארטן האט א ליטווישער הינקעדיקער שוסטער מיט א

הילצערנעם פוס, געהאט זייןווארשטאט". 2729

א. קאצענעלנבאגען, פער 1245,106.

1967 " |...| א צווייטער, א הינקעדיקער, גיט זיך א בייג

אראפ אויף זיין איינגעבראכענעם פוס ביזקל דער ערד |...|". 2728

ח. גראדע, !!!/ 17.

2. וואס הינקט, ב"3.

% די גאנצע באגרינדונג זיינע איז א הינקעדיקע, האלט ניט אויס קיין קריטיק.

1934 " |...| איך קען ניט פארשטיין, פון וואנען עס האט זיך צו זיי אזא רייכער אוצר פון הינקעדיקע תירוצים גענומען". 2725
זעצער, 1, 3.

∠7 ער איז ניט קיין הינקעדיקער שניידער - געזאגט אויף איינעם (אויך אויף זיך: איך בין ניט...) אז ער קען זיך אויף דער זאך, ער קען זיך אן עצה געבן מיט דעם ענין, מע קאן זיך אויף אים פארלאזן.

ה י נ ק ע ן - אוטוו, פאר געהונקען/געהינקט.

1. גיין/טרעטן קרום, בייגנדיק זיך אין היפט אין איין זייט
צוליב איין פוס א קירצערן אדער צוליב אן אנדער באשעדיקונג
אין איין פוס.

% זינט ער האט זיך צעבראכן דעם פוס, הינקט ער א ביסל.
דער בעטלער מאכט זיך אז ער הינקט, כדי ארויסצורופן
מער רחמנות. דאס פערד הינקט אויף איין פוס.

|1888| " דער אלטעסקער איז ווייטער טאקע מיט מיר אין
די הייזער ארומגעגאנגען און איך האב אלץ געמוזט הינקען 2745
גוט, זיפצן גרימען זיך, מאכן אנשטעלן |...|".
מענדעלע, 4.

1908 " |...| איין/מאל האט גראדע געדארפט זיך פאסירן, //
א גוי איז געקומען אין דערפל צו הינקען |...|". 2746
ראזענפעלד, 2, 288.

1934 " אז די זון איז ארויס און יעקב האט געהונקען,//
2748 ווי ער האט געשטעלט נאר אין טריומף זיין טראט -
מיט זיין קראנקן דיך, פון גאט ערשט אויסגעלונקען |...|".
לעסין, 3, 199.

1968 " איבער זיין אפגעלאזענעם הילוך און אומזיכערן גאנג
קאנק זעט דער לאהויסקער אויס ווי ער וואלט געהונקען".
גראדע, 7, 403.

2. (פיג) שאקלען זיך, וואקלען זיך, ניט שטיין זיכער
(וועגן א טיש, א שטול אד"גל), ווייל איין פיסל איז
קירצער אדער פעלט.

% דאס בענקל הינקט אויף א פיסל.

1935 " אין ווייטסטן ווינקל פונעם קעלער איז געשטאנען
2748/1 א ביסל בעל=הבתישקייט// א רויט פארזשאווערט דראטן בעטל
און א הינקענדיקער טיש |...|".
רויזנבלאט, 4, ליד "מיסטער מארטין גלאדסטאן".

3. (<u>פיג</u>) זיין אומסטאביל, אומזיכער/פעלערדיק, ניט פונקציאנירן גוט.

% די אנפירונג פון דער אינסטיטוציע <u>הינקט</u> א ביסל.
די טעכנאלאגיע אין דער פאבריק <u>הינקט</u> גוט, ווייל די מאשינען זיינען אלט.

1947 " א סך אונטערנעמונגען האבן גלייך אנגעהויבן שטארק
2742 צו הינקען |...|".
<u>סעגאלאוויטש, 11, 168.</u>

1954 " |...| דער גלויבן פון אזעלכע קריסטן און זייער תפילה
2752 זענען <u>הינקענדיקע</u>".
<u>גרינבערג, 3, 349.</u>

4. (<u>פיג</u>) ניט קענען, ניט באהערשן גוט אן ענין, א לימוד.

% בכלל איז ער א גוטער תלמיד, אבער אין מאטעמאטיק <u>הינקט</u> ער א ביסל.

ה) הינקענדיקער שניידער - ---> הינקעדיקער שניידער.

הינקענדיקער שמייכל - קרומער שמייכל, אזא איז ניט אפנהארציק, ניט עכט.

ס'האט א טעם ווי צוויי הינקעדיקע גייען טאנצן - ס'האט גאר קיין טעם ניט, ס'איז חוזק.

הינקט און שטינקט און שטייט נאך גרויס - (וו.הלג) וועגן א גרויסהאלטער, א גדלן וואס האט גארניט מיט וואס צו שטאלצירן.

שור:

הינקט מען אויף איין פוס, קען (זאל) מען שוין הינקען אויף ביידע.

קללה: (?ב?)

הינקען זאלסטו הלוואי, זאל דיר כאפן שדים דריי!

הינקן.[ם] מה"ד:

----> 1.

1544 " ער וואר בייא דעם קויניג אז זיינר קינדר איין.//
2732 אונ׳ האנק אלזוא זער אןביידן זיינן ביין".
שמואל=בוך, סטר׳ 1173.

1697 " |...| דאז זיא |די הוך| מיט אירי היגליך זאלטן
2734 בלייבן וריש אונ׳ גיזונד, אונ׳ איינש דאז וואר נעבך
קרנק און איינם פוש עז הנק".
ס׳ משלים, דף י"א.

----> 3.

1610 " אונ׳ ער גינענט אליהו צו אל דעם פאלק אונ׳ ער
2733 זאגט וויא לאנג איר הינקט אויף צווייא שועלן |...|".
טייטש=חומש, כי תשא, הפטורה מלכים א׳, י"ח - כ"א.
|תי: אומשפרינגען|.

(?נ?) ה י נ ר י ס ן - טרון, (דטשמ)מיטרייסן. באגייסטערן, באצויבערן.

1948 " איר קלינגענדיקער געלעכטער, |...| האפערדיקייט, לעבנס=לוסטיקייט האט איין הינגעריסן, אנגעשטעקט און אנגעצונדן".

פער 44, נ' 2, ז' 44.

2765

1951 " שפעטער האט יך די צענזור אנטוישט אין דער |...| השכלה און איז הינגעריסן געווארן מיט דער באוועגונג פון חיבת=ציון".

י. קיסמאן, פער 106, 822.

ה י נ ר י כ ט ו נ ג - די, =ען. אקט פון הינריכטן, דאס טייטן.

1947 " זי קאן זיך נאך אפשר אפבעטן ביים תליון א טאג=צוויי
2769 אפלייגן די הינריכטונג".
שניאור, 10, 211.

1963 " אין דעם דור פון היינט ליארעמט א פאלק קעגן דער
2768 הינריכטונג פון זיבן שרעקלעכע רוצחים, וואס זיינען אלע געווען תליינים".
לייוויק, 14, 410.

ה־


ה י נ ר י כ ט ן - טרוו, פאר הינגעריכט(עט).

אויספירן א טויטאורטייל פון א משפט.

1907 " צוועלף א זייגער אין האלבן טאג איז |...| געקומען דער

2773 פראקוראר און האט מודיע געווען דעם ארעסטירטן, אז צוויי

א זייגער וועט ער הינגעריכטעט ווערן דורך הענגען".

שלום=עליכם, 18, 158.

1953 " מילטאן |...| האט מוטיק געפרעדיקט דאס רעכט פונעם

2775 פאלק הינצוריכטן דעם קעניג, אויב ער איז א טיראן".

ח.גרינבערג, 2, 304.

ה י נ ר י כ ט ע ר - דער, =ס/מצ דז. דער וואס פירט אויס א טויט אורטייל פון א געריכט.

|1927-1923| " |...| איך די שעהען, ווען אפילו תפיסה=שלעסער//
2776 שרייען: הינריכטער, שטעלט אפ די מיתה! - // נאר באסטאך ענטפערט: שטארבן".
לייוויק, 6, 281.

1961 " יעדער וויכטיק 'קנעפל' האט געהאט די מאכטצו זיין
2777 אי דער ריכטער און אי דער הינריכטער".
פ. רודאי, פער 69, 27/X.

(?ב?) ה י ס - דער, בא. (פטמ, דיאל) הוסט.

% א טרוקענער היס. דער קראנקער קען ניט אפשטעלן דעם היס.

... "קוים גיט חנינא |...| א 'היס', ווערט זי שוין בלאס ווי

דער טויט". 2782

פרץ, דערצ' "רבי חנינא בן דוסא".

1911 " |...| וויל דער קראנקן בשום=אופן זיך גישט האלטן,

אזוי ענג איז ער, אז ביי יעדן שנייץ און היס שפרינגט 2779

די 'ספינקע' אפ".

מוירער, 1, 9.

(?נ?) ה י ס אָ פ - דער, בא. "מין גראז".

רעד: דער אויסטייטש פון קארטל.

ה י ס ב = ב ע ט |העסעבעט| – דאס, =ן. אנלעגבעט, אנלעגשטול – דאס זיצארט, ארומגעלייגט מיט קישנס, אויף וועלכן ס׳פלעגט זיצן דער ראש פון דער משפחה ביים אפריכטן דעם סדר פסח.

% דער טאטע זיצט אנגעלענט אויף דעם היסב=בעט מיט רחבות, ווי ס׳פאסט פאר א מלך.

1914 " אויבן אן דאס |...| היסב=בעט – צוויי קישנס מיט

2787 א ליילעך איבערגעדעקט |...|".

שלום=עליכם, 36, 134.

1932 " וואס האסטו זיך צעלייגט ווי אויף א היסב=בעט

2784 צום סדר?".

זינגער, 5א, 208.

1963 " |...| די היסב=בעט: צוויי גרויסע קישנס |...|".

2785 לייוויק, 14, 30.

(?נ?) ה ס ב ה / ה ס י ב ה |האסאווע/האסיבע| – דאס זיצן אנגעלענט אנגעשפארט, באקוועם.

1748 " מן האט דעך (סדר) דז מן מיט קיסן איין לייך אך מאכט אויף (לשון הקודש) הײשט עז (היסבה) דא זאל דער (בעל=הבית) דרוף זיצן אונ׳ אן ליינן". 2788

<u>סידור תפילות, דף קמ"ג</u>.

<u>רעד</u>: ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אז דאס יידישע היסב=בעט איז קרוביש אדער אפשר דאס אייגענע: א פאלקסטימלעכע פארוואנדלונג פון הסיבה|האסיבע|: העסעבעט.

ה י ס ח = ה ד ע ת |העסעך=האדאאס| - דער, בא. (לל)

דאס אפוועגדן דעם אויפמערק, דעם געדאנק פון עפעס,

צעשלאגן די געדאנקען.

1874 " אז דער בעל=הבית האט נאך ניט געמאכט קיין

2791 היסח=הדעת פון דער סעודה, איז זיין דעה זיך אויך

סומך אויפן בעל=הבית צו טרינקען מיט אים, דעריבער

דארף אפילן דער דאזיקער, וואס האט דאס |לאמיר בענטשן"|

געזאגט אויך קיין ברכה ניט מאכן".

איבז אנ, ס׳ ברכת הנהנין, ז׳ 69.

|1931-1926| " אין שאטן זיינען געזעסן חסידים,געשפילט

2793 אין קארטן לשם׳היסח=הדעת׳".

אפאטאשו, 10, 169.

1963 " ער האט היסח=הדעת. די קולות, די שרייענדיקע מוזיק

2793/1 |...| לאזן זיך אים ניט פארטיפן אין לערנען".

י. פּלאווסקי, פער 38, נ׳ 48, ז׳ 161.

0 בהיסח=הדעת |בעהעסעך=האדאאס| - אדוו. פר.
ניט טראכטנדיק (וועגן דעם), אומגעריכט, פלוצעם.

1888 " |...| פארקערט, דאס וועט אונדז קומען בהיסח=הדעת,
ד"ה, מיר וועלן גאר ניט דענקען דערפון, גראד זיך מיאש ז 2793/2
זיין פון די אלע גוטע זאכן, |...| מיט איין מאל וועט קומען
משיח און וועט דאס אלץ געבן מיט פולע הויפנס".
פער 74, נ' 5, ז' 130 (ביילאגע).

1895 " ער האט געזוכט און געזוכט, נאר אפט מאכט זיך,
אז וואס מע זוכט געפינט מען דווקא נישט! אזוינע זאכן
קומען בהיסח=הדעת, אומגעריכט!".
פרץ, 17, 168.

ה י ס ט אָ ג ע נ ע ז י ס - דער. בא. (ביאל)

דער פראצעס פון שאפן די געוועבן פון ארגאניזם.

524

ה-

ה י ס ט אָ ג ע ב ע ט י ש – אדי. (אנאט) פון געוועב, שייכדיק צו געוועבן, אפשטאמיק פון געוועב.

ה י ס ט אָ ג ר אַ פ י ע   - די, בא. (ביאל) באשרייבונג

פון געוועבן.

ה י ס ט אָ ל אָ ג - דער, =ן. געלערנטער אין היסטאלאגיע.

ה י ס ט אָ ל אָ ג י ע – די, בא. טייל פון אנאטאמיע וואס פארשט דעם בוי און די פונקציעס פון די געוועבן.

1923 " לעווינהוק האט באשאפן דעם ערשטן מיקראסקאפ און ה'האבן אנגעהויבן זיך צו אנטוויקלען באקטעריאלאגיע |...| און היסטאלאגיע, די לערע וועגן דעם בוי פון פארשיידענע געוועבן". 2800

פער 151, נ' 2 – 3.

ה י ס ט אָ ל א ג י ש - אדי. שייכדיק צו היסטאלאגיע.

1930 " אין דעם מעכאניזם פון אימוניטעט זיינען בלתי=ספק

2801 באטייליקט ניט נאר הומאראלע, נייערט אויך היסטאלאגישע

פאקטארן |...|".

פער 70, נ' 3 - 4.

529 ה־

ה י ס ט אָ נ אָ מ י ע - <u>די, בא.</u> <u>בנב.</u> |<u>סטוטש 241</u>|.

ה י ס ט אָ ר אַ ג ר אַ פ י ש – <u>אדי/אדוו.</u> שייכדיק צו היסטאָר

היסאריאגראפיע.

1927 "|...| אט די מיינונג פון דעם דאזיקן <u>היסטאריאגראפישן</u>

אויטאריטעט |...| האבן אן אן אפפרעג אנגענומען כמעט אלע 2818/1

שפעטערדיק געשיכטע=פארשער |...|".

<u>איבז גאלדשמידט, 1, ז' XI–XII</u>.

ה י ס ט אָ ר אָ ז אָ פ י ש - אדי׳אדוו, פּפֿ היסטאָריאָסאפּיש.

1912 " יעדער היסטאריאסאפּיע איז אויפֿגעבויט אויף דעם גלויבן, אַז דער מענטשלעכער גייסט קאָן ריין אביעקטיוו אויסטאָרשן די געזעצן פֿון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג". 2823

זשיטלאָווסקי, 3, 137.

1972 " דער קריטיקער דאַרף דעם לייענער ניט אַריינלייגן קיין פֿינגער אין מויל, דען ער זעט ממילא, ווי ווייט דער דערציילער האָט אָפּגעהיט |...| סײַ דעם פּאַרבאַהאַלטענעם היסטאָריאָזאָפֿישן אָמת פֿון די געשעענישן,|...| סײַ דעם אָפֿענעם פּסיכאָלאָגישן אמת פֿון די נפֿשות |...|".

ד. סדן, פּער 38, נ׳ 76, ז׳ 97.

ה י ס ט אָ ר י אָ ג ר אַ ף - דער, =ן. געלערנטער אין היסטארי[illegible]
היסטאריאגראפיע.

# ה י ס ט אָ ר י אָ ג ר א פ י ע - די, בא.

1. געשיכטע=שרייבונג, היסטאריע.

1932 "די מארקסיסטיש=לעניניסטישע היסטאריאגראפיע וועט
2815 מוזן אויפדעקן |...| דעם קלאסנקאמף אין דער יידישער
סביבה אין אלע היסטארישע פעריאדן".
פער 109.

1954 " ד"ר יצחק שיפער האט א סך מאדערניזירט די יידישע
2812 היסטאריאגראפיע אין פוילן".
ע.וויניק יזב 10, 308.

2. דער כלל היסטארישע ווערק.

היסטאָריאָזאָפיע - **די, בא.** **פפֿ** **היסטאראסאפיע.**

דאס פארשן די געשיכטע פון פילאזאפישן שטאנדפונקט, דאס

זוכן אלגעמיינע געזעצן פון היסטארישער אנטוויקלונג.

1954 " די כעלעמער מעשיות זיינען אין א געוויסן זין |...|

2819 טאקע א מין פירוש צו דער יידישער **היסטאריאזאפיע**".

**י. גאטפארשטיין, יזב 10, 54.**

ה י ס ט אָ ר י אָ ל אָ ג י ע - <u>די, בא. בנב.</u>

<u>סטוטש 381</u>.

ה י ס ט אָ ר י אָ ל אָ ג י ש - אדי/אדוו. בנב.

1946 "היסטאריאלאגישע מעטאדאלאגיע איז בטבע אזא, וואס

2821 דערלאזט גיט קיין לאבאראטארישן צוגאנג |...|".

פער 94, נ' XXVII, ז' 274.

ה-

ה י ס ט אָ ר י אָ ס אָ פ י ע – ----← **היסטאריאזאפיע.**

היסטאָריזם - דער, =ען. דאס פארשן געשעעענישן, פאקטן פון שטאנדפונקט פון דער געשיכטע, די שטרעבונג אפצושפיגלען די היסטארישע אטמאספער.

1917 "|...| ער איז פארבונדן מיט דעם אנאליז פון דעם מארקסיסטישן 'היסטאריזם', וואס לערנט, אז די אמתן זענען נאר אמתן פאר פארשיידנע באגרענעצטע היסטארישע עפאכן". 2824

זשיטלאווסקי, 7, 114.

ה י ס ט א ר י ע – די, =ס. (איך יידיש געניצט זעלטן, פאר אלע באטייטן געניצט ס׳רוב (דאס ווארט געשיכטע).

1. בא. דז געשיכטע, ב׳ 1.

1868 " אויב דו ווילסט עס נאר וויסן, פארשטיין אקוראט,//
2826 גיי דורך דיין היסטאריע, פארפעל ניט א בלאט".
מ. גארדאן, 1,

... " זי די |יידישע| היסטאריע,|...| איך גאנצן איז זי
2827 א שטענדיקע שלעפעניש, אן אייביקע ארומוואגלעניש –
פון אברהם אבינו ביז אצינד".
מענדעלע, דערציילונג, "וואלין".

1921 "|...| לאזן זיי ווייטער מיינען, אז זיי קאמאנדעווען די
2828 היסטאריע |...|".
נ. בירנבוים, 1, 35.

2. דזוו געשיכטע אין ב׳ 2.

1889 " |...| וואס מען רופט אין דער היסטאריע מיט דעם

2832 נאמען מיטלאלטער |...|".

מ. גארדאן, 2, 8.

1911 " |...| און לייענען די אנגעמאכטע געשיכטעס אייערע,

2831 ווי הייסט עס ביי אייך עפעס, היסטאריעס=מיסטארייעס |...|".

מענדעלע, 9, 139.

1971 " דער לערער |...| האט אויך געלערנט מיט זיינע

2830 תלמידים די יידישע היסטאריע |...|".

א. פייוולאוויטש, יזב, 7, 143.

3. דזוו געשיכטע, ב׳ 3.

% ס׳איז כדאי זיך צו באקענען מיט דער היסטאריע פון אט דעם בילד. ער האט באשריבן די היסטאריע פון זיינע וואגלעניש בעת דער מלחמה.

4. דזוו געשיכטע, ב׳ 4.

% ער האט דערציילט אן אמתע היסטאריע, וואס איז געשען טאקע מיט אים אליין.

... " א היסטאריע בנאמנות! א ריינע קאמעדיע!".

2844 שלום=עליכם, 7א, 88.

5. דזוו געשיכטע, ב׳ 5.

% דערצייל מיר ניט קיין פוסטע מעשיות, היסטאריעס.

1865 " |...| דאדורך מוז עס |די מאראל, דער מוסר=השכל|,

2838 איינגעוויקלט זיין אין א היסטאריע, און ווער פארשטאנד האט, קאן זיך דעם מאראל אויסקלויבן".

רוף, 1, 7.

ם **היסטארי(ע).**

------> 2.

1743 " דיא היסטאריע שרייברש, דיא ש רייבן דש ער דורך זיין
קונשט זיך פרייא האט גמאכט אויד זיין(תפיסה)". 2834
שארית ישראל, דף ס"ט.

----> 3.

1718 " דעשנט וועגן וויר יעטצט אין טענדירן // המנש
וואונדרי הישטארי |...| צו רעפרעזענטירן |...|". 2837
אחשורוש=שפיל, ז' 430.

----> 5.

1743 " ווען איינר ווער איין ליב האביר אום קוראנטי אונדר
היסטארים צו לייאנין אז ו זאל ער אין דש (ספר) לייאנן". 2833
יוסיפון, 4, הקדמה.

ה י ס ט א ר י צ י ז ם - דער, בא. דזוו היסטאריזם.

1962 "היסטאריציזם" איז א פעלער, וואס פון אים ליידט

אין א גרויסער מאס די פארשונג, וואס האט צו טאן מיט 2846

גרופעס אין שייכות מיט זייערע טראדיציאנעלע ווערטן".

ש. פישמאן, פער 94, XLII, ז' 47.

ה י ס ט א ר י ק ע ר - דער, =ס/מצ דז. געלערנטער, וואס פארנעמט זיך מיט פארשן געשיכטע, מחבר פון ווערק וועגן היסטאריע.

% עמנואל רינגעלבלום איז געווען דער היסטאריקער פון ווארשעווער געטא.

|1917-1916| " |...| דאן דארף ערשט קומען דער ריכטיקער היסטאריקער פון רוסישן און פוילישן געטא, וואס זאל קענען ארייננדרינגען |...| אין דער נשמה פון דער גר=צדק=לעגענדע". 2849/1

ליטווין, 1.

1933 "|...| די דאזיקע פראגע |האט| אויך נאך ניט באקומען די געהעריקע באארבעטונג מצד די היסטאריקער=מארקסיסטן". 849/2

פער 26, נ' 3-4.

1958 " |...| עס וועלן דערפאר היסטאריקער מיט רעכט זיך

2849/3 גריבלען אין די געשעענישן פון אונדזער יידישער

גענעראציע |...|".

ה י ס ט א ר י ש - אדי/אדוו.

1. וואס געהערט צו דער געשיכטע, וואס איז וויכטיק מחמת דער ראל אין דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אדער פון דער נאטור.

% היסטארישע געשעעניש. היסטארישע געשטאלט.
דער אפמאך האט א היסטארישן באטייט.

1871 " מיט דיזער ערציילונג וואס האנדלט פון איינעם היסטאריש/ פאקט |...|". 2885/1
דיק. 50, 3.

1919 " די פאדערונגען דארפן זיין צוגעפאסט צו דער |...| וויכטיקייט פון דעם היסטארישן מאמענט". 2876/1
זשיטלאווסקי, 9, 139.

1926 " דער היינטיקער טאג איז היסטאריש דערמיט |...| וואס אייראפע וועט באקומען אונדזער אדרעס, כ׳מיין פוילנס אדרעס!" 2876
אפאטאשו, 3, 201.

1970 " דער היסטארישער ווערט פון רינגעלבלומס טאגבוך
2880 באשטייט נישט בלויז אין זיין גרויסן פארנעם |...|".
יזב 15, 659.

2. וואס באנעמט פאקטן, געשעענישן פון שטאנדפונקט פון זייער
אנטוויקלונג, וואס באהאנדלט (באשרייבט, פארשט) די
אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אדער פון דער נאטור.

% היסטארישער מאטעריאליזם. היסטארישער מעטאד.
היסטארישע גראמאטיק. היסטאריש ווערק. היסטארישער ראמאן.
היסטארישער איבערבליק.

1889 " קומט, ליבע ברידער, קומט אהער גיכער,// קומט, לאמיר
2863 עפענען די היסטארישע ביכער!".
י.ל. גארדאן, 1, 31.

1812 "דעם פשט פון דעם ווארט 'היסטאריש' |...| האב איך
2881 אריבערגענומען פון דער העגלשער שול אין דער פילאזאפיע
זשיטלאווסקי, 3, 35.

1935 " דער סינטאקס איז א רעזולטאט פון היסטארישער
2861 אנטוויקלונג און אנטהאלט פארשיידענע אנשיכטונגען".
פער 27, נ׳ 3 - 4.

1947 " די דייטשע היסטאריקערס ווייסן אויף קלאר זייער
2859 פליכט צוצושטעלן די היסטארישע מכשירים פאר דער צענטראלער
פראבלעם פון דער היינטיקער מלחמה |...|".
מ. ווייַנרייך, 5, 90

3. אמאליק, פארצייטיק, פון עבר.

% היסטארישער דענקמאל. היסטארישע קליידונג.
די אויסגראבונגען האבן אויפגעדעקט דאס היסטארישע ירושלים.

1912 " פאר מיר |...| איז יעדער היסטארישע רעליגיע, וואס
2862 ליגט הינטער שפינאזאן, אן איבערגעלעבטע זאך, א שטיק
פון דעם גייסטיקן עבר".
זשיטלאווסקי, 4, 228.

1951 " אין דער <u>היסטארישער</u> ליטע האט זיך געפירט א געראנגל
צווישן די גרעסטע דריי קריסטלעכע וועלט=רעליגיעס |...|".

<u>א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 334</u>.

ה י ס ט א מ י ן - דער, בא. (כעמיע, ביאל) ארגאנישע
פארבינדונג וואס געפינט זיך אין פארשיידענע געוועבן פון
אן ארגאניזם, דער היסטאמין פארגרעסערט דאס אויסטיילן פון
מאגנזאפט, פארשמעלערט די אדערן א"א.

ה י ס ט י ק - |דער?, מצ?| " דאס זעלבע וואס שאבער (לאנדווירטשאפט)".

.............................................................

רעד: דאס ווארט און דער אויסטייטש איז פון א קארטל

וואס פאררופט זיך אויף א "טערם 15" וואס איז

דאס פאר א טערמינאלאגיע?!

.............................................................

(?ב?) ה י ס ט ע - אדי. (דיאל) דזוו יוסטע (חשובע, אנגעזעעגע).

1895 " |...| און אלע ווייבער פליעסקען צו און טאיען

ממש קוקנדיק אויף די צוויי היסטע יראים ושלמים |[illegible] 2886

|וואס טאנצן א קאזאטשקע|".

ליגעצקי, 9, 100.

ה י ס ט ע ר י ט ש ק ע - די, =ס. א פרוי וואס האט א נטיה ארײַנצופאלן אין היסטעריע.

% זי איז א היסטערישקע, א ליאדע וואס הייבט זי אן שרײַען, לאכן און וויינען נאך אנאנד.

ה י ס ט ע ר י ע - די, בא, פּפּ היסטעריקע.

1. (מעד) קרענקלעכע צושטאנד פון די נערוון ביי א מענטשן, דריקט זיך ס'רוב אין פלוצעמדיקן איבערגאנג פון לאכן צו וויינען.

% ארייַנפאלן אין א היסטעריע. קריגן היסטעריקע. ליידן אויף היסטעריע.

1943 " זי איז אויך הייזעריק געווארן, אפט מאל אפילן
ארויס פון די כלים, ארייַנגעפאלן אין היסטעריע". 2891
זינגער, 8, 249.

1968 " יוסטינע האט אנגעהויבן ארייַנפאלן אין היסטעריקע,
זי האט זיך שוין געבראכן די דארע פינגער |...|". 2899
ב. דעמבלין, יזב 2, 671.

2. (פיג) שטארקע צערודערונג, אויפרייץ, אומרו.

% ס׳איז דעמאלט געווען אן אטמאספער פון מלחמה=<u>היסטעריע</u>.

1965 " ווען מיר קומען ארויס מיט פראטעסטן |...| זאלן אונדזערע

2893 פראטעסטן פארמאגן ווערדע און נישט זיין דער רעזולטאט

פון <u>היסטעריע</u> און איבערשרעק".

<u>י. ג(לאטשטיין), פער 28/XI,69.</u>

556 ה-

ה י ס ט ע ר י ק (ע ר ) - דער, =ס. מצ דז. א מענטש וואס האט

א נטיה ארייַנצופאלן אין היסטעריע.

% מיט אט דעם היסטעריקער איז ניט כדאי צו דיסקוטירן, טאמער

עפעס מאכט ער גוואלדעס.

1972 " ביי א היסטעריקער קאן א יאר ווערן צונויפגעפרעסט

2902 צו איין מינוט".

באשעווויס, פער 155, 26VIII!.

ה י ס ט ע ר י ש - אדי/אדוו. וואס איז אן אויסדרוק פון
היסטעריע, וואס איז פאראקטעריסטיש פאר א היסטעריקער".

% היסטערישע געשרייען. א היסטעריש געוויין.
זי לאכט היסטעריש.

1920 |...|האט מען גענומען לאכן,|...| איז אריינגעפאלן דער
שווייצער, האט ער דערזען, אז אלע לאכן אזוי היסטעריש, 2907
האט ער אויך גענומען לאכן".
סעגאלאוויטש, 5, 56.

1936 " אברהם=ישראל קאן נישט הערן נישט דאס לאכן פון
אן אשה און |...| נישט דאס היסטערישע וויינען פון א יידענע", 2903
האראנטשיק, פער 23, 151.

1971 " די אפשאצערס זענען שטארק היסטעריש, בלויז געציילטע
דערוועגן זיך דורכצולאזן א ווארט פון קילער באטראכטונג". 2903/1
י. גלאטשטיין, פער 69, 25/IV.

ה י ס ט ע ר ע ו ו ע ן – <u>אוטנו (שש)</u> אריינפאלן אין היסטעריע,

אויפפירן זיך היסטעריש. זי איז נערוועז, <u>היסטערעוועט</u>,

אט לאכט זי און אט וויינט זי.

1960 " זייך ווייב פארשטייט זיינע | דעם מאנס | מעשים.

2903/2 זי מאכט זיך אבער געפגרט. זי <u>היסטערעוועט</u> ניט און

סקאנדאלעוועט ניט".

<u>ר. סטאר, פער 155, XI/257.</u>

## ה י ס ט ר י אָ ן  -  דער, =ען.

1. אין פארצייטיקן רוים - אן אקטיאר.

2. אין מיטלעלטער - א פראפעסיאנעלער מוזיקאנט, קונצנמאכער, אקראבאט.

ה י ס ט ר י אָ נ י ק  -  די, בא. טעאַטראַלישקייט,

אַקטיאָרישקייט.

1951  "  |...| רעליגיע האָט איר מקור אין עמאָציאָנעלן |...|

2915 אויפברויז, אין שוישפּילערישן אויסדרוק וואָס פליסט

אַרויס פון מענטשלעכן און אַנימאַלישן אינסטינקט פאַר

היסטריאַניק, טעאַטראַלישקייט און ספּעקטאַקל".

א. גאַרדין, פער 166, VIII/17.

ה י ס ט ר י אָ נ י ש  –  אדי/אדור. אקטיאריש, טעאטראליש.

1951 " מיט אזעלכע פרימיטיווע היסטריאנישע קונצן האט

2918 מען זיך משמח געווען אין די לומדישע קרייזן פון די

משכילים".

י. שאצקי, פער 106, 746.

ה י ס י - נאר אין דער פראזע

ד) <u>היסי מיט/און סטריסי</u> - פארשידענע זאכן, זאכן וואס
שטימען נישט, זיינען נישט קיין פאר.

1959 " אין די קאכעניש פון באלטער יאריד האבן זיי
2921 די שדכנים געפרוווטמשדך זיין <u>היסי מיט סטריסי</u>".
<u>י.י. טרונק, פער 68, III/29.</u>

563 ה-

היסיק - דער, =עס. "די ראם פון א טיר(איך שטיבער)"|קטור|,"

ה י ס ל י נ ק ע |אקצענט?| - די, =ס. סארט זויערמילך.

1973 "היסלינקע: דאס איז געווען א מין יאגורט. מ'האט
2926 גענומען א לאדיש, באשמירט מיט סמעטענע, ארייננעגאסן
געקאכטע מילך און געלאזט עס שטיין, ביז ס'איז געווארן געדיכט."
וו. יונין, פער 155, XII/3.

> רעד: לויט דער באשרייבונג איז דאס פשוטער זויערמילך
> כ'האב אבער נישט געהערט, מע זאל דאס קריגל שמירן
> מיט סמעטענע; געוויינלעך טוט מען אריין אין דער
> מילך א ביסל פריערדיקע זויערמילך, ס'זאל פערמענטירן.

ה י ס ן - אוטוו. (דיאל) הוסטן.

... " קוים גיט חנינא |...| א היס, ווערט זי שוין בלאס

2782 ווי דער טויט".

פרץ, דערצ׳"ר׳ חנינא בן דוסא".

|| היסער - דער, =ס. (דיאל) דער וואס הוסט אפט; הוסטער.

היסערין/היסערקע - די, =ס. (דיאל) די וואס הוסט אפט;

הוסטערקע.

1930 " |...| אויף מיין געהייס וועט דער רב אסרן דעם אויוון"-

2931 לויפט די היסערין, דלובעט דאס טייג פון דעם קנעטבעקן

אפיר".

היילער, 1, 59.

566 

17 עך הערש ווי די פליי היסן און די וואנצן ניסן -

(שפאטיש) וועגן איינעם וואס ווייסט (אדער בארימט זיך אז ער ווייסט) אלצדינג וואס ס'קומט ביי עמעצן פאר, פאר וועמען ס'איז ניטא קיין סודות.

(?ב?) ה י ס ק ע - די, בא. (פטמ? פארגרייזט?) עיסקא (פראצענט).

1969 " דער יידן בעט די רייכע מרשעת, וואס פלעגט לייען

2935 געלט אויף 'היסקע' (פראצענט), זי זאל אים אויף דעם

גאלדענעם זייגער לייען א ר"ך (קערבל) מיט א האלבן".

ה. אקערמאן, פער 69, III/8.

(?נ?) ה י ע - אדוו. דזוו הי.

1916 " זילי דער שניידער איז איצטערט היע. ער איז א

2936 שניידער ווי געווען".

שלום=עליכם, 8ב, 134.

רעד: אפשר איז עס געשריבן לויטן אלטן אויסלייג (אשטייגער ווי ליעבע אד"גל) און ס'לייענט זיך פשוט: הי.

ה-

(?נ?) ה י ע ט אָ ל אָ ג י ע-די, בא. |סטוטש 223|. בנב.

(?נ?) ה י ע ט אָ מ ע ט ע ר - דער, =ס. |סטוטש 223|. בנב.

רעד:ביידע טערמינען פיגורירן ניט אין קיין שום

ווערטעביכער, אפילו ניט אין אן ענציקלאפעדיע -

צו וואס דארף מען זיי (ווי א סך אנדערע, וואס סטוטשאוו

גיט זיי אן און האבן ניט הינטער זיך קיין שום מקורות..

ה י ע ן - אדוו. (עלט) אהין.

1866 " האט ער דארט היען געשריבן פון דעם אומשטאנד

מיט זיין טאכטער". 2939

שלעזינגער, 3.

ה י ע נ ע – די, =ס. (זאאל) רויב=חיה (ווסנ

שפייזט זיך דער עיקר מיט נבלות, איז פארשפרייט אין מדבריות און סטעפעס פון די סובטראפישע לענדער.

% געפלעקטע היענע.

1924 " די געשטרייפטע היענע געפינט זיך אין צפון=אפריקע און מערב=אזיע. דער געלגראער קאליר |אירער| באווייזט אז די היענע איז א ביינאכטיקער בעל=חי.
2940
איבז איסע, 1, 13.

1936 " אויף דעם פגר פון לאדזש, זענען ווי די היענעס, ארומגעקראכן די שטייער=באאמטע און געריסן שטייערן |...|".
2944
זינגער, 6, 662.

-ה

573

ה י ע נ ע = ה ו נ ט - דער, = ~ הינט | סטוטש 247 | בנב.

ה י ע ר אָ ג ל י ף - דער, =ן.

1. א צייכן (אות) פון אלט=עגיפטישן שריפט.

1974 " פון א שטיין וואס נאפּאלעאָנס א סאלדאט האט געפונען
2950 אין ראזעטא, האט מען זיך אויסגעלערנט לייענען היעראגליפן".
עלבערג, 2, 381.

2. (פיג) אן אומפארשטענדלעכער אות, א סודותדיקער צייכן/סימן.

1921 " די זון שרייבט א גאנצן טאג// מיט שטראלן=היעראגליפן;//
2949 זי צייכנט אויפן ים א וועג// פאר אלע ווייסע שיפן".
סעגאלאוויטש, 6, 101.

1954 " זיינע ווערטער - פראסט, זיין לשון - קלאר, נישט
2951 קיין היעראגליפן אומפארשטענדלעכע".
מ. ראוויטש, 4, 369.

ה י ע ר אָ ג ל י פ י ק - די, בא. דאס קענטעניש צו לייענען

היעראגליפן (ב׳ 1).

ה י ע ר אָ ג ל י פ י ש - <u>אדי/אדוו</u>. שייכדיק צו היעראגליפן <u>ב׳1</u>.

% <u>היעראגליפישער</u> שריפט.

ה י ע ר א ט י ש  -  אדי/אדוו.

1. כאראקטעריסטיש פאר א קולט, ריטואל, צערעמאניאל (א שטייגער פון רעליגיעזן ריטואל).

2. מאָנומענטאל, פאטעטיש, דערהויבן (ס'רוב וועגן קונסטווערק)

Ⅾ היעראטישער שריפט - אלט=עגיפטישער שריפט איז אנדערש ווי די היעראגליפן, די צייכנס זיינען פשוטער.

1940 " ער האט דארט |...| אויך געפונען א פאר מגילות, געשריבן אין א מערקווירדיקער אומבאקאנטער שריפט - זי האט אויסגעוויזן ווי די שפעטערדיקע |?| עגיפטישע שריפט, די היעראטישע |...|".

קאראלניק, 2, 31.

578 ה-

2ג (<u>פיג</u>) שטאפלונג, מדרגות.

1953 " אין דער היעראַרכיע פון ווערטן מיז - פארן גלייביקן

2962 מענטשן - רעליגיע פארנעמען א סך א העכערן פלאץ ווי דער שטאפ״.

<u>ח. גרינבערג, 1, 258.</u>

ה י ע ר אָ ק ר אַ ט י ע – די, בא. הערשאפט פון כהנים.

ה י ע ר א ר ך - דער, =ן.

1. אין דער גריכיש=קריסטלעכער רעליגיע - דער טיטל פאר א בישאף.

2. הערשער, מושל, אנפירער, עלטסטער.

ה י ע ר אַ ר כ י ע - ד י, =ס.

1. אמטלעכער לייטער, שטאפלונג פון אמטלעכע מדרגות וואס
יעדער איינע איז העכער פון דער אנדערער אין קאמפעטענץ,
אויטאריטעט, מאכט.

1951 " כהנים, לויים, ישרלים - דאס זענען באצייכענונגען
פון דער הירארכיע ביי יידן". 2968
עלבערג, 1, 99.

1959 " די מלחמה און די אלע איבערקערענישן |...| האבן
אין דעם מענטשן |...| אויפגעוועקט א פראטעסט קעגן יעדער 2961
היעראַרכיע, קעגן יעדן אויטאריטעט".
ניגער, 9, 92.

ה י ע ר א ר כ י ש אדי/אדוו. אין הסכם מיט דער היעראַרכיע.

% די פונקציעס פון די באאמטע און זייערע קאמפעטענצן

זיינען היעראַרכישע.

(?נ?) ה י פּ - דער, בא. וװס פון היפּן/היפּען, געניצט צו שאפן

דעם מאמענטאלן אספעקט און הוערב.

% געבן א היפּ. דאס הינדעלע האט געטאן א היפּ.

1936 " |...| ביזקל פון טונקעלער טיפעניש// האבן געטאן

2972 מיר א היפּ |...|".

סוצקעװער, 3, 53.

(?נ?) היפּ‎ם - די. =ן. מין מעסער, געניצט אין גארטן=ארבעט, ביים אראפנעמען ווייַנטרויבן. מה"ד:

|?1689| " מזמכות - די היפּן".

3434 באר משה, יואל, ד - י.

|תי: צווייגמעסער|.

.....................................................

רעד: אין קארטל איז דא, "פּ", אבער ס׳איז מסתמא א טעות פון אויסשרייבער.

.....................................................

הי פּ - דער, =ן. (באַט) באַטייט זען ציטאַטע.

1922 " |...| אַט דורך די קליינע און לייכטע ספאַרן

3167 פאַרמערן זיך די שוועמלעך. זיי ווערן צעטראָגן מיטן ווינט

און צעוואַקסן זיך אין דער ערד אין לאַנגע שטאַרק פאַרצווייגטע

פעדעם, וואָס רופן זיך הייפן און פלעכטן דורך דעם באָדן

ווי א שפּינוועבס, זיי בילדן דאָס שוועמל=געוועב".

איבז א. גאלאמב, 2, 141.

ה י פּ אָ ג ל י ק ע מ י ע – <u>די, בא.</u> (<u>מעד</u>) באטייט – זען ציטאטע.

1951 " דער צושטאנד פון <u>היפאגליקעמיע</u> (ווען דער צוקער
אין בלוט איז אונטער דער פיזיאלאגישער נארמע) רופט 2980
ארויס ביים מענטשן דאס געפיל פון שוואכקייט און
מידקייט".

<u>פער 152, נ׳ 3 – 5.</u>

ה י פּ אָ ג ע נ י ש - אדי. (באַט) בנב.

1865 " |...| אונטער אנדערע זאכן באשרייבט ער |...|

דעם ריזנבוים וואס געהער צו די פילבלומען=בלעטערדיקע

היפאגענישע פלאַנצן און צוואר |אפילו| צו דער פאמיליע

באמבוסן".

פער 177, נ' 16, ז' 244.

ה י פּ אָ ד ע ר מ( י ס ) – דער. בא. (ביאל) ביי בעלי=חיים

פון טיפּ גלידערפיסיקע – דער שיכט פון עפּיטעל, וואס

געפינט זיך דירעקט אונטער דעם כיטין=סקעלעט.

ה י פּ אָ ד ר אָ ם - <u>דער, =ען.</u> פּלאַץ ווו ס׳קומען פאר וועטל
וועטלויפן פון פערד.

(?נ?) ה י פּ אָ ט אַ ל אַ מ ו ס – דער, =ן. (אנאט) טייל פון קאפמארך, גיפינגט זיך אונטער די א"ג אפטישע בערגלעך, פירט אויס א וויכטיקע פונקציע אין שטאפבייט פון ארגאניזם.

1967 " היפאטאלאמוס |...| איז דער וויכטיקסטער טייל פון

2990 צווייש־מוח, קאנטראלירט א גרויסע צאל קערפערלעכע פונקציעס (אפשר אויך גייסטיקע)".

גלען, 1.

ה י פּ אָ ט אָ נ י ע – 1. (ביאָל) אַראָפּגעגנידערטער בלוטדרוק.

2. (פיזיק) קלענערער אַסמאַטישער דרוק פון איין פליסיקייט

לגבי דער צווייטער.

ה י פ אָ ט אָ נ י ק ( ע ר ) - דער. =ס. מענטש וואס ליידט אויף א נידעריקן בלוטדרוק.

1929 " |...| טאנדלער זעט איך באטיטשעליך א מאלער, וועלכער שטעלט פאר היפאטאניקער".

פער 72, 1.

ה י פ אָ ט אָ נ י ש – אדי. שייכדיק צו היפאטאניע.

% היפאטאנישע סימפטאמען.

1929 " |...| דער דאזיקער אויטאר טיילט דעם געבוי פון די מוסקולן אויף דריי קאטעגאריעס: היפאטאניש, נארמאל=טאנישע און היפערטאנישע".

פער 72, 1.

ה י פּ אָ ט אַ ק ס י ס - דער, בא, פּפּ היפּאַטאַקסיע, די,בא.

1. אונטערגעאָרדנטקייט, סובאָרדינאַציע.

1929 " |...| ער קען זיך שוין ניט קעגנשטעלן דער סוגעסטיע

(פון היפּנאָטיסט), דעריבער ווערט די דאָזיקע סטאַדיע 2996

אָנגערופן היפּאַטאַקסיע, ד"ה אונטערגעוואָרפנקייט".

פער 151, נ' 23.

2. (ספּעצ. גראַמ) סובאָרדינאַציע פון זאַצן און צונויפגעזעצטן זאַץ,

(?נ?) ה י פּ אָ ט י ר אָ י ד ו ם - דער, בא. אראפגעגנידערטע פונקציע
פון דער שילדדריז.

597 ה־

(?נ?) ה י פּ אָ ט י ר ע אָ ט י ש – אדי. שייכדיק צו היפאטיראידום.

1930 " די סביבה פון קאסעל צייכנט זיך אויס מיט איר

2999 גרויסן פראצענט פון |...| היפאטירעאטישע קראנקע".

פער 70, נ' 1 – 2.

ה י פּ אָ ט ע ז י ס - ------> __היפּאָטעזע.__

ה י פּ אָ ט ע ז ( ע ) - די, =ס/=ן, פּפּ היפּאַטעזיס.

השערה, הנחה, וואס איז ווארשיינלעך אדער געיטיקט זיך אין

באשטעטיקונג דורך פאקטן, אויספרווו, עקספערימענטן אד"גל.

1912 " מיר מוזן זיין צופרידן דערווײַלע, וואס אין קאמף פון

3011 טעאריען און היפּאטעזן ווערן קריטישער באארבעט די

אנגעזאמלטע פאקטן".

זשיטלאווסקי, 2, 192.

1923 " |...| אט די היפּאטעזן |...| צו וועלכע עס וואלט געווען

3003 געוועזן לעבערלעך אנצוווענדן פארמלען און צאלן - די

היפּאטעזן זען געווארן דער תמצית פון דער פיזיק".

גוטנבוים, 1, 4.

1972 " דאס, וואס האט געהאלטן ביים געשען, איז ניט געווען

3007 קיין ספעקולאציע קיין שפּיל אין היפּאטעזעס און חלומות".

ראזענפארב, 3, 568.

היפּאָטעטיש - אדי/אדוו. געבויט/געשטיצט (נאר) אויף א היפאטעז, ווארשיינלעך אבער ניט אין גאנצן זיכער; השערהדיק.

1912 " |...| אפילו אז איר זאלט אנשטאט פארבן נעמען די
3017 היפאטעטישע עפיר=וואלן |?| וועט איר אויך מאטעמאטיש און דערקענטעניש - טעארעטיש ניט כאפן קיין מציאה".
זשיטלאווסקי, 2. 71.

1953 " עס איז ניט לייכט ארויסצוגעבן א היפאטעטישן
3020 או רטייל, ווי אזוי וואלט א סאציאל=דעמאקראטישע פארטיי געהאנדלט אין שייכות מיט ארגאניזירטער רעליגיע |...|".
ח׳ גרינבערג, 1. 218.

היפּאָטענוז (ע) - די, =ס. אין א גראדווינקלדיקן דריי
דרייעק - די זייט וואס ליגט אנטקעגן גראסן ווינקל.

היפּאָטעק(ע) - די, =ן/=ס.

1. א הלוואה וואס איינער קריגט פון א באנק אדער פון א פריוואטן מענטשן, גאראנטירט מיט א הויז אדער ערד=באזיץ.

% לייען, בארגן אויף א היפאטעק(ע). אויסצאלן די היפאטעק.

דאס הויז האט שוין דריי היפאטעקן אויף זיך.

פארזעצן דאס הויז אויף א היפאטעק.

1908 " איך שטיי אויף דער היפאטעק מיט דרייסיק

טויזנט רובל, מער וויפל ער פארמאגט אין גאנצן". 3028

עפפעלבערג, 1, 11.

1936 " כ'זאל קיין וועקסלען נישט נעמען, |...| דער טאטעשי

וויל א היפאטעק אויף דעם שווערס הויז". 3031

זינגער, 6, 125.

1944 " |...| צוויי מאל פארמשכנט און איינגעטונקט אין חובות
3024 |...| פון אונטערגעשריבענע היפאטעקן און וועקסלען".
שניאור, 8, 184.

2. יורידישע אינסטיטוציע וואס פארזיכערט די רעכט פון א
באזיצער אויף א הויז אדער א באדן=שטח.

1971 " אין דער קאלישער היפאטעק געפינט זיך ביזן היינטיקן
3035/1 א דיקער בוך און אויף זיין רוקן זענען אויפגעשריבן די
פאלגנדע ווערטער |...|".
א. פייוולאוויטש, יזב 7, 28.

0 היפאטעקן=באנק - די ~ בענק. באנק וואס גיט הלוואות
גאראנטירטע מיט א הויז אדער באדן.

1911 " |...| אז זיי וועלן נאך האלטן אין אין שליינגען
3026 |דעם נדן|, ומעגן זיי די ציין |...| אין היפאטעקן=באנק
אריינלייגן".
מוירער, 1, 8.

604 -ה

ה י פ א ט ע ק = ב ו ך - דאס/דער, ~ ביכער. דאקומענטאציע=בוך

אין א ספעציעלער יורידישער אינסטיטוציע, ווו ס'ווערט

איינגעשריבן דאס אייגנטום=רעכט אויף א הויז אדער באדן=באזיץ.

ה י פ ּ אָ ט ע ק י ר ן - טרוו.

1. לייען געלט גאראנטירנדיק דעם חוב מיט א הויז אדער באדן=אייגנטום.

% דאס הויז איז שוין צוויי מאל היפאטעקירט.

2. אריינשרייבן א הויז אדער באדן=באזיץ אין די היפאטעק=ביכער.

ה י פּ אָ ט ע ק ע ר — דער, ־ס/מצ דז. דער וואס לייט עמעצן געלט אויף א היפּאטעק.

607 ה-

ה י פּ אָ ט ר אָ פֿ י ע – די, בא. פארקלענערטער פארנעם פון

אן ארגאן (היפוך פון היפערטראפיע).

ה י פּ א כ א נ ד ע ר י- ----- ← **היפאכאנדריק.**

ה י פּ אָ כ אָ נ ד ר י ע - די, באַ. מצב פון שטאַרקער נערוון=

דעפּרעסיע, דריקט זיך אויס ס'רוב אין גוזמאדיקײט און

כסדרדיקער זאָרג פאַרן אייגענעם געזונט און לעבן; מרה=שחורה.

ה י פ אָ כ אַ נ ד ר י ק (ע ר) – דער, =ס/ מצ דז.

דער וואס ליידט אויף היפּאָכאָנדריע.

... " בכלל איז אזא היפּאָכאָנדריקער זיך סותר אויף יעדן

שריט און טריט ער האלט, למשל, אז קאווע און טיי זענען 3048

זם=המוות פאר געזונט, און א האלבע שעה שפּעטער |...|

גיסט ער אין זיך אריין מיט גרויס התמדה עטלעכע גלעזער

קאווע אדער טיי".

פ. קלינגער, 1, 21.

1924 " אויב די עלטערן האבן מורא פאר יעדער נאס פון קינד,

|...| דארף מען זיך ניט וווּנדערן, וואס דאס קינד הייבט 3049

יך אליין אן צו פילן פאר קראנק, ווערט א היפּאָכאָנדריקער

(מרה=שחורהדיק)".

פער 151, ב' 11.

ה–

611

ה י פ א כ א נ ד ר י ש – <u>אדי/אדוו.</u> (ווי) פון א היפאכאנדריק(ער), ווי אין היפאכאנדריע; מרה= שחורהדיק.

1866 " אונדזער מלמד ר' ראובעלע איז בטבע זייער א גוטער מענטש, אבער צו צאלן איז ער <u>היפאכאנדריש</u>". 3053

<u>אנ, רב חיימל דער קצין, ז' 50.</u>

1929 " אויסער פאראראמטקייט=שגעון קאנען אויך נאך אלערליי <u>היפאכאנדרישע</u> געדאנקען אויפטרעטן: דער קראנקער אנטדעקט ביי זיך אלע ווילע נייע קראנקייטן".

<u>פער 151, נ' 16.</u>

1959 " זיי האבן נאר איין שטריק בשותפות, און דאס איז–די אייביקע, שיער נישט <u>היפאכאנדרישע</u> פארביטערטקייט". 1051

<u>ניגער, 9, 356.</u>

ה י פּ אָ נ א ו ט י ק - <u>די, בא.</u> אונטערוואסער=שיפעריי.

(?)

(?ב?) ה י פ אָ ט ו ל פ י ט - דער, =ן. (כעמיע) שווערבלדיק=
זויערער נאטריום (פארמולע
געניצט אין פאטאגראפיע, פארב=און פאפיר=אויסארבעטונג א"א
|טערמ׳ כעמיע, ווילנע 1921|.

היפּאָסטאַז (יס) – דער, באַ. דאָס פֿאַרהאַלטן זיך פֿון בלוט אין די אונטערשטע קערפּערטיילן (ביי מענטשן וואָס ליידן פֿון אַן אָפּגעשוואַכטער פֿונקציע פֿון האַרץ).

(?נ?) היפּאָסטיל - דער, =ן. (ארכיטעק) געראמער זאל געשטיצט אויף זיילן, קאלאנאדעס (ס'רוב אין דער ארכיטעקטור פון אלטן מיזרח).

(?ב?) ה י פ אָ ס ע ק ר ע צ י ע – די, בא. פארקלענערטע אויסשיידונג

פון א געוויסער דריז.

ה י פ אָ פּ אָ ט אַ ם – דער, =ען. זויג=בעל=חי פון דער משפחה מיטן זעלבן נאמען)

חאט א גרויס, דיקן גוף, א גרויסן פירקאנטיקן קאפ, קורצע דיקע פיס, א גלאטע פעל, איז צוג׳יפאסט צו וואסער=בשהדיקן שטייגער=לעבן, לעבט אין אפריקע.

1910 " |...| ארומקריכנדיק אין וואסער מיט אירע עטלעכע פונט בשר כשר, האט זי אויסגעזען ווי א היפאפאטאמוס". 3066/1

מ. ראזענפעלד, 6, 134.

1958 " |...| ניט אזוי פירט מאסקווע פאליטיק. ווו: זי דארף קען זי זיך בוקן פאר א פליג און ארונטערשלינגען א היפאפאטאם". 3066

ם אפיפטמי.

1668 " |...| דא לופן אויש דער בך דער זעלביגן בויזי ווילדי

3067 טיר דיא מן נענט (אפיפטמי) אונ׳ זיא טויטן פון אינן

פיר אונ׳ פירציג מאן".

<u>יוסיפון, 3, דף ג"ד.</u>

הי פּ אָ פּ י ז (יס) - דער, =ן. ביי מענטשן און שדרהדיקע בעלי=חיים. - א דריז וואס געפינט זיך אין דער באזע פון קאפּמארק, פירט אויס א וויכטיקע פונקציע אין שטאפבייט, ווירקט אויף דעם וווּקס און אנטוויקלונג פון ארגאניזם.

1927 " די גיל פון אינעווייניקסטער סעקרעציע |...| און וואס
3074 ווערט אנגערופן היפּאָפּיז אדער מארכצוגאב, געפינט זיך אונטן אין קאפּמארק".

בערלס, 1, 128.

1939 " |...| אויסער די צוויי |...| דריזן, האבן אויך א
3076 ווירקונג אויף דעם ענערגיע=פארברויך געוויסע טיילן פון מוח. דאס זיינען דער אזוי גערופענער היפּאָפּיז און דער |...| היפּאטאלאמוס".

פער 151, נ׳ 1.

(?נ?) ה י פּ אָ פ י ט ו אַ ר י ז ם – דער, בא. (מעד) קרענקלעכער מצב, ארויסגערופן דורך דער אומגענוגנדיקער סעקרעציע פון דעם היפאפיזיס.

621 ה–

ה י פ אָ פ ל אַ ז י ע – די, בא. (אנאט) אומפולע אנטוויקלונג פון א געוועב אדער אן ארגאַן.

(?נ?) ה י פּ אָ פֿ אָ ס פֿ י ט - דער, =ן. (בעמיע) זאלץ פון פאספארארטיקן זייערס.

ה י פ אָ פ ו נ ק צ י ע – <u>די, בא.</u> פארקלענערטע פונקציע פון אן ארגאן.

(?ב?) ה י פ אָ פ ל י ט - דער, =ן. בנב.

1952 " |...| א יונגן טענצער און געלט=אויסברענגער

3057 היפאפליט |...|, וועלכע האבן ניט קיין חשק צו צו דינען

אין מיליטער".

שניאור, 12, 18.

רעד: אפשר היפאפליט? היפאַפליט? - אבער דאס איז

אויך תרגום=לשון... זען טעקסט ברייטער.

(?נ?) ה י פּ אָ צ י ק ל אָ יִ ד ( ע ) - <u>די, =ס.</u> |<u>סטוטש 54</u>|.

(<u>געאמ</u>) בנב.

ה י פ אָ צ ע נ ט ע ר – דער, =ן. דער צענטראלער פונקט
פון אן ערדציטערניש אין דער טיף פון דער ערד קארע.

627 ה-

(?נ?) היפאָקאמפּ (ר ס) - דער, =ן. (זאאל) זגאל פון
ים=פערדלעך.

1960 " |...| זייער אויסטערלישע פישעלעך, וואס זעען אויס
3081 ווי קליינע איינפּוסיקע פערדלעך און וועלכע רופן זיך
טאקע 'היפּאקאמפּן' |...|".
א. יאקובזאן, פער 155, !X/20.

(?נ?) ה י פ אָ ק ר א ט י ז ם - דער, בא. |סטוטש 427|.

629 ה-

(?נ?) ה י פ ּא ק ר א ט ס ה א ל ב ע ל ב נ ה ל ע ך - (געאמ) בנב.

|טערמ׳ געאמעטריע, ווילנע, 1921|.

ה י פ אָ ק(א ט ע ס = ש ב ו ע ה - די, בא.

א שבעה, וואס א דאקטאר גיט אפ אנהייבנדיק זיין קאריערע, אז ער וועט היילן געטריי יעדן מענטשן. אויפן נאמען פון בארימטן גריכישן רופא היפאקראטעס (377 - 460 פק"ר).

1961 " |...| ער האט קיין מאל ניט פארבראכן די היפאקראטעס= שבועה". 3087

באשעוויס, פער 38, ג׳ 42, ז׳ 28.

**ה** י פ אָ ק ר א ס – דער, בא |?|. "וויינמעד"|מארק ווב 1453|.

---

רעד: מארק טייטשט עס פון פוילישן

"אין פויל׳ אקאדי ווב ניטא אזא ווארט אין ערגעץ

אויך ניט געפינען דאס ווארט היפאקראס".

מעגלעך פון ,ד"ה שיטערער האניק.

---

ה י פ אָ ק ר י ז י ע – די, בא. צווייפנימדיקייט, פאלשקייט; צביעות.

1958 "...| איך האב לגמרי ניט קיין מורא פאר דעם פארווורף

3091 פון היפאקריזיע |...|".

א. גאלאמב, פער 38, נ' 31, ז' 81.

ה י פ אָ ק ר י ט – דער, =ן. א פאלשער, צווייפּנימדיקער מענטש; צבועק.

1907 " |...| איר אליין זאלט זיין איבערצייגט, אז איר זענט
3095 נישט קיין היפאקריט".
שלום=עליכם, 32, 191.

|1926–1931| " אלע ארום קוקן אויף די בחורים, ווי אויף
3078 אידעאליסטן כ׳בין פונקט אזא איגעאליסט ווי יעדער פון
זיי. אלא מה? זיי זענען פאלש, איינס באיינס היפאקריטן".
אפאטאשו, 7, 24.

1960 " האנס שטילער געראנגל מיט זיין סביבה, דער סביבה פון
3097 היפאקריטן און רוצחים, איז א טייל פון אט דעם געראנגל
פון גוטן קעגן שלעכטן".
ניגער, 10, 238.

היפאָקריטיש - אדי/אדוו. צווייפנימדיק, פאלש, צביעותדיק.

1971 " אין די אלע קאמוניסטישע פארטייען ווייסט מען זייער

3099 גוט, ווי היפאקריטיש עס איז דער גאנצער אנשטעל פון

ארויסגעוויזענעם רחמנות צו די צוויי צום טויט פארמישפטע [...]"

י. ג(לאטשטיין), פער 68, ז/8.

ה י פ אָ ק ר י ט ס ט ו ע - די, בא. צוויי־פּנימדיקייט, פאלשקייט; צביעות.

1930 " |...| יענע פארשטעלטקייט, וואס פירט צו אקרענקלעכער היפאקריטסטווע". 3101

איינהארן, 7, 41.

היפּוינקל - דער, =ען. |סטוטש 54|.

(געאמ) בנב.

ה י פּ ו ך |היפער/אייפער| - דער, =ים. היפוכים/הייפוכים|.

פּפּ היפך |הייפער|, מצ הפכים|באפאכים|.

דאס פארקערטע, דאס קאפויערידקע, קעגנשטעליג, געגנזאץ, קאנטראסט.

% זאגן דעם היפוך. באווייזן דעם היפוך. דאס איז פונקט דער היפוך פון דעם וואס ער האט געמיינט. דער בחור איז אן עקשן, וואס מע זאגט אים, מוז ער זאגן דעם היפוך.

1902 " ניט קוקנדיק וואס יאזעפ איז געווען א פראסטער|גוי| ניט קיין געלערנטער,|...| האט ער דאך אן ענלעכקייט 3104 צו איינעם מחסידי אומות העולם יא געהאט |...|, די יאזעפיבע איז געווען דער היפוך פון אים זי איז געווען אן אמתע אנטיסעמיטיכע |...|".

רייזען, 2, 38.

1917 " נאציאנאליזם און אינטערנאציאנאליזם זענען ניט קיין

3127 הִיפּוּכים, נאר אדרבא, זיי דערגאנצן איינער דעם אנדערן".

זשיטלאווסקי, 7, 155|185?|.

1928 " ס׳איז ניטא קיין איין מיינונג, וואס עס זאל נישט

3111 זיין לייכט אים אנטקעגנצושטעלן א מיינונג, וועלכע איז

פונקט דער הִיפּוּך פון איר".

ציט ניגער, 4, 385.

1974 " לאה האט דערזען, אז מיט די הארבע רייד האט זי

3114 דערגרייכט דעם הִיפּוּך פון וואס זי האט געוואלט".

עלבערג, 2, 369.

0 אין הִיפּוּך - אדוו פר. פארקערט, קאפויער, קעגנשטעלט;

להיפּוך/להיפך.

% טאן (באשליסן, באשטימען) אין היפּוך צו...

ס'איז א היפוך ווי פון טאג צו נאכט – ס'איז א גרויסער אונטערשייד, ס'איז פונקט פארקערט.

ם
היפוך =ים.

1711 " |...| אבער דער רשע איז אייטל (היפוכים) פון דען
3143 אל זיין מדות דיא זיין היפוכים פון דעם צדיק".
צאינה וראינה, 3, דף קמ"ה.

ה י פֿ ו כ ד י ק |היפּוכדיק| – אדי/אדוו, פּפֿ היפּכדיק.

מיינונגען, טעאריעס.

1923 " א יונגערמאן |...| מאכט א היפּוכדיקן פעלער פון

3132 דעם וואס האט געטאן דער ערשטער אנפרעגער".

פער 151, נ' 11.

... " זייגערלעך, וואס גייען, טיקן, זיגן // אין היפּוכדיקן

3124 ריטעם.

סוצקעווער, 4, 155.

ה י פּ ט ל - דאס, =ען. (דיאל) דזוו הייפּטל.

... " היפּטל קרויט".

3137 שלום=עליכם, 7א, 183.

רעד: פארברייטערן די ציטאטע!

1924 " ... |...| אזוי, למשל, אין קעפּל, אדער היפּטל קרויט,

3144 באשטייען די קעפּלעך פון גראבע אויף אנאנד ליגנדיקע בלעטער|...|".

איבז א. גאלאמב, 1, 25.

1964 " דאכט זיך, ניט מער ווי קרויט... פּרווו נאר

3138 פארזעצן עס ביים פּלויט, עס וועט דיר קיין היפּטל

ניט ווערן!".

י. שיין, 1, 167.

היפּי - דער, =ס. (אמ) איינער פון דער מחנה יוגנטלעכע, וואס האבן זיך באוויזן אין די 50 - 60 יארן פון XX י"ה. אין די פאר שטאטן פון צפון=אמעריקע, זיי האבן מיט זייער פרייען און פשוטן שטייגער=לעבן און אפגעלאזענעם הילעך ארויסגעבראכט דעם פראטעסט קעגן דעם "עסטאבלישמענט", קעגן דער קליינבירגערלעכער צביעות און יאגן זיך נאך מאטעריאלע ווויל[illegible]יין.

% א לאנגהאריקער היפּי. א חברה היפּיס וואנדערעוועט איבער לאנד,

1971 " ער האט אבער אויך נישט דעם חשק פון וואגאבונדערן |...| דורך ווערן א היפּי". 3145

מ. מאן, פער 166, !!/1.

1973 " איך בין אליין איצטער מלך // שני=למלך ביי די היפּיס". 3146

י. פרידמאן, פער 38, נ' 78, ז' 5.

ה י פּ ך |הייפעך/הייפֿעך| - יים |האפאכים|. דזוו היפוך.

1848 " |...| דאש זעניך דער היפך פון דעם אלים וואש פריר
3126 איז גישטאנין".
חובות הלבבות, 3, 8.

... " יעדער איינער ווייזט זיך ארויס אין אזוינע געפילן,
3120 וואס זענען א היפך איינער פון צווייטן, ניטא אין מיר
קיין איינציקער גדאנק, קיין איינציקע אייגנשאפט, וואס
ס'זאל ניט זיין נעבן איר אן אנדערע, א פארקערטע".
מענדעלע, "בישיבה של מטה", ציט אויסג 1911.ז'28.

1907 " |...| פינקט דער היפך פון זיין פריינד יודל קטנתי".
3122 שלום=עליכם, 18, 13.

1957 " דאכט זיך אש ס'איז נישטא נאך אזעלכע שני הפכים,
3119/1 שרייענדיקע קאנראסטן, ווי טיפע אבילות, טיפער נאציאנאלער
טרויער און... פייערונג!".
י. ריבקינד, פער 90, נ' XV!! - 1, ז' 13.

ה–

0 להיפך |לעהייפעך| – אדוו. פארקערט, קאפויער, קעגנגעשטעלט.

% להיפך צו |...|. ער האט ניט פארשפעקטיקט, להיפך, ער איז געקומען צו פרי.

ה י פּ כ ד י ק |הייפּעכדיק/ הייפֿעכדיק| - ----> דזוו היפּוכדיק.

ה י פֿ כ ד י ק יי ט – <u>די, בא.</u> |<u>סטוטש 11</u>| .פארקערטקייט, קאפויערדיקייט, קעגנשטעלקייט.

ה י פ ל - <u>דער, =ען. בנב.</u>

... " וואס זשע זינגט זיך איצט פון טיפן,//ווו. דיין אטעם

3148 שוועבט ווי היפל |?|, // וווהיין עס ריזלען און טריפן//

יעדער ריר פון דיינע ליפן?".

<u>האפשטיין, ליד "וואלקנס".</u>

..........................................................

<u>רעד:</u> אין קארטל איז נאך אנגעגעבן "געבליבענע שריפטן"

ז' 104. אין די ביבליאגראפיעס ניטא אזא בוך.

..........................................................

ה י פ ל ע ן - אוטוו. דזוו היפן/היפערן.

ה י פ ן – 1. אוטוו. מאכן קליינע שפרונגען , באוועגן זיך
פארויס מיט קליינע שפרונגען אונטערשפרינגען.

% די הינדעלעך <u>היפן</u> איבערן הויף. דאס פייגעלע <u>היפט</u>
פון איין צווייג אויף דער אנדערער.

|אנהייב X!X | " |...| ביים טייכל גלאנצן,// <u>היפן</u> און
טאנצן,// ווי זילבער שיינע פאליעס,// דארטן געזעסן,// 3152
מעג מען פארגעסן// די שטעט מיט זייערע סאליעס".
<u>עטינגער, 3, 41.</u>

1869 " |...| ער |דער בעטלער| <u>היפט</u> אויף א קוליע|<u>טעקסט</u>:<u>קיל</u>|,
(ער מעג האבן א געזונטן פוס, ער ווייזט א קרומע האנט, 3157
ער מאכט זיך שטום |...|".
<u>יוסף גאלדענפאדען, פער 177, נ' 18, ז' 126.</u>

1936 " א קאטאריגשטשיק, ווי א פורים=נאר// גרימפלט

3153 אויף זייך אינסטרומענט,// און א קאסאקער געלער פאפוגיי//

היפּט אויף זיינע ביינערדיקע הענט".

סוצקעווער, 3, 61.

1964 " |...| גלייך ווי א סארנע געשפרונגען,// געהיפּט

איבער פעלדזן און סקאלעס".

מאניק, 2, 84.

2. (פיג) איבערהיפערן, דורכלאזן (ביים לייענען, ביים ציילן אד״ג).

1848 " גאט האט גיטרעטין אין האט גיהויפּט איבר דר צייט

3162 צו אויש לייזין מיך בזכות אברהם".

איבז אנ, מחזור 3, תפלת טל.

1949 " |...| גיכער היפּן די ווייטערדיקע באשרייבונגען".

3163 שניאור, 11, 184.

ה-

17 מה=שנא געהיפט, מה=שנא געשפרונגן (קדושה) |סטוטש 619 | -בנב.

ם

הופן. מה"ד:

.2 ←----

1713 " ער האט געך טאן שרייטן און' האט גיהופט איבר

3154 דיא צייט צו דער ליזן מיך".

מחזור, 1, דף קכ"ו.

ה י פ נ אָ ז – דער, בא. מצב וואס איז ווי א טיפער שלאף, ארויסגערופן דורך סוגעסטיע.

% געפינען זיך(ווי) אין היפנאז. ארייגפאלן אין היפנאז. היילן דורך היפנאז.

1951 " |...| קיין ווו-גדער ניט |...| וואס ד"ר עליאשעוו היילט נערוון=קראנקע דורך היפנאז |...|". 3170

א. שטיינבערג, פער 106, 401.

1970 " די אימה פאר די רוצחים איז געווען ווי א היפנאז פון א מוראדיקן באַא קאנסטריקטאר". 3171

יזב 15, 790.

(?נ?) ה י פּ נ אָ ט – |דער?|, =ן. בנב.

1935 " |...| היפּנאָט פון ווײַב, עקסטאַז פון ווײַן |...|".

3183 מ. דייטש, 1, 135.

רעד: אויף א ין קארטל איז היפּנאַט, אויף א צווייטן פון זעלבן מחבר היפּנאָט – ביידע זענען מסתמא אויסגעטראכטע ווערטער.

-ה

ה י פ נ א ט י ז א צ י ע - די, בא. אקט פון היפנאטיזירן.

היפּנאָטיזאָר – דער, =ן. דער וואס היפּנאָטיזירט, וואס קען היפּנאָטיזירן.

1927 "ווען דער אקטיאר |...| שפּילט א שיכור |...| אדער א מערדער, דארף ער בעטן א היפּנאָטיזער, אז ער זאל אים ארייַנפּלעקלען אין קאפּ א געדאנק צו דערשטעכן זייַן פּארטנער".

מוקדוני, 1, 72.

הי פ נ אַ ט י ז י ר ן - טרוו. ארייַנברענגען עמעצן

איך היפּנאָז.

% דער דאָקטאָר האָט היפּנאָטיזירט דעם קראַנקן.

1932 " צוויי פּאָר אויגן |...| האָבן אַ לייכט געטאָן אײַנס

3173 אין אַנדערן, אַ ברי געטאָן |...| און פאַרגליווערט געוואָרן,

ווי היפּנאָטיזירט".

זינגער, 5א, 69.

1956 " ער היפּנאָטיזירט זי מיט דער שטאַרקייט פון זײַנע

3180 בליקן |...|".

דלוזשנאָווסקי, 1, 226.

657 ה־

ה י פּ נ אָ ט י ז י ר ע ר - דער, =ס/מצ דז.

דער וואס היפנאטיזירט, קען היפנאטיזירן.

% דער פּסיכיאַטער איז אויך אַ גוטער היפּנאַטיזירער.

# היפּנאָטיזם - דער, בא.

1. די לערע וועגן היפּנאָז.

2. צוזאמענשטעל פון דערשיינונגען, וואס זענען פארבונדן
מיט היפנאז/מיט היפנאטיזירן.

1961 " היפנאטיזם און אמנעזיע גייען אפט האנט ביי האנט".

3176 צ. סעגאל, פער 155, XI/17.

1970 " |...| די פאציענטן זענען געהאט געקומען צו מיר

3174 מיט א גלויבן, וואס ער אליין האט מיט זיך פארגעשטעלט
די רפואה אזוי ווי איך האב זיי ארומגעטאפט, האב איך
זיי מעסמעריזירט. |...| אבער ס׳איז נישט געווען דערין
בלויז מעסמעריזם אדער היפנאטיזם".

באשעוויס, פער 155, XII/26.

ה י פ נ אָ ט י ק <u>I</u> – <u>די, בא.</u> די לערע וועגן היפנאז.

ה י פ נ א ט י ק(ע ר)!! – דער, =ס. דער וואס איז אין מצב פון היפנאז, וואס קען היפנאטיזירט ווערן.

היפנאָטיש - אדי. שייכדיק צו היפנאז, וואס איז גורם היפנאז, אונטער דער השפעה פון היפנאז.

% היפנאטישער שלאף. דער פסיכיאטער ווענדט אויך אן היפנאטישע מיטלען.

1926 " |...| לייגט אוועק די הונט אויפן רוקן, האלט זי

3191 עטוואס צו מיט דער האנט. ווען די הונט וועט אריינפאלן אין

וועט אריינפאלן אין א היפנאטישן צושטאנד, נעמט צו די

האנט |...|".

יאכינסאן, 2, 254.

1956 " די מוזיק איז היפנאטיש |...|".

3189 גלאטשטיין, 1, 135.

1966 " ווערטער האבן א היפנאטישע ווירקונג, אבער בלויז

3192 דאמאלט, ווען מען באנוצט זיי אויפן געהעריקן ארט".

באשעוויס, פער 155, VII/10.

ה י פּ נ אָ ט ע ר אַ פ י ע – <u>די, בא.</u> פסיכאטעראפיע מיט

דער הילף פון היפנאז.

ה י פּ ס – וואָס פֿון היפּסען. א שפּרונג.

1955 "|...| ארויסגעשפּרונגען די קאַץ און מיט א פֿלינקן

3195 היפּס איז זי באַלד געזעסן אויבן אָן".

שפּיגל, 3, 12.

ה י פּ ס אָ מ ע ט ע ר - דער, =ס. (געאגר) מכשיר צו מעסטן די הייך פון א העכערן שטח, רעלאטיוו צום ים=שפּיגל.

ה י פּ ס אָ מ ע ט ר י ע – די, בא. דער טייל פון געאדעזיע, וואס פארנעמט זיך מיט באשטימען די הייך פון די ערטער רעלאטיוו צום ים=שפיגל. און ארויפשרייבן זיי מיט די געהעריקע סימנים אויף א מאפע.

ה י פּ ס ל ע ן - <u>אוטור.</u> דזוו האפסלען (שפרינגען,
אונטערשפרינגען, אונטערטאנצן).

... " אלע ווייבער |...| <u>היפסלען</u> נאך דער ציגיינערין
3197 אין א רעדלטאנץ".

<u>קאציזנע, 4ג, 257.</u>

ה י פּ ס ע ן - אוטוו. דזוו האפּסען/האפּסלען(שפּרינגען,
אונטערשפּרינגען)

1949 "פּישטשענדיקע שפּערלינגען האבן געהיפּסעט ארום זייַנע
3198 פּיס".

זינגער, 9, 312.

ה י פ ע I – די, =ס. (עלט? דיאל?) א יופע, א יופיצע,
א לאנג קליידל.

... " |...| א פארשטעלט משרתל איז א היפע מיט א שטערנטיכל
3203 איז געווען אסתר, א בייגל=טרעגער איז א בינדע מיט א
צאפ – ושתי |...|".
לינעצקי.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש. אין קארטל ניט
אנגעגעבן, פון וועלכן ווערק ס׳איז די ציטאטע.

ה י פּ ע II - די, =ס. בנב.

1931די, "ס׳איז דאס לעבן ביטער זיי, ס׳איז דאס לעבן פריקרע,-//

3199 זוכן זיי דערטרינקען עס אין היפּע און אין שיכרות".

פּיינבערג, 2, 43.

רעד: ס׳קען זיין, אז ער מיינט דא "אין היפּען" - אין שפּרינגען, טאנצן. זען א ברייטערן קאנטעקסט!

ה-
670

ה י פּ ע !!! - די, =ס. בנב.

1934 " |...| דערקייקלט זיך צום // אינסטיטוט פון איידעלע

3200 מיידן׳ - // א בלוטיקע, פארקנוילטע היפּע".

פינינבערג, 3, 92.

רעד: מיינט מען דא היפע = יופע, יופיצע, א לאנג ברייט

קליידל? - זען אברייטערן קאנטעקסט!

ה-

671 ה י פֿ ע ד י ק - אדי. וואס היפעט, שפרינגט (אונטער).

"1966 בערגער איז א קליינער, א היפעדיקער, ווי א וועווריק".

3204 נאדיר, 13, 99.

ה י פּ ע ן - אוטוו. דזוו היפן.

1870 " איך וואלין |...| קען מען זיין א פייערדיקער חסיד,

3207 כאטש מען קען ניט כמעט קיין עברי, אבי מע פליעסקעט

און היפעט ביים דאווגען".

ארז, פער 177, נ׳ 9, ז׳ 27.

1912 " |...| דער יצר=הרע היצט, היפעט און גיט אונטער דעם

3208 חשק |...|".

מענדעלע, 24, 64.

1937 " עס האט דער פלאמעדיקער ׳מעם׳// געהיפעט אויף

3209 א גהנעם פיסל |...|".

מאלאדאווסקי, 7, ליד " אותיות".

1966 " |...| האט זיך א באוועג געטאן עפעס טונקלס, געהיפעט

3206 אויף צוויי פיסלעך".

שפיגל, 4, 37.

ה י פ̊ ע ר - דער, =ס. בנב.

1939 " די קרינאלינעס, - // מיט היפערס און מיט אטלעס

3212 און מיט בענדער".

שומיאטשער, 3, 131.

היפּער = ... - פרעפיקס קומט פאר א סך ווערטער און גיט

צו די באטייטן: מער, צו פיל, איבער,גוזמאדיק, עודף.

% היפערפראדוקציע = איבערפראדוקציע; היפערקריטיש=גוזמאדיק

קריטיש.

ה־

675 (?נ?) היפּעראַלגעזיע - <u>די, בא.</u> (<u>מעד</u>) צו גרויסע שפּירעוודיקייט אויף ווייטיקן.

(?נ?) ה י פ ע ר א ל ג ע ט י ש - אדי. וואס ליידט אויף היפעראלגעזיע.

% היפעראלגעטישער פאציענט

(?נ?) ה י פ ע ר א צ י ד י ט ע ט - די, בא. איבערמאסיקער סכום זייערס אין מאגן.

(?נ?) ה י פ̇ ע ר א̱ ק ו ס י ע - די, בא. איבערמאסיקע שפירעוודיקייט אויף קלאנגען.

ה י פ ע ר א ק ט י ו - אדי/אדוו. צו פיל/גוזמאדיק אקטיוו.

1974 "רהינגעלגם - דער מוטיקער, דער היפעראקטיווער,

3222 האט כסדר אפגעלייגט זיין ארויסגיין פון בונקער".

ר. אויערבאך, 2, 211.

ה-

היפּעראַקטיוויִטעט — די, באַ. איבערמאסיקע,

גוזמאדיקע אקטיוויקייט.

ה-

681

היפּערבאָל (ע) - פּפּ |?| היפּערבל |סטוטש 374|.

1. סטילימסטישער אויסדרוק, וואס באשטייט אין גוזמאדיק גרעסער, בולטער מאכן עפּעס (למשל: ס'האבן געוונען פון אים טייכן שווייס).

% פּאעטן ניצן אפט היפּערבאלעס אין זייערע באשרייבונגען.

2. (מאט) דאס געאמעטרישע ארט פון די פונקטן אין אן אייבערפלאך, פאר וועלכע די דיפערענץ פון די דיסטאַנצן פון צוויי פאָקוס איז א באַשטענדיקע גרייס.

ה י פ ע ר ב אָ ל אָ י ד - דער, =ן. (מאט) די אייבערפלאך פון צווייטער מדרגה, געשאפן דורך דעם אומקרייז פון א היפערבאלע ארום איין אקס.

ה י פּ ע ר ב אָ ל י ז ם - <u>דער, בא.</u> באַניצן זיך מיט היפּער באַלעס <u>(ב׳ 1)</u>. נייגונג צו אַזאַ באַניץ, גוזמאַדיקייט, איבערטרייבונג.

684 ה-

ה י פ̀ ע ר ב אָ ל י ז י ר ן - טרוו. אויסדריקן זיך מיט דער
הילף פון היפערבאלעס (ב׳ 1), איבערטרייבן, דערציילן/
באשרייבן גוזמאדיק, מאכן גרעסער די זאך ווי זי איז.

1964 " |...| זאל זיין, בערגעלסאן האט מגזם געווען
3260 (ווידוי איז תמיד מגזם, היפערבאליזירט די אייגענע זינד)".
י. שטערנבערג, פער 131, נ׳ 4, ז׳ 16.

ה י פּ ע ר ב אָ ל י ק - די, בא. דזוו היפערבאליזם.

1958 " ד"ר מוקדוני |...| שרעקט זיך |...| ווייניק פאַר 3262

דער היפערבאליק פון בילד און ווארט".

ביקל 1, 217.

ה י פ ע ר ב אָ ל י ש - אדי/אדוו.

1. איבערמאסיק, גוזמאדיק, איבערגעריבן.

1964 " |...| אט דאס זענען שטארק היפערבאלישע שילדערונגען

3253 פון מענטשלעכן צושטאנד".

יוסף שיין, 1, 178.

2. שייכדיק צו היפערבאלע, ב' 2.

% היפערבאלישע ליניע.

ה י פ ּ ע ר ב אָ ר ע ׳ י ( ע ר ) - דער, =ער. לויט די אלט=גריכישע לעגענדעס - די איינוווינער פון ווייטן צפון.

688 ה–

היפּערוויטאַמינאָז (יס) - דער, באַ.

איבערמאסיקער, געהעכערטער סכום פון וויטאמינען אין ארגאניזם.

1950 " |...| מיר האבן צו טאן מיט א נייער קראנקייט, וואס שטאמט פון איבערוויטאמינירן דעם ארגאניזם, פון היפערוויטא־ 3266
-מינאזן 'ד'".

פער 152, נ' 11 - 12.

ה י פּ ע ר ט אָ נ י ע - די, בא. (פּיזאל) .

1. געהעכרטער בלוטדרוק אין די ארטעריעס.

2. פארגרעסערטע שפאנונג פון די מוסקולן אין אויגאפל.

ה י פּ ע ר ט אָ נ י ש - אדי. (פיזיאל) שייכדיק צו היפערטאניע.

% היפערטאנישע סימפטאמען.

ה י פ ע ר ט י ר אָ י ד י ז ם - דער, בא. (מעד)איבערמאסיקע

פונקציע פון דער שילדדריז.

# היפערטראפיע – די, בא.

1. (<u>פיזאל</u>) איבערמאסיקע פארגרעסערונג פון אן ארגאן.

% אטלעטן זענען אויסגעשטעלט אויף מיגלעכער <u>היפערטראפיע</u>
פון געוויסע מוסקולן.

1929 " ביי קראנקע מיט <u>היפערטראפיע</u> ציט זי |די טראכאמע|
זיך אויס אין דער פארעם פון א ראזן |?| אדער רויטן 3269
|...| וואליק.
<u>פער, 70, נ׳ 12.</u>

2. (<u>פיג</u>)איבערמאסיקייט, גוזמאדיקייט,איבערטרייבונג.

% דער יונגערמאן ליידט אויף <u>היפערטראפיע</u> פון אמביציעס.

193... "אונדזער צייט איז קראנק אויף געזונטהייט,<u>היפערטראפיע</u>
פון געזונטי אלע זענען קראנק דערויף". 3267
<u>י.מ. ניימאן, 2, 68.</u>

693 ה־

היפערטראָפּירט – אדי/אדוו. איבערמאסיק פארגרעסערט, צעוואקסן (וועגן אן ארגאן, א געוועב אין ארגאניזם).

1924 " דאס הארץ ווערט גרעסער און ברייטער, דער מוסקול ווערט היפערטראפירט". 3270

פער 151, נ׳ 6.

694 ה-

ה י פ ע ר י אָ ן - דער, באַ(אסטר) איינער פון די סאַטעליטן

(לבנות). |סטוטש 203|.

ה י פּ ע ר מ אָ ד ע ר ן - אדי/אדוו. (איר) זייער מאדערן,

צו פיל גוזמאדיק מאדערן.

1961 " א בחור, וואס האט אנגעהויבן זיין קאריערע מיט

3223 היפערמאדערנער דיכטונג |...|".

י.י. טרונק, פער 69, ד/28.

(?נ?) ה י פ ע ר מ ע ט ע ר - דער, |=ס?|. בנב. |סטוטש 382|.

(?נ?) ה י פ ּ ע ר מ ע ט ר אָ פ י ע - <u>די, בא.</u> מין אויגן=קראנקייט

.|<u>סטוטש 420</u>|

(?נ?) ה י פ ע ר מ ע ט ר י ש - אדי.בנב |סטוטש 382|.

ה י פ ע ר ן -

1. אוטוו. שפרינגען, אונטערשפרינגען; היפן/היפען.

% די הירשן היפערן איבער די בערג.

1922 " |...| און מען היפערט און מען קלימפערט מיט די גלעקלעך!"

3274 בראדערזאן, 7, 20.

1947 " וואס קען איך פארלירן? אין בראנד א צענעצטער,//

3279 פאוואליע איך היפער אין ליימיקן שווייגן".

סוצקעווער, 3, 445.

1956 "לאפיטוטן שפרינגען ארום אין דעם דאזיקן טמא ארט,

3277 היפערן צוזאמען מיט די שאטנס".

באשעוויס, 5, 28.

2. טרוו. (ביים לייענען, הערציילן, טאן עפעס) איבערשפרינגען, דורכלאזן! פארפעלן, גיין כסדר; איבערהיפערן.

ה-

700

% ער דאוונט ניט ווי ס׳דארף צו זיין, היפערט גאנצע שטיקלעך.

1886 " |...| באַנטש בעסער ווי עס קער צו זיין, היפער

3276 נישט קיין ווערטער!".

שלום=עליכם, 19, 22.

|1931 - 1926| " הערי האט גיזאגט מיט א פול מויל, |...|

3281 באמערקט אז פרידקין הערט זיך נישט איין, האט ער אנגעהויבן

צו היפערן".

אפאטאשו, 7, 31.

1966 " צווישן אלע ברכות, וואס כ׳פלעג קינדווייז זאגן,//

3285 |...| היפערנדיק ווערטער, ניט פארפעלט כ׳האב די |...|".

האלקין, 4, 59.

ה י פ ע ר נ א צ י אַ נ א ל - אדי/אדוו. איבערמאסיק, איבערגעטריבן נאציאנאל.

1912 " אין די לעצטע יארן זיינען אויפגעשטאנען נייע

3225 פארקלענערער פון דער יידישער רעליגיאנס=פילאסאפיע, שוין ניט קיין קאסמאפאליטן, נאר דווקא היפערנאציאנאלע ציוניסטן".

זשיטלאווסקי, 2, 160.

1956 " |...| פאראיבל געהאט אויף דער 'הבימה', וואס וויל

3226 זיין היפערנאציאנאל |...|".

י.מ. ניימאן, פער 38, נ' 25, ז' 172.

ה י פּ ע ר ס ע נ ס י ט י ו ו – אדי/אדוו. איבערמאסיק

שפּירעוודיק.

ה י פ ע ר ע מ י ע - די, בא. איבערמאסיקע בלוט=אנפילונג

אין געוויסע בלוטגעפעסן.

ה י פּ ע ר ע ס ט ע ז י ע - <u>די, בא.</u> איבערמאַסיקע שפּירעוודיקייט.

ה י פ ע ר ע ס ט ע ט י ש - <u>אדי/אדוו</u>. איבערמאסיק

(גוזמאדיק) שפירעוודיק.

ה י פּ ע ר פּ ל אַ ז י ע - די, בא. (אנאט) איבערמאסיקער וווּקס

פון א געוועב.

ה י פּ ע ר פֿ ו נ ק צ י ע - די, בא. (פֿיזיאל)

איבערמאסיקע פונקציע פון א געוויסן ארגאן.

708 ה-

ה י פּ ע ר ק אָ נ ס ע ר ו ו אַ ט י ו ו - אדי/אדוו.

צו פיל, גוזמאדיק קאנסערוואטיוו.

1949 " |...| יענע גרויליקע קאריקאטור פון א היפּערקאנסערוואטיווער

3227 פאליטיק |...|".

א. ברוידא, פער 38, נ' 2, ז' 36.

(?נ?) ה י פֿ ע ר ק י נ ע ז (י ע) - <u>די, בא.</u> איבערמאסיקע און אומווילִיקע באוועגונג וואס באווייזן זיך ביי געוויסע נערוון=קראנקייטן.

ה–

719

ה י פֿ ע ר ק ל ו ג - אדי/אדוו. (איר) צו קלוג.

1958 " |...| נו, אז מען איז אַזוי היפּערקלוג און פילאזאפיש=

3228 סטאיש און אריבערקוקעריש, ווי באשעוויס, |...|".

מ. גראסמאן, פער 47, נ׳מער פון אדר, ז׳ II/3.

ה י פּ ע ר ק ר י ט י צ י ז ם - דער, בא. איבערמאסיקער,

גוזמאדיקע נייגונג צו קריטיקירן.

712

ה י פ ע ר ק ר י ט י ש – <u>אדי/אדוו.</u> וואס איז איבערמאסיק

קריטש, גענייגט צו איבערגעטריבענער קריטיק.

1958 " |...| זי לאזט ניט אויס קיין איין ניט־יידישן מקור

5250 אין איז <u>היפערקריטיש</u> צו יידישע קוועלן".

<u>ביקל, 1, 236.</u>

713

- ה

ה י פֿ ע ר ש ט אָ ל ץ - אדי/אדרו. צו פיל, גרוזמאדיק שטאלץ.

1964 " ס'איז זייער שלעכט, אפילו ווען אן אלט איינגעזעסן

פאלק ווערט באפאלן פון אנגעבורעטן הייפערשטאלץ".

מ. ראגיל, פער 9, פסח=נומער, ז' 4.

היפּקע - די, =ס. <u>דיאל פון הופּקע/הובקע.</u>

1. האלצשוואם.

... " אן איבערגעקערט שטריימל, וואס האט שוין א פנים
געהאט פון א קרענצל <u>היפקע</u>". 3293
<u>לינעצקי.</u>

<u>רעד:</u> אין קארטל ניט אנגעגעבן דאס ווערק פון וואנען
ס'איז גענומען די ציטאטע...

2. אויסגעטריקנטער האלצשוואם א מאל געניצט ווי א קנויט ביים אויסהאקן פייער. (דעם קנויט פלעגט מען האלטן נאענט פון א הארטן שטיין (פרימען), מיט א שטיקל שטאל (קרעסלע) האט מען געקלאפט אין שטיין, ביז ס'איז ארויס א פונק און דער קנויט פלעגט זיך אנכאפן פונעם פינק).

3. קנויט פון צונויפגעדרייטע פעדעם אדער וואטע, אויך געניצט ביים אויסהאקן פייער.

1870 " |...| קיין חידוש ניט, וואס דארטן |אין שטעטל| ברעכן אלע מאל אויס שרעקלעכע שריפות, און אין א פאר שעה 3294
ווערן אויסגעפלאמט א פאר הונדערט הייזלעך, ווי <u>היפקע</u> פון א פונק".

<u>צעדערבוים, 1, 5.</u>

1926 " |...| האסט א קרעסלע? מאך פייער! - נעמט ער ארויס די קרעסילע מיט דער <u>היפקע</u>. ער קלאגט: סע גייט ניט קיין 3291
פייער".

<u>משה אלטמאן, 1.</u>

1963 " |...| דערנאך פלעגט ער צווישן די צוויי שטיקער קרעמע'לעס אריינלייגן א שטיקל '<u>היפקע</u>' (דאס איז געווען עפעס ענלעכס צו א שוואם, וואס וואקסט ארויס פון א בוים). |...| מיט דער אנגעצונדענער '<u>היפקע</u>' פלעגט דער מאדנער גאסט אנצינדן דעם טאבאק אין דער <u>ליולקע</u>".
<u>ה. אקערמאן, פער 69, 18/.</u>

ה י פּ ק ע ן - אוטוו. דזוו היפּן/היפּען, ב' 1.

1898 " קוק זי נאר אן, ווי זי היפּקעט מיטן פּיסעלע!".

3300 אויזערקיס, 1א.

1931 " זייך שוועסטער מיט אירע חברטעס קענען היפּקען,

3303 שפּרינגען, ביז אנצושפּאַרן די סטעליע".

זילבערבוש, 3, 29.

ה י פּ ש - אדי/אדוו.

1. גענוג (גאנץ) גרויס, באטייטיק (איך צאל, סכום פארנעם,אד"גל).

% פארדינעך א היפשע סומע געלט. זיין/פארברענגען א היפשע צייט.
דאס קינד איז היפש אויסגעוואקסן. דער חתן האט געקריגן
א היפשן נדן.

|1817?| " אונ׳ דר וואר איין היפשר בחור אונ דר פאטר לערנט
3384 מיט אים |...|".
איבז אנ, ס׳ חסידים, דף קנ"ה.

1888 " לייבצען איז א מאל געבאטן מאכן דורך רפאלן
3384/1 א גוט געשעפטל, אראפכאפן פון אויבן א היפש פארדינסטל|...|".
מענדעלע, 3, 191.

1919 " עס איז אבער דא אין ארץ=ישראל א היפשע מאסע
3384/2 ניט=באזעצטע לענדערמאן, וואס קאנען |...| געבן חיונה
א סך גרעסערער באפעלקערונג |...|".
זשיטלאווסקי, 9, 153.

1922 " |...| ס'דוערט אפ א היפשע ווײלע און ס'קומט

3375 נישט קיין רעזולטאט".

זינגער, 1, 9.

1959 " היפש פארטאג כאפ איך זיך אויף |...|".

3322 לייוויק, 13, 450.

2. (עלט) שיין, פיין.

1848 " ער איז איין יונגער מאן אין לעדיגן שטאנד, איין

3371/1 היפשר פארשוין און איז זייער קלוג".

פאוויר, 2, דף ה.

1872 " |...| דרום זאל דער מענטש ניט פיל גאווה טרייבן

3371 מיט צירונג און ההפשע |...| קליידער".

צאינה וראינה, 3, בראשית.

1896 " |...| זי איז געגאנגען אנגעצויגן אין א פיל
3368 היפשערן אנצוג לכבוד שבת".

אחוך, 1, 17.

... " פרידל איז א היפשע נקבה!".
3371/2 שלום=עליכם, 7א, 45.

|| היפשלעך – אדוו. גאנץ גענוג, א סך, גאר.

% דאס קלייד איז שוין היפשלעך אפגעטראגן. דער זייגער שפעטיקט

זיך היפשלעך.

1954 " איך וויפל אבער דער צארישער רעזשים איז שוין
3371/3 דעמאלט געווען היפשלעך צעפוילט, קאן דינען דער דאזיקער

כאראקטעריסטישער פאקט |...|".

ש. ווינער, יזב 10, 398.

17 א היפש ביסל - א סך, גענוג.

1888 " |...| מען מוז פריער איבערנעכטיקן א היפש ביסל

3349 נעכט אין בית=מדרש אויף דער באנק הארט ווי א שטיין |...|".

מענדעלע, 3, 88.

1901 " ס'איז אויפן דעק נאך געבליבן א היבש ביסל ליאק

3371/4 מיט זאלץ |...|".

אייזענשטאדט, 1, 5.

1964 " אפילו בען העכט האט א היפש ביסל אנטיסעמיטיזועט |...|",

3372 ש. מארגאשעס, פער 68, !!V/ 4.

ם היפש/הויבש. מה"ד:

<---- 1.

1723 " |...| אודר דר זיך עהרט מיט זיין חברש שנד, ער

3356 הענגט יענם איין קלעק אן דז ער זיך וויל היפש מכין קיגן

דען לייטן".

לב טוב, 2, ז' 1/4.

1734 " |...| האט ער קיין פרוי א דר צו |זי זאל דעקן

3356/1 זיינע חסרונות| גיהער ער זיך הי**פש** גוויהניין איין שווייגן

אום זיינה פעליר צו בדעקין".

ס' מבחר הפנינים, דף כ"ד.

------> 2.

|XVI!| " דש ספר מלכים אין טויטשר שפראך הו**יפש** אונד בישיידליך

אויך גאר קורץ ווייליג דרינן צו לייאן".

מלכים=בוך, ז' 251.

ה י פּ ש י נ ק - <u>אדי, צערטל=אפשוואך=פארמע פון היפש.</u>

% דאס קאסט א <u>היפשינקע</u> סומע געלט.

1844 " גיט איהר צו פר שטיין אז איך האב ב"ה מעלות אויך,

3386 שרייבען א <u>היפשינקע</u> ביסל אידעש און אנדערע זאכען".

<u>ליאן דאר, 1, 99.</u>

(?נ?) ה י פֿ ש ע ר יי ם - דאס. דאס מאכן (זיך) שיין, פֿיין.

1744 " וואש העלפט דיא פיל גרושי גוצין דארך דיא פיל

3399 גלושטקייט אונ' היפשירייא עז איז דאך אלש אייטל נאריטייא".

בחינת עולם, 1, דף ל"א.

ה י פּ ש ל ע ך - אדי/אדוו, אפשוואך=פארמע פון היפש.

גענוג היפש, גאנץ גענוג. ( אין גרייס, מאס אד"גל).

% דאס קלייד איז שוין היפשלעך אפגעטראגן. דער זייגער שפעטיקט זיך היפשלעך. דער רעפעראט האט געדויערט היפשלעך לאנג.

1949 " דער ערשטער געדאנק איז אויסגעקומען היפשלעך

3393 פריקרעוואטע |...|".

טרונק, 6, 50.

1953 " די זון איז שוין געשטאנען היפשלעך הויך".

3398 ברוסילאוו, 1, 23.

1963 " נאך א היפשלעכן איבעררייס האט מיך ווידער א צי

3391 געטאָן צו מיין טאָגבוך".

ט. גען, פער 131, נ' 6, ז' 24.

ד

(?ב?) ם היפשקייט - דאס. שיינקייט, פיינקייט, פראכט.

1626 " (הוד והדר) שונהייט אונ׳ היפשקייט איז פר אים

שטרקייט אונ׳ בירום איז אין זיין הייליקייט". 3403

ס׳ המגיד, 1, תהילים, צ"ו׳ - ו".

1713 "|...| נ׳ך וואר קומן מיין צייט דז איך לאז ווי

מיין היפשקייט אונ׳ שונהייט". 3401

מחזור, 1, דף רי"ג.

(?נ?) ה י פֿ אָ ר – <u>אדוו</u>. פריער, א מאל. |<u>מה"ד</u>:

... " כקדם – אזא <u>הי וור</u>, ל׳ ק׳דם".

3408 <u>רייכלין, 8, איכה, ה – כ"א</u>.

הי פּ ט - די, =ן. (ס'רוב מצ) - דזוו לענד(ן).

ברייטע היפּטן. האלטן די הענט אויף די היפּטן.

וויגן זיך אין די היפּטן.

1927 " |...| די היפּטן אירע הוידען זיך ביים גאַנג |...|".

מ.ל. האלפערן, 1, 85. 3411/1

1953 " |...| אַן אויסגעניים העמד אויף דער הויכער ברוסט,

געבלומטע געקעסטלטע קליידלעך אויף די שטאַרקע היפּטן". 3423

ברוסילאָוו, 1, 75.

1965 " גייט ארום איבערן צימער, די הענט אנגעשפּארט אין

די היפּטן". 3421

שעכטמאַן, 1, 198.

728 ה־

ה י פּ ט ב יי ן - דער, =ער. (אנאט) זייטיקער טייל פון בעקן צוזאמען מיטן קנאכן, וואס פאראייניקט דעם פוס מיטן גוף.

1921 " דער פוס באשטייט |...| פון דריי טיילן: דער היפּטביין, שענקל און פוסטראט. |...| די היפּט באשטייט פון איין

3418 גרויסן, לאנגן רערנדיקן היפּטביין".

איבז איטעל, 2, 8.

הי פֿ ט ג ע ל ע נ ק - דאס, =ען. (אנאט) געלענק וואס

פאראייניקט דעם פוס מיטן גוף.

ה י פּ̄ ט מ ו̈ ס ק ל - דער, =ען. יענער איינער פון מוסקל

פון היפּ̄ט.

ה י פּ ט נ ד י ק - אדי. מיט היפּטן, ס׳רוב אין צונויפהעפטן:

ברייטהיפּטנדיק - אדי. מיט ברייטע היפּטן.

1973 " א געוווּקסיק מיידל, א ברייטאַקסלדיקע און ברייטהיפּטנדיקע,

מיט א קאָפּ צעשויבערטע לאָקיק ברוינע האָר |...|". 3424

ראָזענפּארב, |?2|, ז׳ 235.

שמאָלהיפּטנדיק - מיט שמאָלע היפּטן.

% די פרוי איז א דאַרע, א שמאָלהיפּטנדיקע.

(נ??) ה י פּ ט ן = ק י ש ע ל ע - <u>דאס, =ך.</u> (<u>שניידעריי</u>)

אן אויסבעטעכץ וואס מע לייגט אריין אין א קלייד צו מאכן

אויסזען די היפטן ברייטער.

ה י פ̄ ע - די, =ס. (דטשמ?) רויזנקוסט(ווסג

אויף די פרוצט פון דער רויז.

ה י ץ ! - די, =ן.

1. הויכע טעמפעראטור פון דער לופט, אנגעוואַרעמט דורך דער זון, דורך אן אויוון אד"גל.

% שטיקנדיקע היץ. ברענענדיקע היץ. טראפישע היץ. צעגיין/צעשמאלצן ווערן פון היץ. אין דרויסן איז א היץ, ניט אויסצוהאלטן זומער זיינען אין דעם לאנד גרויסע היצן. דער אויוון גיט א שטארקע היץ, איז ווארעם אין אלע צימערן. באהאלטן זיך פאר דער היץ אין שאטן.

|אנהייב x!x י"ה| " די זון שיינט אויף דער גאנצער וועלט,// אויף בערגער און טעלער, וואלד און פעלד,// דערקעגן מאכט זי אן היצן". 3477/1

עטינגער, 3, 93.

1865 " זומער די היץ און ווינטער די קעלט און די אומ-

3477 ריינקייט, אין שטוב און אויף דעם ענגן |...| הויף |...|".

ארז, פער 177, נ' 32, ז' 495.

1900 " |...| דארף דאס ביימעלע האבן א סך באגיסן, ווייל

3477/2 עס קאן גלייך ארונטערפאלן אונטער די גר יסע היצן

און טריקענישן".

וועללער, 1, 20.

1934 " ס'איז די זון אויפגעגאנגען און ס'האט זיך געשטעלט

3477/3 א טאג, וואס איז שווער געווען צו וויסן, וואס ער וועט

ברענגען... זיכער היץ אבער אויסער היץ - נאך עפעס...

עפעס האבן האריזאנטן געשטויבט און בלינדלעך געווינטלט".

נסתר, 2, 244.

1974 " די היץ איז געווען גרויס, די ענגשאפט שווער צו

דערטראגן |...|".

עלבערג, 2, 353.

2. געהעכערטע טעמפעראטור פון קערפער ביי א קראנקן מענטשן.

% האבן היץ. באקומען/קריגן היץ. מעסטן די היץ.

די היץ איז אראפגעפאלן, דעם חולה איז שוין בעסער.

דער דאקטאר האט פארשריבן א רפואה אראפצוואורפן די היץ.

1805 " פון גרושה חלשות פון קדחת אונ פון היץ |...| מוזט איר האבן אלי די רופאים וואש זאלן אייך פיקן און בלוט לאזן און ביינקיס שטעלן |...|".

איבן רבקה בת יוסף |...|, אגרת בעלי חיים.

1882 " |...| דאס קינד האט היץ - דארף מען שוין א דאקטאר מיט אן אפטייק". 3466

א. זאלאטאראוו, פער 74, נ׳ 44, ז׳ 672.

1900 " פאניען איז גאט צו דאנקען בעסער, די היץ האט אפגעטראטן"!

אחוך, 3, 122. 3468

1948 " באשלאגן האט א שוויס, באפאלן האט א היץ |...|".

3468/1 מארקיש, 9, 65.

3. (פיג) הייסער טעמפעראמענט, שטארקע עמציע, אויפרודערונג, ענטוזיאזם, לעבהאפטיקייט; ברען. רעדן מיט היץ. אמפערן זיך, דיסקוטירן מיט היץ. דער חסיד דאוונט מיט גרויסער היץ. הברה האט געארבעט מיט היץ און באגייסטערונג.

1865 " אין דער גאנצער אונטערהעדונג |=דיאלאג,שמועס|
3476 ריידן ביידע זייער אלטבלוטיק און רויק, ניט מיט היץ און מיט כעס.

פער 177, נ' 23, ז' 350.

1900 "|...| וווער רעדט מכוח היץ! ער האט געבענטשט מיט
3470 אזא שימחה של מיצווה, אז ער האט באצויבערט אלעמען".

אלפס, 1, 35.

1919 " בקיצור, דער שפיץ! - מאכט דער טיגער מיט גרויס היץ -
וואס טויג דא ארוכות?". 3448
ר׳ מרדכילע, משל " א מגפה=אסיפה".

1951 " יעדע סעקטע האט פארפאלגט אלע אנדערע, און רק מען
האט זיך געקריגט, אין היץ פון וויכוח צעזידלט מען 3483
זיך |...|".
א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 329.

1966 " |...| און זייך גאנץ ווערק איז אנגעווארעמט מיט
דער היץ פון יוגנט און איבערצייגונג". 3471
ד. שוב, פער 166, V/1.

/7 רעדן פון היץ - רעדן אומגעבונדענע און אומזיניקע
ווערטער און זאצן ווען מע האט א הויכע טעמפעראטור און
מע געפינט זיך אין א האלב באוווּסטלאזן מצב.

1873 "אקעגן צוויי וואכן ביסטו ווי אין היגהערפלעט געלעגן,

מיט פארמאכטע אויגן, כמעט אן א סימן פון לעבן, נאר 3498/1

וואס צו צייטנס <u>האסטו פון דער היץ גערעדט</u>, דערציילט

ווילדע מעשיות".

<u>מענדעלע, 1, 119 (קאנק 40457).</u>

<u>ליגן אין היץ</u> - ליגן קראנק האבנדיק א הויכע טעמפעראטור

פון קערפער.

1881 " מנשה איז פון שרעק אין א |...| קראנקייט ארייגגעפאלן,

ער <u>איז</u> דריי וואכן <u>אין</u> גרויס <u>היץ געלעגן</u>". 3437

<u>א[illegible] סאפיר, 1[illegible], 25.</u>

1900 " האלב נאקעט, מיט ברוינע=בלאע צייכן |...| <u>איז</u> עס

|דאס קינד| <u>געלעגן אין היץ!</u>".

<u>פרץ, 17, 314.</u>

1943 " |...| פאר דער גאנצער צייט, וואס יעגאר איז
3474 קראנק געווען און געלעגן אין היץ |...|".
זינגער, 8, 298.

אונטערגעבן היץ – אונטערהעצן, אנריידן.

1886 " |...| ער האט אים אונטערגעגעבן היץ און איז אים
3475 נאכגעגאנגען פוס=טריט".
שלום=עליכם, 25, 97.

1940 "שפיל זיי, שפיל זיי אפ א ווייוואט! – גיט גדליה דער
3452 שניידער אונטער היץ ארעלען".
דרוקער, 1, 22.

אויפגעבן היץ – דזוו דפוו |סטוטש 447|.

רעד: איך האב אזוינס ניט געהערט און ניט געזען אין ערגעץ.

<u>ציטערן ווי אין היץ</u> – 1. שטארק ציטערן, טרייסלען זיך. פיבערן.

2. מורא האבן שטארק.

<u>אנטרייבן א היץ אונטער די אויערן</u> – "אויפרעגן, ארייברענגען

אין א גלוסטעניש" |<u>קטוו</u>|.

<u>ס'איז געווארן א היץ אויף</u> |...| – ס'איז געווארן אן ענין

פון גרויס אינטערעס, מע האט זיך אנגעהויבן יאגן נאך דעם.

% <u>ס'איז געווארן א היץ אויף דירות</u> – אלע האבן אנגעהויבן

קויפן דירות.

<u>א היץ אין באד!</u> – 1. איראנישער אויסרוף: ווען עמעצער מאכט

א גאנצן ענין, א רעש פון גארנישט, טרייבט איבער.

1971 " בלויז טאלאנט איז ווייניק. מע דארף דערצו |...|

קענען מאכן אויך א <u>היץ אין באד</u>".

<u>י. מאניק, פער 109, ב' 19/IX.</u>

2) ס'ווערט אן איילעניש, א בהלה, א גראטשקע.

3) ווען מע דערציילט א נייעס, וואס איז קיין נייעס ניט.

4) (שגל) אויסרוף זיך ניט אנצושטרענגען ביי דער ארבעט
|בלומענטאל, פער 90, נ' XX!! - 1|.

א היץ אין פאראוואז! =לאקאמאטיוו| - דזווו דפוו, ב' 1.

א ציגיינערישע היץ אויף אים! - (איר) וועגן איינעם וואס
ארבעט זייער גיך, מיט ברען |סטוטש 433|.

שור:

אז דער מענטש קומט אריין אין היץ, הערט ער ניט דעם דונער
און זעט ניט דעם בליץ.

ם <u>היץ/היטץ.</u>    <u>מה"ד:</u>

-----> 1.

... " חמה - <u>היצי</u>, כמו כחום היום".

3454 <u>רייכלין,8, איוב, ל - כה.</u>

1696 " אזו האט זיך ר' א' מיט זיין חבירים נידר גיזעצט

3464 אונ' האבן זיך אב גירואט פון וועגן דער גרושי <u>היץ</u>".

<u>ס' מעשה השם, דף י"ז.</u>

1744 " דיא היטץ זאל שטארק ארויז שיינין דז דיא פירות זאלין

3446 באלט צייטיג ווערן".

<u>בחינות עולם, דף ל"ו.</u>

-----> 2.

1716 " אונ' אין דש הערץ רואט דיא נטוארליכה <u>היץ</u> אונ'

3457 דר קוואל פון דש לעבן".

<u>חובות הלבבות, 1, דף ל"ז.</u>

1776 "עס פלעגט איינר פריש אונ גזונד איבר נעכטיגן אונ
אי דער מארגנש קומט בגרייפט אים איין <u>היץ</u> דש ער דיא
זעלביג נאכט שטארבן מוז".
<u>דרך הישר לאבן בוחן</u>.

ה י ץ II ם (?נ?)
אדוו. איצט.

1558 " דו ווייסט דז אך בין בילאדן מיט ילדים |...|
3479 אונ' מיין ווייב גיט היץ |...| אויף דער צייט".

א פעקל בריוו |...|, ז' 97.

רעד: דער אויסטייטש פון קארטל.

ה י צ א ו י ס ש ל אָ ג - דער, =ן. אויסשיט אין דער פּאַרעם פֿון פֿלעקן, בלאַטערן, פּאַריכלעך (בלעזלעך) אויף דער הויט פֿון אַ קראַנקן אין רעזולטאַט פֿון גרויסע היץ.

ה י ץ=ב <u>א</u> ש ט ע נ ד י ק - <u>אדי/אדוו</u>. ניט שפירעוודיק אויף (גרויסער) היץ.

% <u>היץ=באשטענדיק</u> גלאז.

ה י צ ב ל אָ ט ע ר - דער, =ן. זען היצאויסשלאג.

ה י צ ב ל ע ז ל - דאס, =עך. זען היצאויסשלאג.

ה-

(?נ?) ה י צ ו נ ד ע ר ט<sup></sup> ם  –  אדוו. אצינדער(ט), איצט.

1666 "היצונדרט איר ליבן לייט:// הערט מן אייטל גרושה פרייגנ?."

3569 איין שוין נייא ליד פון משיח, דף ב.

(?נ?) ה י צ ט ע ר ט - אדוו. (עלט' אויסלייג?) איצטערט, איצט.

1839 " |...| נאר היצטערט שוין גיניג // איך וויל מער

3571 שוין מיין נישט ראסין |...|".

פישלזאהן, 1, 39.

752 ה-

(?נ?) ס ה י צ י ג - אדי. איצטיק, היינטיק.

1724 " |...| וויל איך איין אייגיני בישרייבונג דר פון

3522/1 טאן אן זיין גיהעריגן ארט וויא זיא בייא היציגר

צייט גינענט ווערן".

בית ישראל |...|, דף י"ח.

ה י צ י ק - אדי/אדוו.

1. (זעלטן) הייס, שטאַרק אָנגעוואַרעמט.

1926 " זאנוול האט פלוצלינג דערפילט אויף זיין היציק
3510 פנים קאלטע טראפנס שווייס".
אפאטאשו, 5, 68.

2. (עלט, וועגן קראנקייטן, קראנקע) מיט הויכער טעמפעראטור
פון קערפער.

1829 "היציקע קדחת".
3527 איבז אנ, חמשה חומשי תורה, דברים כ"ח - כ"ב.

1850 " צו א דעם פיבר און צו אלע היציגי קראנקהייטן
3508 צו איין קאטר |...| איז גוט צוקר מיט וואסר".
אנ, תעלה ארוכה.

1866 " |...| אונטער די 976 קראנקע זענען געווען היציקע
3516 401, כראנישע 575".
פער 177, נ׳ 14, ז׳ 212.

1899 " איין מאל איז ער טאקע שטארק פארשלאפט געווארן
3535 באקומען א היציקע קראנקהייט עפעס |...|".
מענדעלע, ציט 8, 21.

3. (פיג, וועגן כאראקטער פון א מענטשן) אימפולסיוו,
טעמפעראמענטפול, אייסבלוטיק, ליידנשאפטלעך, כעסן.

1819 " דיין גאוה און דיין הארץ וואס איז זייער היציג//
3529 האט דיך גבראכט צו דיזה אלי מעשים וואס ניט נוציג".
אנ, ס׳ ישרי לב, 1, דף ח׳.

1886 " געקעמפט פאר רעכט און פרייהייט היציג,// אומאייגננוציק
3513 ביירעך שאפיר, 1, 65.

1971 " אן אמתער בן=תורה, אפילו נאך א יונגער און היציקער,
3526 רעדט נישט וועגן צוריקשלאגן".

גראדע, פער 69, 17/V!.

4. (פיג, וועגן רייד, וויכוח אד"גל) לעבהאפטיק, התלהבותדיק,
ליידנשאפטלעך.

% א היציקע דיסקוסיע. היציקע פארזאמלונג. היציקער שמועס.
היציקע תפילה.

1951 " די עלטערע שוועסטער האט זייער גערן געהאט, זייער
3537 יינגסטע שוועסטער, אל ריידן הויך און היציק, ווייל זי
האט פארטריבן די איינזאמקייט פון שטוב".

א. קאצענעלנבאגן, פער 106, 1248.

1954 " די טאג=ארדענונג |...| פלעגט זייער היציק דעבאטירט
3534 ווערן".

ב. בינשטאק, יזב 10, 695.

1965 " ס'האט אויסגעבראכן צווישן זיי א <u>היציקער</u> איבעררייד
3511 מיט שטעכיקע ווערטער |...|".
<u>פ. רודאי, פער 19/IX,69.</u>

5. (<u>פיג</u>) אינטענסיוו, אימפעטיק, קאזעדיק.

% <u>היציקע</u> באוועגונג.

1949 " ס'איז געווען א <u>היציק</u> געדראנג איבער דער שווארצער
3511/1 שוועל |...|".
<u>שפיגל, 2, 53.</u>

1968 " ווען שטאלענע פייגל מיט מעסער=שנאבלען אין ווילדקייט
3509 זיך <u>היציק</u> צעברענט, ווען טאג קעגן נאכט זיך אין פיבער
געווערט |...|".
<u>א. זשעלאזני, יזב 2, 1039.</u>

7/ היציקער קאפ - דזווו היצקאפ.

1966 " ס'זענען אויך געווען 'היציקע קעפ', וואס האבן בעדנא דריתחא געהויבן א שטענדער |בעת א קריגעריי אין בית=מדרש|". 3532

ב.צ. לעוויט, יזב 22, 29.

דיך (דאר) ווי פון א היציק שלאפקייט - זייער אפגעמאגערט, אפגעצערט.

ם היציג.

----> 1.

1721 " |...| אונ' מן זאל נזהר זיין קיין היציגה זאכן צו עשן |ביי דער סעודה המפסקת| אז (בשמים) אדר זאפרן|...|". 3530

מחזור, 2, דף ע"ו.

1728 " |...| ווען עז דען איין היציגר לו|פ|ט איז, זוא
3530/1 האט ער גרוישי היץ אין אהרין, מוז מן אים אדר לאזין
אויף דען דוימן |...|".
סגולות ורפואות, ?!, דף כ׳.

----> 2.

1728 " ווי וואול דאך דאש ניט וואול העלפין איז, ווען איינר
3517 דאז גיהער פר לארן האט: דוריך א ין חולי ראש אודר איין
היציגי קרענק |...|".
סגולות רפואות, ?!, דף כ׳.

----> 3.

1626 " |...| זיי |די תלמידי חכמים| זיך קריגן אין דער
3517/1 צייט דז זיא |זיך| מפלפל זיין אונ׳ זיינן היציג איבר אנגדר."
ס׳ המגיד, 1, תהילים, מ"ה - ו׳.

" דיא פלייש האקיר זיין __היציגי__, לייט// מיט איהנן 1775

3519 קאן מעך האבן באלד אייני שטרייט".

<u>איינ שיין ליד פון די הנד ווערקש לייט, ציט פער 161, ז׳12/45</u> ?]?

ה י צ י ק יי ט - ד י, ב א.

1. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין היציק, באטייט 3.

1819 " עש האט דיך אן גרייצט דיין היצקייט נאך צו גיין

3539 נאך צומליכקייט".

אנ, ס'ישרי לב, דף י"א.

1932 "|...| רויק לאזן איפלעבן די מידע |...| ביינער פאר

3542 אזוי פיל יאר יוגנטלעכער היציקייט".

קושניראוו, פער 61, 64.

ם היצ קייט.

-------> 1.

1626 " עש איז פר קירט גיוואורן (לשדי) מיין פייכטקייט

3515 (בחרבוני קיץ) ביז דז מיין פייכטקייט איז דויר גיוואורן

אז איין היצקייט פון זומר צו איבג".

ס'המגיד, 1, תהילים, ל"א - 3.

ה י צ כ ו א ל י ע - די, =ס. א צייטאפשניט ווען ס'איז זייער א הייסער וועטער.

% די היצכוואליע איז שוין אוועק, ס'איז געווארן קילער אין דרויסן.

ה י צ ל |ווייכער ל| דער, =עס. דזוו היצעל.

ה י צ ל י כ ע - די, =ס. ווע פאר היצעל, ב׳ 2.

1888 " |...| טריינע=סאסל איז א היצליכע, א שלאק פון זיין

3577 ליבן נאמען".

מענדעלע, 3, 94.

ה י צ ל י נ ג - דער, =ען. דזוו היצקאפ.

|192...| " |...| ליב געהאט צו טון א געפעליקייט מיט לייב און

לעבן, נאר א גרויסער היצלינג געווען".

י. א. לייזעראוויטש, 1, 48.

ה י צ ל י ש - אדי/אדוו. (ווי) פון א היצעל.

1948 "|...| ס'האבן נעצן היצלישע געטאן זיך א פארדריי |...|",

3578 מארקיש, 9, 58.

(?נ?) ה י צ ל ע ן – <u>אוטוו</u>. טאן די ארבעט פון א היצל.

<u>רעד</u>:ניט זיכער אין אויסטייטש, דאס ווארט איז פון
אן אינפארמאנט אן אויסטייטש, בלויז א ביישפל
(ציטאט?): "און זיך נעמען <u>היצעלן</u> אין דער שטאט".

(?נ?) ה י צ מ ע ס ט ע ר - דער. =ס./מצ דז.(נש)מכשיר צו מעסטן די ווארעמקייט |מארק ווב 90|. טערמאמעטער; גראדוסניק.

## ה י צ ן - <u>טרוו</u>.

1.(זן ) ווארעמען, אנווארעמען, הייס מאכן.

1936 " די ליידנשאפטלעכע הימלען פון טאלעדא <u>היצן</u> די
טרוקענע שטיינער". 3608
<u>נאדיר, 9, 105</u>.

2. (<u>פיג</u>) צוגעבן חשק, התלהבות, ברען, היץ.

1895 " נאר אומר, נאר דברים, נאר נישמע קולם |...| און
מע פלאקערט און ברענט און מע <u>היצט</u> דעם עולם". 3606
<u>לינעצקי, 9, 113</u>.

3. <u>אוטוו</u>. פילן היץ, ברענען.

1973 " |...| ער שפירט, ווי די אויגן <u>היצן</u> אים".
<u>אליצקי, 5, 138</u>. 3609

ם **היצן**

-----> 1.

... " ידליקם - ברינט זי, |...| י"א היצט זי, ל׳ חימום".

3607 רייכלין 8, ישעיה, ה - י"א.

היצן זיך – אוטוו. טאן עפּעס, רעדן (שמועסן, דיסקוטירן) מיט טעמפּעראַמענט, אימפּולסיוו, אויפגערעגט, אומגעדולדיק, עמאָציאָנירט.

היצן זיך ביים וויכוח. מע אַמפּערט זיך, מע היצט זיך, מע שלאָגט איבער איינער דעם אַנדערן.

1888 "יענטל האָט געבּרענט |...| גערודלט דעם מאָן אַ קאָפּ טאָג טאָג ווי נאַכט: – געוואַלד אַ חתן, אַ שידוך פאַר דער טאָכטער! – 3615
נאָר לייבּצע אָבער האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק געהיצט, ער איז געווען אין שידוכים אַ גרויסער איבּערקלייבּער".
מענדעלע, 3, 179.

1907 "וואָס פאַר מיציצין? וואָס פאַר דאָקטוירים? נאָ דיר שוין גאָר מיידלעך דאָקטוירים! – אַזוי טענהט איציקל 3622
שאַסטעפּאַל צו זיין ווייב |...| און ער היצט זיך און ער שמיצט זיך".
שלום=עליכם, 18, 107.

1968 " |...| איך האב זיך שוין געהאט צוגעהערט צו זיינע

3617 רייד און ער |דלום אש| האט אנגעהויבן פון אנהייב,

געהיצט זיך |...|".

נ. געלבארד, יזב 2, 424.

2. (עלט) אנווארעמען זיך (אויך פיג).

1895 " |...| זיי |די חסידים| פילן עס ניט און היצן זיך

3623 נאר דורך געקינצלטן התלהבות פון א ביסל תיקון, |...|

פון א ריקודל, פון א ניי מופתל וכדומה".

לינעצקי, 9, 121.

ם היצן זיך.

.2 <------

1795 " |...| נאך זעקס וואכן וועט זיין הוכי טאבאק גאנץ

3623 גוטין אונ אוב עש וועט זיך פר טריקנן זאלשט אפ שפריצן מיט זאלץ וואשר ניט גאנץ פיל עש זאל זיך ניט היצן".

772 ה-

ה י צ ו נ ג - די, בא.

1. אקט פון היצן, דאס היצן. 3610

2. (רעג, מיזרח-גאליציע) "היץ, די צייט פון היצן"|קטוו|.

ה י צ ע ל |ווייכער ל|. דער, מצ היצלעס, פפ היצל, =עס.

1. א הינטשלעגער.

% דער היצעל כאפט די הינט פון גאס.

1881 " איך יעדער שטאט געהערט צו קהל צו באצאלן דעם

3585 היצעל,וועלכער הרגעט די דארטיקע הינט"ץ

דלוגאטש, 2, 32.

1924 " אז ער וועט ווערן גרויס, וועט ער גאר ווערן א

3600 היצעל |...| און וועט זיך יאגן נאך הינט".

זינגער, 2, 147.

1973 " ער פלעגט פאר טאג ארויס אין גאס און אפשלאגן די

3600 הינט, וואס די הינטשלעגער. אדער ווי מען האט זיי גערופן,

די היצלעס,האבן געכאפט".

יזב 16, 732.

2. (פיג) לומפ, אויסוואורף, מנוּוול.

% מיט דעם פאסקו דניאק, דעם היצעל איז בעסער נישט האבן
צו טאן.

1885 " |...| און זאלן |די רבנים| אויף אים גוזר זיין, ער
3585 זאל אפגעבן דאס מלבוש מיט די עטלעכע קערפלעך |...| און
נאך אלעם זאל מען אויס מאכן די גבאים |פון חברה קדישא|,
די היצלעס".

פער 74, נ' 7, ז' 107.

1907 " אוודאי דארף מען גיין אויסשרייבן פון פאריז היצלעס,
3591 כוליגאנעס, באסיאקעס און שיכורים! - זאגט דער פאטער".

שלום=עליכם, 18, 144.

1940 " מיך געהאלטן שולדיק יעדער קאט און היצעל,//
3597 ניט געווען דא קיינער, ווער זאל מיך באשיצן".

קושניראוו, 5, 169.

1974 " במשך פון צוויי חדשים, טאג נאך טאג, שעה נאך שעה,

3597/1 דאס געשטעפ פון מאשינביקסן, דאס האווקען פון די

דייטשע היצלעס |טעקסט:היצלען|, די געשרייען פון די

געיאגטע".

עלבערג, 2, 32.

0 היצלעס=קאמאנדא - די, =ס. (שגל) יידישע פאליציאנטן

וואס פארנעמען זיך מיט כאפן אין לאגער.

|בלומענטאל, פער !!XX - 1|.

776 ה–

ה י ץ = ע נ ע ר ג י ע – די, בא. ענערגיע וואס קומט פון אנווארעמונג צו א הויכער טעמפעראטור.(א שטייגער דורך דער זון, דורך אנהייצן וואסער אין א דאמפקעסל אד"גל).

1963 "געוועגטע האָבן אויסגערעכנט וויפל היץ=ענערגיע

3545 דער אוראגאן 'קארלא' האט ארויסגעצויגן פון ים צו קאנען |...| שטורעמען מיט אזא ווילדן כוח".

פער 69, 13/X.

ה י צ פ אָ ק ן - די, מצ. דזוו היצאויסשלאג.

ה י צ פֿ ל ע ק - דער, =ן. זען היצאויסשלאג.

ה י צ ק אָ פ - דער, ~, קעפּ.

1. א מענטש וואס רעגט זיך אויף גרינג, איז נוטה צו ווערן שטארק אין כעס.

1898 " ער האט ניט קיין שלעכטן קאפ, נאר ער איז א כעסן,
3545 א היצקאפ |...|".
א. ליטוואק, 1, 4.

2. א מענטש וואס טוט א זאך אומבאטראכט, אומבארעכנט, איז גרייט זיך צו ווארפן אין סכנה ניט קלערנדיק וועגן די רעזולטאטן.

1870 " אז דער קריג האט אויסגעבראכן צווישן פראנקרייך
3547 און דייטשלאנד, האבן די פוילישע היצקעפּ שוין געזען די דייטשן באזיגט |און געוואלט מאכן א אויפשטאַנד|".
פער 177, נ' 40, ז' 296.

1972 " זי האט זיך געשפארט מיט אים, ער איז שטענדיק געווען
3556 א היצקאפ".
ראזענפארב, 3, 187.

ה י צ ק ע פ י ק - אדי. וואס איז א היצקאפ.

ה י צ ק ר אַ נ ק יי ט – די, =ן. קראַנקייט, ביי וועלכער דער חולה האט (א סך) היץ.

1923 " איינע פון די פארשפרייטסטע און שעדלעכסטע אייבערגלויבנס איז דער, אז אין משך פון א היצקראַנקייט ביז דעם קריזיס טאר מען ניט דעם קראַנקן בייטן קיין וועש, ווייל... די קראַנקייט קען 'אפפאַלן'". 3560

פער 151, נ' 2 – 3.

1966 " ווינטער פלעגט מען |...| פאַרגרייטן אין 'ליאַדאָווניע' אייז. די שטעטלשע קראַנקע |...| האבן זיך באנוצט מיטן אייז בעת פארשידענע היצקראַנקייטן". 3561

יזב, 22, 382.

ה י צ ק ר ע נ ק – די, מצ דז. דזוו היצקראנקייט.

783 ה–

ה י צ ר יי ד – <u>די, מצ.</u>

1. ווערטער, זאצן וואס א קראנקער רעדט ווען ער האט א סך היץ.

2. (<u>פיג</u>) געפלאנטערטע אומזיניקע רייד.

1948 " פארשפילטע מיט <u>היצריידן</u> און מאדנע רעיונות – // איך האב ניט ביין ברונעס, איך האב בלויז זכרונות". 3565

<u>סעגאלאוויטש, 12, 73.</u>

ה י צ ש ו י ד ע ר - דער, בא. ציטערניש פון קערפער ווען

מ׳האט גרויסע היץ בעת א קראנקייט |מארק ווב 1812|.

ה י צ ש ל א ק - דער, =ן.

1. קרענקלעכער מצב, ארויסגערופן דורך צו פיל איבערוואַרעמען דעם קערפּער אין א סביבה מיט א הויכער שעמפּעראַטור.

2. דזוו זונשלאַק.

1927 " אין דער זון האָבן מיר רויטע שטראַלן וועלכע ווירקן זייער שטאַרק אויף דעם מאַרך און בלוט, א מאָל קענען זיי ארויירופן א פילו א היצשלאַק (זונענשלאַק)". 3568

פער 151, נ' 11 - 12.

ה י ץ = ש פ י ר ע ו ו ד י ק - <u>אדי/אדוו</u>. ניט ווידערשאנדיק קעגן היץ.

% דער קינסטלעכער שטאף פון קלייד איז <u>היץ=שפירעוודיק</u>, מע טאר עס ניט פרעסן.

ה י ק – דער, וואס פון היקען !. דינט ס׳רוב צושאפן דעם
מאמענטאלן אספעקט פון ווערב.

% ער האט געגעבן א היק, אז מ׳האט זיך דערשראקן.
געבן א היק, טאן א היק.

היקאַנטיק – אַדי. פֿון היגן קאַנט, היג(ער).

1865 " |...| פֿאַרקערט, מיר זעען, אַז די היינטיקע היקאַנטיקע

3628 חסידים זענען אויפֿגעקלערטער ווי פּוילישע פֿאַר עטלעכע

אָון צוואַנציק יאָר".

פֿער, 177, ב' 28, ז' 431.

ה י ק י = פ י ק י - <u>די, בא.</u> (<u>שגל</u>) די געהיימע ארגאניזאציע אין דער טויטן=בריגאדע אין יאנעווער לאגער, וואס האט געדארפֿן דורכפירן דאס אנטלויפֿן פֿון לאגער.

<u>בלומענטאל, פער 90, נ' XXII - 1</u>.

(?נ?) ה י ק ל - דאס, =ען. (דיאל, פאליעיסע, וואלין)
העקטל (האטשיק).

... " שפילען זיך היקלען".

3630 מארקיש, |ווו ?|.

ה י ק ע ד י ק - אדוו. דזוו היקעניק,גערונדיוו פון היקען!,

3632 1956 " |...| האבן זיי, היקעדיק פון שיכורן געלעכטער,
זיך געקויקלט דריי רוסן אין געשפאן |...|".
מארקיש, 10, 204.

ה י ק ע וו <u>א</u> ט ע – <u>אדי/אדוו</u>. (<u>שש</u>) וואס זאאיקעט זיך (שטאמלט).

3636 1931 " |...| גערעדט האט ער |דאס בחורל| <u>היקעוואטע</u>".

<u>פער 164, 84.</u>

1940 " קוקט ניט, וואס איך בין א ביסל קבצנעוואטע, דערפאר בין איך ניט תמעוואטע, ניט <u>היקעוואטע</u>, |...| און די אויערן זיינען ביי מיר ניט פארלייגט מיט וואטע".

<u>דרוקער, 1, 136.</u>

ה י ק ע ן I - אוטור. ארויסברענגען א שטארקן פלוצעמדיקן געשריי.

% ער קאן גאר שטיל ניט רעדן, נאר ער היקעט. אויף מיר זאלסטו ניט היקען, כ'בין ניט דיין משרת!

1875 " א מאל פלעגט יודל זיך צעלאכן // ביים הערן אירע

3640 אלע זאכן, // א מאל טאן אבער בייז א היק, // אפבאדן

זי אין קראטקע וויק".

מענדעלע, 10, 21.

1971 " שא! שאיך! שגיך!... ר' אביש גייט! - האט נפתלי

3643 שאלאטן=שמש פלוצלינג אנגעהויבן היקען |...|".

ב. רעסלער, פער 69, I/X/7.

ה י ק ע ן !! - אוטור. דזוו איקען (שלוקערצן).

1956 " ער האט געקייכט פאר פרייד, געהיקעט און געלאכט,//

3639 געטרייסלט אויף זיין בויך האבן זיך זיבן שמאלצן".

מארקיש, 10, 292.

795 ה–

ה י ק ע ן ( ז י ך ) - אוטוו. (זן) דזוו זאאיקען זיך
(שטאמלען).

ה י ק ף |העקעף| - דער, (מצ זן) = ים |העקייפים|.

1. (מאט). פארימעטער. דער היקף פון א קרייז.

דער היקף פון א קוואדראט איז גלייך צו דער סומע פון די זייטן.

2. ארומנעם, פארנעם, מרחב, אויסשפרייט, תחום.

% דער היקף פון זיינע ידיעות איז א קנאפער. דאס בוך האט א גרויסן היקף, עס נעמט ארום א גרויסע עפאכע און פארשיידענע שיכטן פון פאלק.

1936 " ביי האכט. און עס לייגט זיך דער טארפענער היקף // אויף מעכטיקע לאפעס אנידער". 3658

כאריק, 3, 174.

1953 " מיר זיינען אפשר ׳צו אלט׳ פאר נאציאנאליזם פון אזא היקף און אזא אינטענסיווקייט". 3647

ח. גרינבערג, 2, 142.

797

ה-

1968 " דער פאקט אליין, וואס ער |רינגלבלום| איז געווען

3653 פון די סאמע אקטיווסטע עסקנים פון יידישן אונטערגרונט,

האט אויסגעברייטערט איין האריזאנט און דעם היקף פון זיינע

באשרייבונגען און עסייען".

י. קערמיש, פער 38, נ׳ 64, ז׳ 149.

ה י ק פֿ ד י ק |העקעפֿדיק| – אדי/אדוו. ארומנעמיק אין גאנצן אויסשפרייט.

1958 " |...| דער באגריף דארף אויסגעברייטערט ווערן. ער דארף היקפֿדיקער און טיפֿער פֿארשטאנען ווערן". 3661

ביקל, 1, 279.

1968 " |...| איז רינגלבלום אריבער צום שרייבן וועכנטלעכע נאטיצן און דערנאך צו גרעסערע און מער היקפֿדיקע איבערבליקן און עסייען". 3660

י. קערמיש, פּער 38, נ׳ 64, ז׳ 149.

(?ג?) ה י ק ש |העקעש| - <u>דער, =ים |העקיישים|</u>. (<u>לל</u>)

פארגלייך, צוגלייך, אנאלאָגיע - איינער פון די לאגישע כללים אין דער גמרא, ווערט אנגעווענדט ארויסצולערנען איין דין פון א צווייטן, וואס קאנען ווערן פארגלייכט.

1919 " <u>היקש</u> הייסט, ווען צוויי דנים זענען צוזאמען אין
איין פסוק, לערנט איין דין אויף דעם צווייטן, ביי 3662
וועמען איין דין איז נוהג איז דער צווייטער דין אויך נוהג".

<u>זאלער, 1, 50</u>.

(?נ?) ה י ר ! - אדוו. (עלט) דא.

1878 " |...| האט ער זיך באשלאסן פון הירַ אפצוביויען

3666 |=אנטלויפן| און איז שנעל געלאפן |...| איבער גערטנער, פעלדער."

דובער בורשטיין, 1, 10.

הירַ. ם מה"ד:

|סוף XVII י"ה " דאז אכטי קינד איזט אייער ליבר גיטרייער

3670 פאטיר שצ"ל גיוועזן, וויל מיך הירַ ניט פיל פון אים

אויף האלטין".

גליקל האמיל, ז' 67.

(?נ?) ם ה י ר II |הייר/הער| - -----> הייר/הער.

802. ה־

(?נ?) ם ה י ר נ א ך |הערנאך?| - אדוו. דערנאך. מה"ד:

1739 " |...| איך פר זיכרי איהם |דעם לייענער| ער ווערט

3669/1 היר נאך דעם גוטן גשמאק |פון בוך| דרויס פריבן".

ס׳ מבחר הפנינים, הקדמה.

(?נ?) ה י ר ד ש אַ פֿ ט - -----> <u>הערטשאפט</u>.

ה י ר ה ו ר - <u>דער, =ים.</u> <u>(לל)</u> געדאנק, מחשבה, רעיון
(ס׳רוב ווען אזא וואס קומט אויף פלוצעם,אומווילי׳ק,
פארביילויפנדיק).

% האבן/קריגן א <u>הירהור/הירהורים.</u> זינדיקע <u>הירהורים.</u>

1894 " |...| יא, רבי, א תענית=תשובה... א רגע פריער,
ווען איר האט אנגעהויבן עסן, האב איך געהאט א <u>הירהור</u>...
עובר צו זיין אויף לא תחמוד".
<u>פרץ, 17, 111.</u>

... " |...| ווי אלע,כתרילעווקער יידן.האט |ע.ש.| רב יוזיפל
געלעבט אין עולם=הדמיון, ארומגעגאנגען שטענדיק אין 3679
<u>הירהורים</u>, אין פאנטאזיעס".
<u>שלום=עליכם, 5ד, 35.</u>

1922 " |...| צי איז אים ביים אראפקומען אהער ניט ארויפ-
געקומען א הירהור, אז ער פארט אהער אויספירן א געוויסן ענין."
3675 בערגעלסאן, 3, 42.

1967 " דער וואסערטרעגער זישע זאל סאמע אין שול קריגן
3680 א הירהור מכוח אן אשה אין עזרת נשים |...|".
אהרן צייטלין, 6, 229.

0 הירהור=עבירה |~ אוויירע| - מצ הירהורי=עבירה
|הירהוריי- אווייערע| - א געדאנק צו טאן אן עבירה.
זינדיקע געדאנקען.

1968 " אין זיין פארגלאצטקייט זענען אים באפאלן הירהורי=עבירה
3684 א מאנצבילשע לוסט האט אין אים אויפגעפלאקערט".
ש. איזבאן, פער 38, נ' 62 - 63, ז' 208.

הירהור=תשובה |~ טשוויוע| – מחשבה וועגן חרטה אויף די
באגאנגענע זינד.

1900 " דער ניגון |...| האט שוין א ריח=תורה, א יניקה
פון קדושת=שבת, מיט הירהור=תשובה פון א ייד א למדן".
פרץ, 17, 319.

1967 " די ווערטער פון דעם, איסטערלישן וידוי,// געזאגט
מיט אזא וויינענדיקער שטים,// אז יעדער איינער האט 3683
געהאט א הירהור=תשובה".
אהרן צייטלין, 6, 390.

ה י ר ז ש - דער, בא. (באט) תבואה=געוויקס

|וורסנ

1. פון דער משפחה=גראזקע

דאס געבלים האט א פארעם פון א בעזעמל.

% א פעלד מיט הירזש.

1891 "הירזש גיט זייער |...| גוטע שטרוי צו פאשען בהמות".

3718 וועבער, 1, 75.

2. די פרוכטן פון געוויקס - קליינע געלע קערנדלעך, ווערן געניצט ווי גרויפן, אין שפייז.

% קאשע פון הירזש. הירזש מיט האניק איז א געשמאק מאכל. מע האדעוועט די גענדז מיט הירזש.

1863 " איבער אומצייטיקע אויפס, איבער ברויט פון רייזמעל

3695 אדער פון הירזש |טעקסט:הירז| |...| איז אלץ |די ברכה| שהכל".

דאנציג, 2, דף מ/ב.

... "היינטיקן פאר פסח האט מיר גאט צוגעשיקט א געשעפטל:

3711 איך האב געהאנדלט עטלעכע וואגאן הירזש".

שלום=עליכם, 6א, 77.

1922 " |...| באקן פיראגעס מיט הרזש און האניק".

3693 זינגער, 1, 180.

1953 "מען הרוזעט |=לאדעווועט| אויס היינט א וואגאן הירזש,

3706 פירן מיר דעם הירזש קיין מאזיר".

ש. סיימאן, פער 69, $14/\bar{X}$.

7 עסן ווי הירזש(עמעצן) – שטארק דערעסן, דערקוטשען, דערגיין די יארן.

רעד: ס'איז פון א קארנטל, מיטן צייכן סטוטש 567,

עסן ווי הירזש(שאווער) קומט אויס אז ערגעץ=ווו.

האט הירזש געהאט דעם באטייט "זשאווער"?
זאל עס זיין א פאלקסטימלעכער ארויסרייד פון אוקר/ווייסרו זשאווער?

" הייסע הירזש מיט לעבערלעך" - (שלש) א מאכל וואס עקזיסטירט
נישט, גארניט, אזוי ווי "א לאך מיט א בייגל" |קטוו|.

% ווען איך בין געקומען פון חדר און האב פארלאנגט עטוואס
צו עסן, האט מיר מיין שטיפמאמע געענטפערט: איך קען
דיר געבן הייסע הירזש מיט לעבערלעך" |קטוו|.

ם הירזא/הירש - מה"ד:

... " ודוחן - אונ׳ הירזא, מיני מאכל".

3710 רייכלין 8, יחזקאל, ד - ט.

1661 " דער מירר טייל אירר שפייז דש וואר הירש גיזאטן
3726 מיט פלייש |...|".
יוסיפון, 2, דף שנ"ו׳.

1716 " אונ׳ דוא נעם דיר ווייץ אונ׳ גערשטן |...| אונ׳
3717 הירש |...| אונ׳ דוא צאלשט געבן די אלי זכן איך
איינם כלי |...|".
ס׳ המגיד, 3, יחזקאל, ד - ט.

ה- 810

הירזשיק - אדי/אדוו. ווי הירזש (גרייפלדיק, קערנדיק).

% די קאוועני איז שוין איבערצייטיק און געווארן הירזשיק.

ה י ר ז ש ן - אדי. (הירזשענע, הירזשענער). פון הירזש.

% הירזשענע קאַשע. הירזשענע שטרוי.

... " פלוצעם קומט איר אן, זאל זי נעמען אנבויטען א גאנצע

3722 פאמעניצע, כלומרשט א הירזשענעם קאליש אדער א קרופניק|...|".

שלום=עליכם, דאס טעפל".

1974 " אין אומארדענונג האבן זיך געוואלגערט אויף דער

3720 פאדלאגע גר יסע פלאשן מיט ספירט, פושקעס קאנסערוון

און א זעקל הירזשענע קאשע".

יזב 17, 282.

0 הירזשביר - דאס, בא. ביר געברייעט פון הירזש.

הירזשמעל - דאס,בא. מעל געמאלן פון הירזש.

הירזשנאפס - דער, בא. בראנפן געמאכט פון הירזש.

ה י ר ז ש ע ן - אוטוו, פאר געהירזשעט.

1. (וועגן פערד) ארויסברענגען א קלאנג.

% די פערד הירזשען, זעט אויס זיי האבן שוין דערשמעקט א קרעטשמע.

|1899| " ערגעץ פון דער ווייטנס רופן זיך אפ געמבעס:
3745/1 א מעקען פון ציגן, א הירזשען פון פערד".
מענדעלע, 8ב, 64.

1910 " |...| און זאלן דארט |...| זיך רויק פאשען קי און
3747 ציגן, חזירים כריוקען, הירזשען פערד".
פרוג, 3, 221.

1935 "|...| קליאטשעס הירזשען דאן מיט גרויס בענקשאפט,
3752 רופן אזוי לאנג |...|, ביז אן אגער איין שטאל |...| רייסט אויף די פארשפארטע טיר".
זינגער, 5א, 73.

1963 " סע הוילן הינט און הירזשען פערד,// און ס׳גייט די

3748 זון איר וועג דעם זוניקן זיך ווייטער".

י. פרידמאן, 3, 66.

2. (פיג) ארויסברענגען קלאנגען, ווי דאס הירזשען פון פערד.

1927 " זרח, האט דעמאלט אפילו געהערט,// ווי ער האט זיך

3751 צעטאנצט אין דר יסן,// נאר ער האט געהירזשעט דערביי

ווי א פערד".

מ.ל. האלפערן, 1, 264.

1939 " |...| שטיפנדיק |...| הירזשען מיר, ווי לאשיקעס".

3736 מייזל, 1, 87 |?|.

1965 " |...| עס האט זיך געהערט זיין הירזשענדיקע שטים".

קאגאנאווסקי, 4, 101.

3. (שלש) לאכן צו הויך, ווילד, ניט עסטעטיש.

1927 " אן אנדערער לאכט כאטש שטילערהייט - // איך הירזשע
אזוי ווי א פערד אויפן קול". 3750
מ.ל. האלפערן, 1, 21.

1943 " |...| די פארזאמלטע הירזשען יעדעס מאל, ווען מען
רופט אויס דאס שמוציקע ווארט". 3753
זינגער, 8, 249.

1967 " ער האט זי געפעטלט און געקנייפט איך ווייכן פלייש
אריין. זי האט קאקעטיש געהירזשעט און זיך נענטער געטוליעט 3740
צו אים".
י. פערלאוו, פער 155, I/1.

17 פּפּ:

<u>הירשען ווי א פערד, ווי א נאר</u> - לאכן צו הויך, ניט שיין, ניט צו דער זאך.

<u>הירזשענדיקע זופּ</u> - (<u>שגל</u>) זופּ מיט פערדנפליייש אין קאוונע געטא=וואַרשטאָטן.

<u>בלומענטאל, פער 90, נ׳ XXII - 1</u>.

ה י ר ז ש ( ע ) !! - דער, =ן. וואס פון הירזשען.

דאס הירזשען.

1960 " דער הירזש פון פערד מישט אויס זיך מיט די לידער".

3737 יוסף רובינשטיין, 2, 129.

ה י ר ז ש ע נ י ש - דאס, בא.

1. דאס הירזשען א סך, לאנג.

% פון שטאל האט זיך געהערט א הירזשעניש פון פערד.

2. (איר, פעיא) וועגן לאכן.

% א ווילד היזשעניש.

1931 "וואס איז אויף אייך אנגעפאלן פאר א הירזשעניש?".

3756 קושניראוו |?|, פער 164, 220.

ה י ר ז ש ע ן = פ י ב ע ר - דער, בא. קראנקייט,

פארבונדן מיט היץ און מיט אן אויסשיט אויף דער הויט

וואס זעט אויס ווי הירזשלעך.

(מעדיצייניש:

ה י ר ז ש ע ר יי - דאס, =ען.

1. דזוו הירזעניש, ב׳ 1.

1935 "פון ערגעץ האט זיך דערטראגן א הירזשעריי פון פערד |...״.

3759 עליע גארדאן, 1.

2. דזוו הירזשעניש, ב׳ 2.

1926 " אלע האפקען, אלע שרייען,// און פון פּייפּן, הירזשעריי

3757 הירזשערייען,// פון דעם קלאפן אין די הענט,// טרייסלען זיך

אין ~~קלוגר~~ קלויז די ווענט".

סעגאלאוויטש, 8, 52.

1947 " ווען די געפייניקטע מענטשן האבן אנגעהויבן ברעכן,

3758 זיינען די היטלעריסטן ארויס מיט אזא פריילעך הירזשעריי,

ווי אפריקאנער מענטשן=פרעסער".

יזב 8, 215.

ה י ר ט **!** - דער, =ן. פּפֿ הערט. (עלט) פּאסטעך.

| |
|---|
| רעד: פּאר וואס פּסלט סטוטש "הירט" און כשרט הערט (איך באטייט פּאסטעך), ווען אלע מקורים ווילן דווקא "הירט" און אין מה"ד איז אויך "הירט"? |

1878 " דער הירט, וואס ער האט זיך אומגעוועקסלט מיט אים די
3771/1 קליידער |...| האט אים ניט ווילנדיק פּארראטן (אויסגעגעבן)".
דיק, 90.

1912 " נישט מיט בויגן און מיט פּאנצער ער זיין לאנד
3763 געווינט,// נאר אלס פעלדמאן, הירט און פלאנצער,//
איינפאך אבער געזונט".
ברכיה שאפּיר, 2, 13.

|1931-1926| " |...| אברהם פון זיין רעכטער זייט, יצחק פון

3768 דער לינקער, יעקב פון פארנט, און משה, דער טרייער

<u>הירט</u>, וועט גיין און טאנצן מיט אלע צדיקים אין גן=עדן".

<u>אפאטאשו, 10, 52</u>.

1953 " ניט וואלקנס, ס'זענען שאף |...| און ס'איז יעקב דער

3765 <u>הירט</u>, |...|// די רינדער באגינען צום ברונעם ער פירט".

<u>יעקב פרידמאן, 1, 25</u>.

<u>הירט.</u>[ם]

... " מיר זיין |זיינען| אז די שוף די קיינן הירטן הון".

3780 <u>מגילה=ליד, שורה 660</u>.

1602 " ער |נבוכדנצר| זול זיך אין מצרים אן ציהן און

3767 ווינדן אום זיך דען זק ראב |=זאקרויב| וויא איין

<u>הירט</u> זיין קליידר אום ווינט".

<u>ס' ירמיה, מג -יב</u>.

822

ה-

1716 " אונ׳ עס ווערט קיינר דורטן |אין בבל| וואונען |...|, 3767/1

עז ווערט ניט גיצעלטן דורטן אפילו איין טאטר אונ׳

הירטן ווערן ניט מאכן רואן דארט איר שאף".

ה י ר ט II - די, =ן. סטאדע (שאף, רינדער).

1872 " |...| און האט איין גוט שאף דאס איין זכר איז

3770 אין זיינר הירט אנטער פיל שאף".

צאינה וראינה, 3, פרשת תולדות.

ה י ר ט י ן - די, =ס. (עלט) פאסטושקע.

ם
הירטן.

1610 " און' נ'ן רחל זיא וואר קומן מיט דען שופֿן דש

3764 צו אירם פאטר וועך איין הירטן זיא |...|".

טייטש=חומש, בראשית, כט - ט.

|תי: פאסטוכערין|.

ה י ר ט ל - דאס, =ער, פּקפּ (דיאל, פאליעסיע) פון הערט.
קליינע סטאדקע(לע).

1953 " האבן |...| טויבן זיך אויפגעהויבן |...| און איך
א צעשראקן הירטל אוועקגעיאגט". 3795
בערגעלסאן, 15א, 92.

...............................................................

רעד:אין לעקסיקאן, ווי אויך אין צוגאב=לעקסיקאן פון
ב. כהן ניטא אזא אויסגאבע, און בכלל קיין שום
אויסגאבע פון 1953 ס'מוז זיין א דערציילונג פון
אן אנדער זאמלונג שריפטן זיינע. אבער ס'איז
זיכער בערגלסאנס א ווארט - דא נאך צוויי קארטלעך
מיט ציטאטן, ניט אנגעגעבן ווערק, נאר אונטערגעצייכנט:
"בערג": א) "איך א הירטל ווארעמען זיך הינער";
ב) "איך ביידע זייטן פון וואגן האבן זיך געפלעקט
באוואפנטע |?| הירטלעך".(טעקסט ניט=פארשטענדלעך...

ה י ר ט מ א ן - דער, ~ מענער. (עלט) פאסטעך.

1953 " דער פאלעסיער נאמאד איז געווען א קריגסמאן און

3791 א הירטמאן. ער האט ארומגעוואנדערט מיט זיינע טאבונעס

פערד און סטאדעס פיך".

ברוסילאוו, 1, 9.

ה י ר ט ן =... – באשטימטייל פון נונויפהעפטן, באטייט(עלט):
פון א הירט (פאסטוך).

1908 " |...| זינגען וועסטו הירטנלידער,// פאשענדיק נאך
3788 דיין שאף |...|".
ראזענפעלד, 2, 120.

1914 " ילקוט=הירטנטאש".
3787 גורדון, 1, שמואל א׳, יז - מ.

1936 " איך וויל דיך דערהייבן מיט געקריינטע ביכורים אין
3786 גאלדענע קערב און ניט אין קיין הירטנזאק".
איבז אנ, מחזור, 5, 170.

ם הירטן=...

1544 " בוינף הערטר קיזיל שטיין נאם דער זעלביג קנאב.//
3792 אין דיא אנדר האנט נאם ער זיין הירטן שטאב".
שמואל=בוך, סטר 357.

ה י ר ט ש א פ ט[ם] די/דאס, =ן. פפ̄ הערטשאפט. סטאדע.

1626 " אונ׳ גוט האט מכן ציאן אז איין שאף זיין פאלק

3782 (וינהגם) אונ׳ האט זיא גפירט אז איין הירטשאפט אין

דער מדבר".

ס׳ המגיד, 1, תהילים, ע"ח – נ"ב.

1732 " העדרים – דיא הירטשאפטן".

3785 מלמד שיח, בראשית, כ"ט.

ה י ר ט ש ע ן  –  אוטור. פאר געהירטשעט. ווארטשען, ריטשען.

1886 " זי האט זיך א לאז געטאן צו יאסעלען, איז אנגעפאלן

3796 אויף א ם מיט בײדע קולאקעס, געפינעט און געהירטשעט,

ווי א ווילדע חיה".

שלום=עליכם, 25, 51.

ה י ר ל י ה ע - די, =ס. א פאסטעך=שטעקן.

% "א טארבע אויף די פלייצעס און א הירליהע אין די הענט,

אזוי שאפאנט דער פאסטעך ארום דער טשערעדע א גאנצן טאג".

|קטור|.

(נ?) ה י ר מ י ט – אדוו. דערמיט, מיט דעם.

1724 "היר מיט איז מן מודיע |...|".

פנקס קהלות אה"ו, ציט פער 94, נ' XXXIII, ז' 115.

(?נ?) ^ם^ ה י ר ן – די, מצ. געהירן. מה"ד:

1544 " ער |דוד| ווארף מיט גרושן קרעפטן דען ריזן אויף
3801 זיין שטירן.// דורך אל זיין גישמייד דען שטיין איין
זיין הירן".
שמואל=בוך, סטר' 375.

|?1685| " ווער פיל גענז האט דער זאל דיא קעפף אויף
3800 שפאלטן דז הירן מיט דען הייטלן ארויז נעמן |...|".
דרך הישר לעולם הבא, דף ס"ט.

0 הירן שאל – די. שארבן (פֿון קאפ).

|?1685| " |...| דש מיינט מן ניט אלז דיא תפילין מוזן
3803 גאנץ אובן ליגן אויף דער הירן שאל |...|".
דרך הישר לעולם הבא, דף נ"ט.

1723 " |...| אונ׳ דז ספר ביווייזט דעם אוצר פון דער תשובה

3803/1 ווער מוח אין זיינר הירן שאל האט דער קאן ניקש דער

ווידר רידן".

שמחת הנפש, 2, דף ל"ח.

הירנ שיידל - דאס. געהירן=שיידל.

... " קדקדו - זין הירנ שעדל".

3807 רייכלין 8, תהילים, ז- יז.

834 ה־

(?נ?) ה י ר נ י ש ו ו אָ ר צ ל - דער, =ען. בנב.

1728 " |פאר א רפואה קעגן כישוף| נעם |...| הירניש ווארצל,

3805/1 טייבילש און ביס שווארצן קימל |...|".

סגולות ורפואות, ??, דף כ"ט.

ה י ר ע ס – די, מצ. "צעפּאַטלטע, ניט=פאַרקעמטע האָר, וואָס הענגען ווי שטעקלעך". |קטוו|.

.................................................

רעד: אין אוקר איז דאָס – דווקא מיטן

באַטייט: קורץ אפּגעשוירן!

.................................................

ה י ר ע ש ט ש ע |אקצענט?| - די, =ס. "א געפילדער, א שטומל

3810 |קטור|.

(?נ?) ה י ר פ ּ אָ ר ן - <u>אוטוו</u>. (<u>עלט</u>) אהערפארן, ארײנפארן.

1872 " אברהם האט געבויט איין הויז מיט פיר טירן, דרום

3811 אז די געסט זאל <u>הירפארן</u> ווי זיי ווילן".

<u>צאינה וראינה, 3, פרשה וירא.</u>

(?נ?) ה י ר ץ ס - דער, =ן. הירש. מה"ד:

... " איל וצבי - הירץ אונ הינדא".

3814 רייכלין 8, דברים, יד - ה.

(?נ?) ה י ר צ ל ע ן ם = אוטוו. שפרינגען ווי הירשן.

... " רקדו - די טריפלטן, י"א די הירצלטן".

3815 רייכלין 8, תהילים, קיד - ד.

ה י ר צ ן - ----> אירצן.

841 ה-

ה י ר ק א נ ט י ק - אדי. (עלט) פון היגן קאנט, היג(ע, =ער).

1881 " ער וויל ניט ליידן אונדזער הירקאנטיקע ברידער,

3818 ווייל ער איז א ווארשעווער און א חסיד".

פער 74, XII/17.

ה י ר ק ע ן - אוטוו. וואַרטשען.

... "אפיל מיין אויפשטעל דעם פאדעלעק מיטן שמונה=עשרה

3819 נאכן רענדארס זילבערמינץ, מיט מיין הירקען דערביי: נו-נו!",

רעד: פון וועמען די ציטאַטע!?

ה י ר ש - דער, =ן. פפֿ <u>הערש</u>. (<u>זאאל</u> זויגער=בעל=חי. (<u>ווסג</u> ), מעלה=גרהדיק, , די פעל רויט=ברוינלעך, ווינטער - גרוי=ברוין, דער זכר=הירש האט צעצווייגטע הערנער; די הירשן (אין עטלעכע זגאלן) זיינען פארשפרייט אין די וועלדער און בערג פון אייראפע און קליינאזיע.

% דער <u>הירש</u> בייט זיינע הערנער אלע יאר. דער <u>הירש</u> שפרינגט איבער די בערג. איידעלער הירש, צפונדיקער הירש, צאמהירש, רויטהירש (זגאלן הירשן).

1878 " ווי א יעגער וואס יאגט נאך אן אונטערגעשאסענעם <u>הירש</u>, וואס איז אנטלאפן געווארן".

<u>דיק, 90</u>.

... " אנטלויף, מיין געליבטער!... און זיי געגליכן צו

א הירש |...| אויף די בשמים=בערג!". 3826/1

שלום=עליכם, 6ד, 20.

1931 "עס קערט זיך אום דער טאג מיט זון געזאטלט,// ווי

ס'קערט א יעגער זיך פון וואלד מיט הירש אויף אקסל". 3826/2

מארקיש, 5, 186.

1972 " שיינע הירשן לויפן פארויס צו דער גרינער |...|

וואלדיקער אומפארצוימטקייט". 3826/3

שפיגל, פער 38, נ' 76, ז' 49.

Z7 גיין ווי א הירש - זייער גיין.

לויפן ווי א הירש - לויפן גיין.

ם
<u>הירש/הירז.</u> <u>מה"ד:</u>

1743 " אונ׳ ביזט גלייך אז איין <u>הירש</u> ליפט דז מן אים ניט

3832 פנגט |...|".

<u>קב הישר, 2, דף מד.</u>

ה י ר ש י כ ע - די, =ס. ווע צו הירש.

... " |...| שלאנקע פיס, ווי ביי א הירשיכע".

3833 שניאור, קיסר און רבי, |באנד?|, ז' 27.

1968 " |...| הירשיכעס מיט אויפגעפוישטע קערפערס |...|".

3835 ל. אליצקי, 3, 157.

ה י ר ש י ן - <u>די, =ס.</u> <u>ווע צו הירש.</u>

1958 " די הירשין האט אין דער שטיל ווי ארויסגעקרעכצט

3836 איר אנגסט |...|".

<u>מעצקער, 1.</u>

ה י ר ש י ק - אדי/אדוו. (שנש) ווי א הירש.

1970 " ארייגעפאלן - און געבליבן הירשיק// אויף די פיס".

3837 סוצקעווער, 6, 45.

ה י ר ש י ש - <u>אדי/אדוו</u>. (<u>שנש</u>) ווי א הירש.

1923 " דער ליכטיקער הירש פונעם אויפגאנג//|...| <u>הירשיש</u>

3838 דעם קאפ איבערשטעלן,// גלעקלעך ביי אים אויפן האלדז".

<u>קוויטקא, 3, 183</u>.

ה י ר ש ל ד י ק - אדי. (שנש) ווי א יונגער הירש, א הירשל.

... " א הירשלדיקע לויפט זי |...|".

3839 סוצקעווער, 4, 397.

ה י ר ש ן - אדי (הירשענע/הירשענער). (ווי) פון א הירש.

% די הירשענע פעל. א הירשענער האָרן.

1970 " סע לויפן חדשים מיט הירשענע פיס".

3841 ל. אליצקי, 4, 66.

ה י ר II - ----→ הֵעַר (ארמיי).

853 ה-

ה י ר ש א ר - ----> הערשאר (ארמיי=אפטייל).

ה–
854

ה י ר ש = ב א ב ע ל ע - דאס, =ך. (זאאל) אינסעקט, געגויער בנ?.

1924 " דאס הירש=באבעלע איז דער גרעסטער פון אלע אנדערע

באבעלעך. די גרויסע קינבאקן זיינע זעען אויס ווי 3846

די הערנער פון א הירש".

איבז איסעל, 1, 129.

..................................................

רעד: לויט דער באשרייבונג איז דא געניצט ניט ריכטיק

דער טערמין "באבעלע" (באבעלע איז א פלאטערל)

מסתמא געמיינט א זשוק, טאקער דעם הירש(ן)=זשוק

(זען ווייטער).

..................................................

ה י ר ש ב אָ ק – דער, ~ באק. (זאאל) דער זכר פון א הירש.

(?נ?) ה י ר ש ( נ ) ב ר ו י ן - אדי/אדוו. העל=ברוינער
קאליר, ווי די פעל פון א הירש.

1953 " און אירע אויגן זענען הירשן=ברוינע |...|".

3849 יעקב פרידמאן , 1, 56.

ה י ר ש ה אָ ר ן - דער, בא.

1. דער הארן פון א הירש.

2. מאטעריאל / מאסע פון הירשהארן אדער ענלעך צו הירשהארן (גענוצט צו מאכן קנעפ, מעסערשטילן אד"גל).

(?נ?) ה י ר ש ה אָ ר ן = ז אָ ל ץ - די/דאס, בא. (עלט)

אמאליק היילמיטל, געמאכט פון הירשהארן (ב׳ 1), פֿטם טערמין פאר א מאגיום=קארבאנאט.

טערמינעס פון כעמיע, ווילקאמיר יידי׳ רעאל=גימנאזיע 1926.

859 ה-

(?נ?) ה י ר ש ה אָ ר ן / ק ר ו י ט - דאס, בא. ס

געוויקס, גענויער בנב.

1728 "(איין הויז צו רייניגיין פון כשש) נעם וויינרוך,

3851 טייבילש קויט, ווידער טואן, הירש הארין קרויט, וויין

רויטן |...| דאמיט אופט מאליןאין טאג צו רייכרין

אויף שמידיש קוילן אין אלע חדרים".

סגולות ורפואות, דף כ"ט.

ה–

860

הירשהונט – דער, ~ הינט. געיעגהונט מיט וועלכן מע יאגט זיך נאך הירשן.

ה י ר ש = ז ש ו ק - דער, =עס. (זאאל) איינער פון די גרעסטע זשוקעס פון דער גרופּע דער זכר צייכנט זיך אויס מיט זיינע שטארק אנטוויקלטע קינבאקן, וואס זעען אויס ווי הערנער פון א הירש; אנדערש אויך גערופן "הירשל".

..................................................

רעד: דאס לעצטע מסתמא לויטן פּוילישן

..................................................

ה י ר ש ל - דאס, =ען.

1. קלײנער אדער יונגער הירש.

2. דזוו הירש=זשוק.

ה י ר ש ל ע ד ע ר – דאס, בא, פפ̄ הירשן=לעדער.

לעדער געמאכט פון דער פעל פון א הירש.

רעד: דאס קארטל גיט אן דעם נומער פון דער גרופע
ביי סטוטשקאווען 128; דארט איז אזוינס ניטא,
אויך ניט אין 218 (טאמער א טעות).

הירש לעדיר.

1728 "(רפואות לכאב עינים) נעם ריטר ספארין |...|
און ווארצל פון איין ווייצן בוים און זאלץ |...| 3856
און איין גוטי פעריל, ניא דש צו זאמין אין איין
ששיק נייא הירש לעדער אונ' הענג אים אן דען האלדז".
סגולות ורפאות, דף כ'.

ה י ר ש ן = ל י ש א י - דער, =עס. דזוו הירשנמאַך.

1922 " איינציקע ארטן לישאיעס, ווי למשל דער הירשן=לישאי 3861
|...| וואס וואקסט אין יענע לענדער, דינט ווי די
איינציקע שפייז פאר די הירשן איבער הויפט אין לאנגן
ווינטער".

איבז א. גאלאמב, 2, 148.

רעד: איןביידע מקורים איז אנגעגעבן, אז ס'זענען
דא צייכענונגען פון דעם געוויקס - כדאי צו געבן!

ה י ר ש ן = ל ע ד ע ר - -----> הירשלעדער.

ה י ר ש נ מ אָ ך - דער, בא. פּפּ הירשן=לישאי. (באט)

קוסטפארמיקער מאך (לישאי),

( ווסנ

ווייסלעך גרא, דינט ווי די הויפטשפייז פאר די הירשן

אין די צפונדיקע געגנטן.

1920 " איין מין פון די פלעכטנגראזן האט זייער א גרויסע

באטייטונג פאר די צפונדיקע איינוווינער, דאס איז דער 3860

אזוי גערופענער הירשנמאך, וואס האט א פנים פון גרויע

אדער ווייסע צעצווייגטע ביימעלעך. אין משך פון ווינטער

איז דער מאך די איינציקע שפייז פון דעם צפן=הירש".

איבז האכבערג, 1, ז' 161.

ה י ר ש ( נ ) =... - באשטימטייל פון סוב=צונויפהעפטן,

באטייט: פון הירש/הירשן.

% <u>הירשן=הארן</u>, <u>הירשן=לעדער</u>, <u>הירשנפעל</u>.

ה י ר ש נ פ ל יי ש – <u>דאס, בא</u>. פלייש פון א געקוילעטן הירש.

ה י ר ש נ פ ע ל - די פעל, =ן. פעל פון א הירש(ן).

1882 " מיט א פימסענעם ארון=קודש, א ספר פון הירשנפעל,

3863 פון זהב טהור א כתר=תורה |...|".

לינעצקי, 6, 3.

870 ה־

ה י ר ש נ צ ו כ ט – <u>די, בא.</u> (<u>דטשמ</u>) דאס האדעוועץ הירשן.

ה י ר ש נ ש ו ו ע מ ל – דאס, =ער. (באט) שוואס פון דער טרופל=משפחה ( ), טויג ניט צום עסן, לעבט אין סימביאז מיט בוימווארצלען(דערהויפט פון אדלביימער), די גרייס פון א וועלשענעם נוס, העל געל אדער רויטלעך (ווסנ)

|
|---|
| רעד: לויט אנדערע מקורים: א) |
| ב) |

1920 " ביי דעם ווילדן הירשנשוועמל איז דער זאפט ניט אראנדז, נאר ווייס |...|". 3875

איבז האכבערג, 1, 149.

ה י ר ש צ ו נ ג - דער/די, =ען. פפ̄ הירשצונגקרויט.

(באט) א קרייטער מיט בלעטער ענלעך צו א צונג פון א הירש

(ווסנ)

1950 " והעקרבנין. און הירשצונג (אזא ביטערגראז)".

איבז פעטרושקא, 1, שביעית, ז/ ב. 3867

ם

הירש צונגין.

1728 " דען זעץ זיא צו זונדר זאלץ איין דיא קרייטר

|...| אונ׳ הירש צונגין איטליכיש איין האנט פול |...|". 3866

סגולות ורפואות, דף יט.

0

הירש צונגין קרויט - דזור דפור.

1728 " נעם |...| לאקריץ,|...|, פעלד קימל, |...| הירש צונגין|

הירש צונגין קרויט |...| טוא עז איין אנדר האלבן מאס 3868

וואשיר, |...| איין שליש איין זידין |...| אונ׳ גיב אים

צו טרינקין". סגולות ורפואות, דף כ"ב.

ה י ר ש צ י כ ט ל ע ר  -  דער, =ס/מצ דז. (דטשמ)

דער וואס פארנעמט זיך מיט האדעוועו הירשן.

ה י ר ש ק א ל ב – דאס, מצ קעלבער. א יונגער הירש,

א זכר.

ה י ש ט ע - די, |=ס?|.

1. "אפזעץ" |קטוו|.

2. די שוים פון עפעס וואס זייערט אדער יערט"|קטוו|. 3878

| |
|---|
| רעד: פארן ערשטן טייטש וואלט איך נאך געפינען א<br>גרונד: ס'איז אפשר א פטמ (דיאל) פארמע (פארגרייזונג)<br>פון"הושטשע" אוקר/ווייר' - געדיכטס,<br>דאס אפגעזעצטע געדיכטע אין א צעלאזונג; אבער פארן<br>צווייטן טייטש ( פון זעלבן אינפארמאנט) האב איך ניט<br>קיין סברה. |

876 ה-

(?נ?) ה י ש מ ע  כ ז א ת |האישאַמאַ קעזוויס| - פַּר. (לל)

ווו. איז דאס געהערט געווארן אזא זאך?

1902 " עס איז ווידער אוועקגעגאנגען א חודש און צוויי

|...| - נישטא קיין אקציע |פון דער יידישער באנק|. 3879/1

|...| האט ער פארקאטשעט די ארבל און האט זיך גענומען

שרייבן ברייוולעך |...|. היתכן? - האט ער געשריבן

- הישמע כזאת? מע זאל אזוי לאנג האלטן איין אקציע און

שטעמפלען זי|...|".

שלום=עליכם, 17, 124.

ה י ש ( ע ) - אדי. (לאקל וולאצלאווּעק) היג(ע).

|פער 92, נ׳ 14|.

(?נ?) ה י ש פ א נ י ע . דאס, בא. (עלט) שפאניע.

ם הישפאניא.

1610 " אונ׳ דיא פר טייבונג דש היר דש איז דיז צו קינדר

2933 ישראל דש דיא קנענים ביז פרנקרייך אונ׳ דיא פר טרייבונג

אונ׳ דיא פר טרייבונג ירושלים דש אין הישפאניא זיא ווערדן

ערבן שטיט דער דרום"

טייטש=חומש, פרשה וישלח, (הפטורה, עובדיה, א - כ׳).

ה י ש פ <u>א</u> נ י ע ר - <u>דער, =ס/מצ דז</u> (עלט) שפאניער,

איינוווינער פון שפאניע.

1894 " ווען דער אומגעצוימט ער ווילד צעלאזטער <u>הישפאנער</u>

3881 זאל אפלו גאר דעם חשבון ניט האבן |...|".

<u>אלבז, ס' ביל, 1.</u>

ה י ש פ א נ ק ע – די, בא, (פֿפּ שפּאנקע. קראנקייט,

דזוו אינפלוענץ מיך גריפּ.

1923 " אין יאר 1918 איז דורך גאנץ איירא͏פּע דורכגעגאנגען

3883 א כוואליע פון אינפלוענץ, די אזוי גערופענע 'הישפּאנקע'".

פער 151, נ' 1.

(?ב?) ה י ש פ א נ י ש - אדי/אדוו. (עלט) שפאניש.

1930 " מען שטעלט צו א צעשניטענע הון אין דריי מיט א האבן

3881/1 ליטער וואסער, |... מע טוט אריין| קרוקווע, פאסאליעס,

און הונדערט און פופציק גראם הישפאנישן ארטישאק |...|".

שאפראן, 1, 94.

ה י ש ק ע - די, =ס. אויסגעקאכטע מארך און פעטס פון קעלבערנע אדער רינדענע פיס, דערנאך פארגליווערט; פיסנאהע, פעטשא.

1927 " |...| אפשר פעט, אזוי ווי קישקע.// גארנישט גוט - איז הישקע". 3885

לוצקי, 1, 831.

1960 " |...| גענומען צו עטלעכע גלעזלעך משקה און פארביסן מיט פארקילטע הישקעס". 3884

טיגער, 1.

ה י ת כ ן |האיטאָכן|? - פרעגאויסרוף.

<u>באטייטן</u>: איז דאס מיגלעך? ווי קאן דאס זיין? סטייטש?

ווי שיקט זיך עס? איז דאס רעכט אזוי?

... " סטייטש, וואשע בלאגאראדיע! אזא רציחה, פאני!<u>היתכן</u>??".

3888 <u>שלום=עלכם, 5ג, 236.</u>

1910 " <u>היתכן</u>, סטיאפקע? ווי געשיקט זיך דאס?".

3881/1 <u>פרוג, 2, 255.</u>

1949 " |...| און גארנישט געפונען? <u>היתכן</u>?".

3887 <u>פינסקי, 7, 114.</u>

1964 " |...| און ס׳ווערט א טומל: <u>היתכן</u>?".

3890 <u>ל. אליצקי, 2, 77.</u>

<u>רעד</u>: מע וואלט געדארפט דערגאנצן אלע ציטאטן!

ה י ת ר |העֶטער| - דער, =ים |העטיירים|.

דערלויבעניש, רשות, רעכט צו טאן עפעס.(ס'רוב וועגן זאכן, וואס בדרך כלל זענען זיי פארבאטן, זענען ניט אנגענומען צו טאן).

% היתר אויף עפעס. היתר צו (טאן עפעס). געבן א היתר.

די עגונה האט געבעטן א היתר חתונה צו האבן.

דער חולה האט געקריגן א היתר צו עסן יום=כיפור.

184.. " זע גאר יידן וואס זיי טוען.// שבת יו"ט וועו זיי

3901 רוען// זיי לערנען חכמות, לערנען מוסר// וועלכעס איז היתר, וועלכעס איז איסר".

גאטלאבער, 1.

1911 " |...| אייגנטלעך איז דא א היתר, אז עס גייט אין

3906 לעבן אריין, אויפצוטאן אן אייבער=הסברה, ווי אן ערוב, מע זאל מעגן טראגן, אן עיסקא אויף צו נעמען פראצענט וכדומה".

מענדעלע, 9, 58.

1920 " מיינסטו, ער וועט געפינען א היתר אויף אשת=אישעריי?

3916 הא - הא! דאן ווער איך זיין אנהענגער גלייך און באלד,

כאטש איך האב מיר דעם היתר לאנג שוין אליין געמאכט!"

פינסקי, 4, 140.

1958 " דער צייטווייליקער היתר פיינט צו האבן די דייטשן

3907 |...| איז נישט א יסן געווען אראפצונעמען |...|

דעם, אפיציעלן חרם פון יידיש=פאלקישער פארבינדונג".

ביקל, 1, 295.

0 היתר גמור |גאמור| - פולשטענדיקער היתר.

1832 " ביי זיי |ביי די נשים| איז דאס כמעט ווי א היתר גמור

3926 איינצוקוקן זיך אין א שיינעם מאנצביל |...|".

דוב בער |...|, 1, אות ט.

1866 " וועץ מעך פאר ראובן איין סחורה ניט בארגן וויל,

נאר פאר שמעון, און שמעון וויל דערפאר נוצן האבן, 3925

גיט זמעון דעם פארקויפער איין וועקסל |...| און דערנאך

פארקויפט ער די סחורה פאר שמעון טייערער, און דאס איז

איין <u>היתר גמור</u>".

<u>מרדי הלוי הורוויץ, 1, דף י"ב.</u>

---

<u>רעד</u>: מסופק איך אויסטייטש: לויט די ציטאטן קומט אויס

אז מע מיינט א פסולן, אומגילטיקן היתר. נאכפרעגן

זיך.

---

<u>היתר גמור</u>. ם

1752 " |...| דרום איז רעכט די לייט צו ווארנין אויף דעם

מנהג וואס צווישן אונז פר שפרייט איז בעו"ה אונ' האלטן 3924

עז פר איין (<u>היתר גמור</u>) אז שיא זיך לאזן די בערד פוצן".

<u>ס' עץ חיים, דף ל"ו.</u>

17 <u>מאכן זיך א היתר</u> - אליין זיך נעמען דאס רעכט צו טאן
עפעס וואס איז פארבאטן, וואס איז ניט אנגענומען צו טאן.

1884 " |...| אליין <u>זיך געמאכט היתרלעך</u>, אז אלעס מעג מען
3923 און געוואלט פארפירן גאר א ניי גלויבן".
<u>מאראכאווסקי, 2, 5.</u>

1920 " ס'איז אוודאי א חוצפה צו וועלן באכקוקן, וואס א רבי
3914 טוט, בפרט נאך דאס שליסל=לאך איז פארשטאפט, אבער דער
יונגער=מאן <u>האט זיך געמאכט א היתר</u> |...|".
<u>י. ווארשאווסקי, פער 155, IV /7.</u>

<u>נעמען זיך א היתר</u> - <u>דזוו דפוו.</u>

1971 " דער יונגער דור איז פון אונדז אוועק, ווייל מען
3913 האט א ם פארווערט, וואס מען מעג, האט ער זיך <u>גענומען א היתר</u>
אויך אויף וואס מען טאר ניט".
<u>גראדע, פער 69, !X/12.</u>

שור:

דער הייכער פעטער האט אין קעשענע דעם היתר.

ם

היתר.

1698 " |...| איך ווייז ניט וואו איהן דער היתר

|צו טיטולירן זיך"רבי" און "מורינו"| הער קומט אם 3917

לא עז קומט איהן פון דען עדלים הער דז מן היישט איין

דוקטיר אזו האבן זיא דען מנהג נאך גיפאלגט".

צמח דוד, 1, דף לב.

1743 " |...| אונ' איין טייל האבן זיך איין (היתר)

דר פון גמאכט דען זיא האבן גזאגט דש זיא נאר (חייב מלקות 3909

דריבר זיין".

שארית ישראל, דף ק'.

ה י ת ר = ה ו ר א ה |~ הויראע| - די, בא. רעכט, רשות
צי זיין א רב, ארויסגעגעבן דורך אנדערע רבנים;
סמיכה אויף רבנות.

1926 " ברוך איז פארט דער בעסטער בחור אין שטעטל,האט
היתר=הוראה |...|". 3930
אפאטאשו, 5, 87.

1963 "ווען א ישיבה=בחור באקומט היתר=הוראה, באקומט ער
דאס פון די רבנים אויסער דער ישיבה, ווייל אין דער 3931
ישיבה גופה זענען נישטא קיין אטעסטאטן, דאס לערנען
תורה איז דער איינציקער ציל פון דיער ישיבה.
ז. ווארהאפטיג, פער 69, 12/V.

ה י ת ר (מ) מ א ה ר ב נ י ם| ~ (מי)מייע ראבאנים| -

א היתר פון הונדערט רבנים. ווערט לויט דער הלכה
געפאדערט אין אויסערגעוויינלעכע פאלן, למשל מתיר צו זיין
א מאן וועמעס ווייב, איז אראפ פון זינען, חתונה צו האבן
מיט אן אנדער פרוי.

1958 " לסוף האט דער מאן אויפגעהערט קומען און גענומען
3933 זוכן א היתר פון מאה רבנים |חתונה צו האבן|, ווייל
א משוגענע קען מען ניט גטן".

גראדע, פער 5/IX,68.

ה י ת ר = ע י ס ק א |~ איסקא| – די דערלויבעניש, דאס רעכט צו נעמען פראצענט פאר געליענעם געלט (וואס איז על=פי=דין פארבאטן); די היתר=עיסקא תקנה איז געפסקנט געווארן דורך מהר"ם מרוטנבורג (1215 – 1293) מיט דער באגרינדונג, אז דער מלווה קאן גערעכנט ווערן ווי א שותף צום געשעפט, וואס דער (לווה) מאכט מיטן געליענעם געלט, דעריבער קומט דעם ערשטן א חלק אין רווח.

1866 " |...| ווען אבער ער האט גענומען געלט מישראל
אויף <u>היתר=עיסקא</u>, קאן ער דען רווח וואס קומט עפ"י 3945
היתר=עיסקא, פון דער חברותא=קאסע צאלן בכל אופן |...|".
<u>מ. הלוי הורוויץ, 1, דף י"ב.</u>

... " די וואס האבן פיינט 'שווינדל', געבן זיך אפ מיט
'גמילות=חסדים', דאס הייסט, זיי פארלייען |...| געלט און 3939
נעמען פראצענט על=פי היתר=עיסקא |...|".
<u>שלום=עליכם, 5א, 11.</u>

892

1952 " דער <u>היתר=עיסקא</u> |...| דערלויבט דעם מלווה |...|

צו נעמען פראצענט אין דער פארעם פון א חלק אין רווח".

<u>מ. באלאבאן, יזב 12, 121.</u>

ה י ת ר = ש ח י ט ה - <u>דער, בא.</u>

דערלויבעניש, אויטאריזאציע רעכט צו קענען שעכטן לויטן
יידישן דין.

... " ער נעמט ארויס א היתר=שחיטה און ווערט א שוחט אויפן
דארף |...,|".

<u>פרץ, דערצ׳ "ס׳ א. גוט".</u>